STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00179

ALEYN

Joseph Opatoshu

Permanent preservation of this book was made possible by
Gertrude Golob
in memory of
Milton J. Golob

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליין

(ראמאן)

י. אפאטאשו

פערלאג „ניי-צייט", ניו יארק

1919

Copyright 1919
by
Joseph Opatovsky

אליין

ראמאן — 1912—1913.

אין ווילדען וואַלד אַליין,
אין ווילדען וואַלד אַליין...
(פאָלקס־ליעד).

שרה׳קע וואקסט אַליין אין וואַלד.

שרה׳קע איז געוואַקסען אין וואַלד אַליין, כמעט אהן חבר׳-טעס.

מאַריאַנאַ, דעם לעשניק׳ס ווייב, האט שרה׳קען מיטגענומען קלויבען יאַגדעס, שוואַמען, פערקראַכען מיט איהר אויף דער לאַנ-קע, נישט ווייט פון דער ווייכסעל, וואו זייערע קיה האבען זיך געפּאַשעט.

שרה׳קע איז געזעסען, געריסען פעלד-בלומען און געהערט ווי מאַריאַנאַ דערצעהלט וועגען דעם אַלטען מילנער וואס געפינט זיך אין דער ווינד-מיהל, ווי דער מילנער קען אַרויספיהרען די שטיינער און זיי לויפען איהם נאָך ווי געטרייע הינד, ווי דער מילנער האט אַ פּלייט און אַז ער וויל, געהט ער אין פעלד אַריין, זעצט זיך אַוועק, נעמט שפּילען און מתנות-ווייז בעווייזען זיך פעלד-מייז, רינגלען איהם אַרום, דרעהען מיט די עקען און אַז ער הערט אויף צו שפּילען בעהאַלטען זיי זיך אַלע אין די נאָרעס.

זונינע פליטערלעך האבען געגלעט, געקושט, זיך פערקליבען אין די פערזשמורעטע אויגען — האט שרה׳קע אַריבערגעוואָרפען אַ פּאַסמע שוואַרצעהאָר, נישט געקענט מעהר אייגזיצען, געגר-מען ביי מאַריאַנען אַ שטיקעל ברויט און געגאַנגען צו די וועל-שענע ביימער. זי האט ליעב געהאַט צו קוקען ווי די וויוועריקעס שפּרינגען פון צווייג צו צווייג. זי האט זיי געוואָרפען קרישקעס און די וויוועריקעס האבען שרה׳קען אַרומגערינגעלט, געגעסען פון איהרע הענד אַרויס.

די קליינע שרה'קע איז געשטאנען מיט'ן צושפרייטען פאר־טוכעל א פרישע, מיט רויטע פערעמלעך אין די בלאסע באקען און ארום איהר זיינען געשפרונגען גאלדענע וויווערקעס, געשפרונ־גען, זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיסלעך, פעריסען די לאנ־גע, הארינע עקען, געקוקט, איינגעקוועטשט די שנעבעלעך און גע־שמעקט.

און אז זי האט צוטיילט דאס גאנצע ברויט, האט זי אראפ־געלאזט דאס פארטוכעל, געשטאנען נאך א ווילע, א פאטש גע־טון מיט די הענטלעך:

— נישטא מעהר! ווארט, מארגען וועל איך ווידער קומען!

זי האט זיך געשלעפט איבער'ן וואלד.

א האז מיט א פאר אויפגעשטעלטע אויערען איז געזעסען אויף די הינטערשטע פיסלעך, ווי אן אויסגעהאקטער און גע־קוקט אין הימעל אריין. ער האט דערזעהן שרה'קען, זיך א פנים דערשראקען, אומגעליינט די אויערען און געמאכט פים.

שרה'קע איז געבליבען שטעהן, אריינגעליינט א פינגער אין מויל, זיך פערטראכט און געגאנגען ווייטער.

אויף'ן וועג האט זי געקליבען רויטע יאגדעס. זי האט זיך אפגעשטעלט ביי א יונג ביימעל און עס דרייסט א שאקעל גע־טון:

— דו ווייסט, כ'בין דעם שרייבער'ס טאכטער?

— דו ווילסט מיר נישט ענטפערן?

— נארעלע, אז כ'וועד בייז, בעט איך מיין טאטען, האקט מען דיך אויס!

— מיין טאטע וועט מיך נישט פאלגען?

— ער וועט מיך יא פאלגען! ער האט מיך אזוי ליע—ב —

— — אלע ביי־נאכט נעמט ער מיך אין בעט אריין און דער־צעהלט מיר אזוינע שעהנע מעשיות און דיך נישט, אבע! דיך נישט — — — — דו ווייסט? וויין נישט, כ'וועל איהם נישט

זאגען, אסור! כ'וועל אלע טאג צו דיר קומען. מיר וועלען זיין חבר. כ'וועל דיר אלץ דערציילען; אלץ, גוט? כ'האב אזא שעה־נע ליאלקע מיט זיידענע קליידער, אז מען ניט איהר א קוועטש רעדט זי.

— גלויבסט נישט? יא, גלויב, מיין טאטע זאגט, כ'זאג קיין מאל קיין ליגען נישט!

— פארוואס שווייגסטו? נעה ביזט א שלעכטער! כ'האב פיינד שלעכטע! כ'וועל מיט דיר אייביג זיין ברוגז, אייביג!

און אז אנגעכמורעטע האט זיך שרה'קע געשלעפט איבער'ן וואלד, ביז זי איז פערקראכען אויף'ן בערגעל וואו דער וויאטרעק איז געשטאנען. דעם וויאטרעק האט שרה'קע זעהר ליעב געהאט. פיעל מאל האט זיך איהר געדאכט אז דער וויאטרעק איז אן אל־טער גבור, שטעהט אויף'ן בערגעל, מיט דעם גרויסען פערשוי־מעלטען היטעל און פערטרייבט פון זיי אלע וואלד־גזלנים.

דער אלטער וויאטרעק איז א גוטער נור מען דארף איהם נישט ברענגען אין כעס אריין. אז מען ברענגט איהם אין כעס נעמט ער וואיען, פייפען און דרעהט מיט די פליגלען אהן אויפ־הער, און טאקע פאר־א־יאהרען איז דאס יונגע ביקעל מיט'ן איי־נעם הארן ארוים פון שטאהל, אויסגעהאקט דאס פענסטער, גענו־מען איבערקעהרען דעם גאנצען הויף. דאס ביקעל איז באלד צו צו'ם וויאטרעק און מיט'ן גאנצען כח איהם א באדושע געטון. דער וויאטרעק האט געטון א שטארקען קרעכץ, א פליגעל האט זיך אויסגעבראכען און דאס ביקעל איז אוועקגעשליידערט געווארען אויף עטליכע איילען א דער'הרג'געטער.

פון דעמאלט אן האט זי נאך ליבער געקראגען דעם וויאט־רעק. פאר'ן מילנער האט זי אפילו מורא געהאט, נור זי האט נישט געוואוסט, וואס עס ציהט זי צו איהם. זי האט איין מאל געזעהן, ווי דער אלטער מילנער האט אנגעריסען וועלשענע בלע־טער, געדרעהט די בלעטער, געדרעהט, גענומען די פלייט זיך פע־נאנדערגעשפילט — האבען די בלעטער גענומען טאנצען, זיך דרעהען ארום איהם. שרה'קע האט נאך מעהר מורא געקראגען

פאר'ן מילנער און אין דער זעלבער צייט איז זי אפטער נעגאנגען צו איהם.

— גוט מארגען, מיקאלאי!

— גוט מארגען, שעהנע פאננא! וואו איז דער פאן שרייבער?

— דער טאטע איז אין וואלד.

— גוט טעכטעריל!

— מיקאלאי, שפיעל א ביסעל!

דער אלטער מילנער האט ארויסגענומען די פלייט, געמאכט עטליכע באוועגונגען מיט די פינגער, פערליינגט א פוס אויף א פוס און זיך פארנאנדערגעשפיעלט.

שרה'קע האט געקוקט אויפ'ן גרויען מיקאלאי, וואס וואהנט תמיד איינער אליין אויף דער ווינד־מיהל, האט נישט קיינעם און פ'איז איהר אומעטיג געווארען.

מיקאלאי האט אויפגעהערט שפיעלען און א קוש געטון שרה'־קען אין קעפעל.

שרה'קע איז געווארען דרייסטער, ארייננעשטעלט איהר הענ־טיל אין זיינע זילבערנע פאסמעס האר:

— האסט נישט מורא דא אליין צו זיין? אפילו ביי נאכט איך נישט?

— פאר וועמען זאל איך מורא האבען, קינד מיינס?

— ברייגע זאגט אז ביי נאכט טאנצען ארום אויפ'ן וויאטרעק טייוואלים. און דו האסט נישט מורא? ווי זעהט אויס א טיי־וועל?

מיקאלאי האט געשמייכעלט:

— ווי א ציגיינער נור מיט אן עק.

— יא, יא — האט שרה'קע זיך געפרעהט — איך האב אמאל געזעהן ווי א קליין ציגיינעריל האט זיך געגליטשט א בארוויסער אויף'ן אייז. ער האט געהאלטען די הענטלעך אין די קעשענעס, זיך געגליטשט און צוגעפייפט. און אז ער האט געזעהן ווי איך

קוק איהם אן, האט ער זיך פענאנדערגעלאכט און מיר אויסגע-בלעקט א צונג. מיקאלאי, אמת ער איז א טייוועל?

— א קליין טייוועלע — האט זיך מיקאלאי צולאכט.

שרה'קע איז אראפ פון וויאטרעק, גוזשמורעט פון צופיעל ליכט מיט די אויגען און געגאנגען מיט דער לאנקע.

די ווייכסעל האט זיך געצונדען אונטער דער צופלאמטער זון, זיך געוויעגט ווי א בריליאנטענער שפיגעל, אפגעשפיגעלט די גריי-נע לאנקעס — איז די ווייכסעל פון ביידע זייטען גרין געווארען. און בארג ארויף וואו די ווייכסעל האט זיך געשפאלטען אין צוויי-ען, מיטגעריסען, צודריוועלטע, זילבערנע סטענגעס און געפאלען מיט א געפילדער אויף שפיציגע, מיט גרינעם מאד בעוואקסענע סקאלעס — איז אויסגעוואקסען וואנדעס קריסטאלענער פאלאץ.

און וואנדע, די קייסערין פון דער ווייכסעל, מיט די גאלדע-נע האר, מיט'ן בלויען קלייד, ווי דער ים, האט געבלענדט די אויגען, געגלעט און געווארעמט ווי א שטראהל, זיך פער'גנב'עט אונטער'ן הארץ און געוועקט, גערופען אין פאלאץ אריין, גערופען צו די שווארצע סקאלעס — האט שרה'קע דערזעהן די מוטער אזא יונגע, א וואסערדיגע, געשלייערט אין שבת'דיגע טערקישע שאל-טיכער.

— קום טאכטערשי, קום צו דיין מאמעשי! שלעכטע מענ-שען האבען דיך פון מיר צוגענומען, טאכטערשי! קום צו דיין מאמעשי! — האט די ווייכסעל גערופען, פערנארט צו זיך.

און טיעף פון וואלד ארוים זיינען שטראהלען בעפאלען שרה'-קען, זי גענומען קושען, צינדען איהרע בלאסע באקען — האט זי פערזשמורעט די אויגען, איינגעקארטשעט דאס קעפעל און פער-שוואונדען צווישען די בוימער.

— וואו געהסטו דו, טאכטערשי? — איז מרדכי, איהר אנט-קעגען געקומען מיט צושפרייטע הענד.

דער פאטער האט זי אויפגעהויבען, זיך איינגעקוקט אין איה-רע שווארצע אויגען, אז שרה'קע האט אזש מורא געקראגען, זי

צונעדרוקט א ווײלע צו זײן ברוסט און א פערטראכטער גענומען געהן מיט איהר א היים.

די ביימער איינס ביי איינם געקליבענע, ווי די ריזען, מיט קרוינען אויף די קעפ, האבען געטראגען סודות אויף הונדערט שלעסער. ווינטער אין די לאנגע אווענדען, ווען די העקערס זיינען אוועק פון וואלד, האבען די יונגע ביימער זיך געטוליעט צו די אל־טע. די אלטע ביימער האבען צועפענט די פערראסטעטע שלעסער און דערצעהלט ווענען וואנדערן, די קייסעריין פון דער ווייכסעל, ווענען די אלטע דעמבעס צו וועלכע די העקערס האבען תפילה געטון, ווענען דעם ערשטען ישוב ארום דעם „אלשענע“ וואו מרדכי'ס עלטער זיידע האט פערטריבען מיט א שם־המפורש די רוחות פון וואלד, ווענען מרדכי'ס געהאנגענעם טאטען, וואס האט געטריי געדיענט פוילען.

מרדכי'ס זיידע איז געווען שרייבער אין ליפּאוועצער וואלד. דארט איז זיין טאטע געבארען געווארען, זיך אויסגעהאדעוועט, חתונה געהאט און פערנומען דעם זיידענ'ס שטעל. דארט איז ער מרדכי געבארען געווארען, זיין קינדהייט פערבראכט, גע־לערנט ביי דעם מקובל ר' איטשען, דארט האט ער זיך פערליעבט אין פאכטער'ס טאכטער רחל.

די טונקעלע וועלדער האבען געהאט צו דערצעהלען ווענען שטילע נעכט, ווען די בלאסע רחל האט מרדכי'ן גערופען, איהם געצווינגען ווי מיט א מאגנעט, ווענען דער קריגעריי צווישען פא־טער און זוהן, ווענען דעם ווי מרדכי איז פערפאלען געווארען און דער פאטער האט פון איהם מעהר ניט געוואלט וויסען.

קלאנגען האבען זיך פערשפרייט אז מרדכי געפינט זיך אין פרייסען, איז ווייט פון אידישקייט, וואוינט מיט א דייטשקע.

די פישערס האבען געטענה'ט אז וואנדע נעמט פאר עפּיס נקמה און מען דארף זי איבערבעטען — האט מרדכי'ס מוטער דורך דעם גאנצען „קארנעוואל“, ווען די פישערס האבען חתונה, גע־שיקט זיי פעסלעך ביער און די ווייבער פון די חתנימ'ס צד, הא־

בען צומארגענס נאך יעדער חתונה, אויסגעשלייערטע און מיט געזאנג, געשאנקען וואנדרען דאס ליילעך.

זעלנער זיינען געקומען אין וואלד אריין, געזוכט מרדכי'ן. דעמאלט האט שוין דער פאטער געוואוסט אז מרדכי איז צוריק אין פוילען, געפונען זיך מיט די „זשלאוועז" אין קיעלצער געגענד און האט איהם אלץ מוחל געווען. אז ס'איז געווארען פינסטער האט ער אנגעצונדען ליכט אין אלע פענסטער, געווען זיכער אז מרדכי קען יעדער נאכט אהיימקומען.

מיט פארלעגטע הענד אויף א הינטען איז מרדכי ארוים פון וואלד. שרה'קע איז איהם נאכגעגאנגען. ארום און ארום, ווי ווייט ס'אויג האט געקענט כאפען, זיינען די פעלדער געווען באַדעקט מיט פיענעס פון אפגעהאקטע ביימער און מיט אפגעשאַסענער מאך, ווי מען וואלט איהם ארויסגענומען סוף ווינטער פון דאפעלטע פענסטער. די פיענעס מיט אפגערעקטע, אפגעסמאליעטע ווארצלען האבען אויסגעזעהן ווי שטוהלענע לאפעס פון בעהאלטענע חיות, וואס האבען זיך איינגעגראבען אין דער ערד און נאגען אוים ביז צום לעצטען טראפען די פייכטקייט. די ערד האט זיך געקרישעלט אונטער מרדכי'ס פיס, געהוסט ווי זי וואלט סובאטע געהאט. און די עטליכע ביימער וואס זיינען געשטאנען דא און דארט, ווי פארגעסענע, האבען געקוקט מיט זייערע אויסגעדארטע צווייגען פון מזרח נאך מערב און גע'חלומ'ט פון אמאליגע צייטען, ווען די וועלדער האבען זיך געצויגען ביז איבער פלאצק, נישט געווען איינגעטיילט אין שרה'ישע און פויערישע, נישט געווען צושניטען אויף ליפאוועצער, אומניסקער און רעגיערונג־וועלדער. די עטליכע ביימער האט מען נישט אויסגעהאקט, זיי איבערגעלאזט אויף א זכר, דען אויף זיי האט דער שונא אויפגעהאנגען אפשר דאס שעהנסטע וואס פוילען האט אמאל געהאט — דעם אויפשטאנד.

היינט זיינען די אויסגעדארטע צווייגען באדעקט מיט נעסטען פון קראהען.

די הונדערט יעהריגע ביימער געדענקען אבער בעסערע צייי־

מען — צו זיי האט מען תפילה געטון, דער אדלער האט פון זיי־ערע קרוינען אנגעיאגט א שרעק אויף די וואלד־פויגעל און דאכט זיך, נעכטען נאך האט דער לאנג־וואנסיגער פארלעווסקי מיט זיין קרומע שאבלע דא געוועהט מיט זיינע מחנות.

צווישען די געהאנגענע איז געווען מרדכי'ס פאטער. מרדכי האט געשפרייזט פון איין בערגעל מאך אויף'ן צווייטען, פארגעסען וואו ער איז און וואוהין ער געהט. ער האט געקוקט אויף די ווייסע בעריאזקעס, ווי פארשנעעטע און עס האט זיך מיט אמאל ביי איהם גענומען פלאנטערען ווי א דורכגעווייקטער, א הונגע־ריגער, איז ער געשטאנען איבער'ן פאכטער מיט א לאמטערנע און געוועקט — געוועקט ער זאל איהם העלפען ברענגען דעם פאטער צו קבר־ישראל.

נישט־גוטע האבען זיך אפגעריסען פון אלע זייטען, ארויס פון טיפען וואלד מיט א פייפעריי, געשמיסען פלאכטעסווייז דעם שנעע, אז פונקען זיינען אזש געפלויגען פאר די אויגען. פון פינ־סטערען וואלד האט זיך געטראגען א פערשטיקטער געוויין און ס'האט זיך געדאכט אז דער געהאנגענער ראנגעלט זיך נאך מיט'ן שונא — — — — .

דאס האבען ווארנעס געקראקעט, געפלויגען ארום דעם גע־האנגענעם און געטון „זיין רעכט".

ביז איבער'ן גארטעל איז שנעע האט מרדכי מיט'ן פאכטער, געבויגענע, מיט'ן „שמע־ישראל" אויף די ליפען, געטראגען דעם מת אהיים.

נאך דער נאכט האט מרדכי בעשלאסען צו בלייבען אין וואלד. די העקערס האבען זיך געשושקעט אז דער יונגער פאן, האט גע־וואלט בעפרייען פוילען, אז קאזאקען קענען איהם יערע נאכט בעפאלען, צושניידען אויף שטיקער, האבען זיי מיט די העק גע־הים דאס הויז.

קיינער איז דאס הויז נישט בעפאלען. די שטובינגע האבען געזעהן אז מרדכי איז געווארען אנאנדערער. ער האט וועגען זיך קיינמאל נישט גערעדט, אויסגעמיטען מענשען און זיך בלויז פער־

נומען מיט געשעפט. די קאסטענס מיט ביכער וואס זיינען צו איהם אנגעקומען פון אויסלאנד האט ער נישט געהייסען עפענען, זיי פערשלאסען נישט געעפענטערהייט אין א קאמער. ער איז געווארען פרומער פון טאג צו טאג, צוריק אנגעהויבען פאהרען צו א רבי'ן און חתונה געהאט.

מיט דער צייט האט ס'ווייב איהם געבוירען א טאכטער און איז אין דער קינדבעט משוגע געווארען.

שרה'קע איז געבוירען געווארען א בלאסע, מיט שווארצע אויגעלעך, מיט שווארצע הערעלעך אויף'ן קעפיל.

איינמאל אין א זוניגען נאכמיטאג האבען פויערים וואס האבען געארבייט ביי דער ווייכסעל, ארויסגעשלעפט א מוטער מיט א קינד. די מוטער איז געווען א דערטרונקענע און שרה'קען האט מען קוים דערמינטערט.

נאך דעם אומגליק איז מרדכי איז גאנצען פערשוויגען געווארען, בעשלאסען מעהר ניט חתונה צו האבען און זיך גענומען אויסהאדעווען דאס מיידעלע.

— 2 —

שרהה׳קע בעקענט זיך מיט ברוך׳ן.

שרה׳קע האט זיך אנגעטון א שובקע אויף פוטער, א וואלענעם שאל אויפ׳ן קאפ און ווי א דארף־מיידעל איז זי ארוים מיט דער אלטער דיענסט, ברײנע, אויפ׳ן גאנעק, וואס געפינט זיך פאר זייער הויז.

דער פאטער איז שוין געזעסען אין א טיעפען שליטען, גע־שפאנט אין צוויי צוגאווע פערד. די פיס זיינען געווען באדעקט מיט פוטערנעם „קאץ" און ער האט געווארט אויף שרה׳קען.

דער ווייס־זילבערנער שנעע האט מיט אמאל אפגעגאסען שרה׳קען מיט אזוי פיעל ליכט, אז זי האט געמוזט פערמאכען אויף א ווײלע די אויגען. שרה׳קע האט דערפיהלט ווי דער פראסט קנײפט די באק, פיעדעלט אונטער די פיס — איז זי לעבעדיגער געווארען. זי האט גיך געכאפט צוויי הענטלעך מיט שנעע, עס גוט איינגעקוועטשט, זיך ארומגעקוקט און דערזעהענדיג ווי דער לעשניק געהט ארויס פון שטאהל אין דעם וואטענעם „סוקמאן", מיט א בייטש אין דער האנד — האט זי א געשריי געטון:

— וואצעק, כאפ!

דער לעשניק האט אויפגעהויבען דעם קאפ און די קויל שנעע האט זיך צולעגט אויף זיין פנים.

וואצעק האט זיך צולאכט, גיך געכאפט שרה׳קען, געוואלט אויסציהען אויף׳ן שנעע און זי גלייך אוועקגעזעצט אויפ׳ן שלי־טען.

די אַלטע ברײַנע האָט זי גוט אַרומגערעקט, זיך צוקושט, אָנ־גערופֿן מרדכי׳ן. ער זאָל אַכטונג טון אויפֿ׳ן קינד — און די פֿערד האָבן לײַכט געריהרט פֿון אָרט.

אַ לענגערע צײַט זײַנען זיי געפֿאָהרען און געשוויגען. מרדכי איז געווען פֿערטיפֿט אין זײַנע געשעפֿטען און שׂרה׳קע האָט זיך ניט געקענט אָפּרײַסען פֿון דעם פֿערשנעעטען וואַלד, וואָס האָט זיך געטונקט און געשפּיגעלט אין זונענשײַן.

דער שליטען האָט זיך האַסטיג געטראָגען און שׂרה׳קע איז ווי אַ פֿער׳כשופֿ׳טע געזעסען און געקוקט ווי די הונדערטע אײַז־ליכט־לעך, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פֿון די הויכע, ווײַסע סאָסנעס, האָבן געבלענדעט די אויגען, זיך געצונדען אין בלוי־גריז, רויט־פֿאַנס, פּונקט ווי געשליפֿענע פּריזמע גלעזלעך בײַ זילבערנע הענג־לײַכטער.

פֿון וואַלד האָט זיך געטראָגען:

— האָפּ! האָפּ!

האָט מרדכי שוין ניט געקענט אײַנזיצען אין שליטען, גע־הייסען וואַצעק׳ען אויסדרעהען און צופֿאָהרען צום פּלאַץ, וואו זײַ־נע פּויערים האָבן אַראָפּגעלאָזט בוימער.

קופּקעס־ווײַז זײַנען די פּויערים געווען צעוואָרפֿען איבער׳ן וואַלד. טהייל האָבן אַראָפּגעלאָזט בוימער, אַנדערע — געזעגט קלעצער און אויפֿגעשטעלט האָלבע־קלאָפֿטער; טהייל זײַנען גע־שטאַנען בײַ קיהניגע קאָרפּע,*) וואָס האָט געפֿלאַקערט מיט אַ געדיכטען רויך, און זיך געוואָרעמט. דער רויטער פֿלאַם האָט זיך געשפּיגעלט אין דעם זילבערנעם שנעע, אָבגענאָסען די פּויערים מיט אַ קופּערנעם שײַן.

מיט אַ ווילדע הנאה האָט שׂרה׳קע אָפּגעוואַרט יעדען קראַך פֿון אַ געזונטען, פֿערצווײַגטען בוים, וואָס איז געפֿאַלען, מיט־רײַסענדיג יונגע ביימלעך, אונטער די פּויערשע קולות — האָפּ, האָפּ — טיעף אין שנעע אַרײַן.

---

*) אויסגעגראָבענע וואַרצלען פֿון אַן אויסגעהאַקטען בוים.

שרה'קען האט זיך געדאכט, אז די געזונטע פויערים מיט די פוטערנע היטלען, מיט די קאליריטע גארטלען ארום די שעפסענע פעלצלעך, מיט די שארפע, בלאנקענדע העק אין זייערע הענט — ראס איז א באנדע גזלנים. איהר פאטער, דער פיהרער פון דער באנדע, לויפט פון איין קופקע צו דער צווייטער, זיין לאנגע בארד טהיילט זיך אויף צווייען און רעדט, שרייט... די גזלנים ווארפען זיך אויף'ן וואלד מיט די בלאנקענדע העק און זעגען. אט לויפען אכט יונגע פויערים מיט שארפע העק, מיט זעגען, שטריק און דרענגער, צו א געזונטען, פערצווייגטען דעמב. די פויערים פארציהען די גארטלען און מיט א קרעכץ נעהמט זיך די זעג איינבייסען מיט איהרע צייהן אין איין זייט פון בוים, פון דער צווייטער ארבייטען צוויי העק צום טאקט. מען פערוואדפט שטריק, מען שפארט אונטער דרענגער, די פויערים רוקען זיך אפ, די אויגען גלאנצען מיט א קאלטען פייער.

שרה'קע האט געזעהן ווי דער דעמב שטעהט שטייף, טהוט זיך קיין ריר, כאטש ער וויס, אז באלד איז נאר איהם, נור נאכגעבען וויל ער נים. זי האט גרויס חשק געהאט צוצוגעהן צו די פויערים און זאגען:

— וואס אנטלויפט איהר, וואס? אכט אויף איינעם! אז איהר גנב'עט זיך אונטער, בינדט איהם מיט שטריק און יעצט אנטלויפט איהר? שעהמט אייך!

— טרא-טראך!

דער אלטער דעמב האט זיך א ציה געטהון ווי גרויס ער איז געווען, געפאלען מיט א קראך פון א וויטען דונער.

מרדכי איז אריינגעשפרונגען אין שליטען א פרעהליכער, זיך גוט צוגערעקט, צוגעטוליעט צו זיך שרה'קען.

— יעצט פאהרען מיר גלייך אין שטאדט אריין, צו דער מוהמע גיטעל!

די פערד, ארויסקומענדיג אויף'ן שאססע, האבען זיך פונאנדערגעטראגען ווילד, אויפהויבענדיג גאנצע וואלקענס שטעכיגע שנעעלעך. דער וואלד האט אליין געקרעכץ — האב, האפ — איז

שרה׳קען אומעטיג געווארען. זי האט אנגעשפארט איהר קעפעל אויף׳ן פאטער׳ס ברוסט און זיך פערטראכט.

— שרה׳קע, שלאפסט?

— ניין, טאטעשי! וואס איז?

נאר נישט!

איין דער מיט פון א פערפרוירענע וואסער, אויף א בערגעל, איז געשטאנען א זעקס־ווענטיגע געביידע, מיט צוויי ריעזיג־הויכע, קיילעכדיגע טהורעמס. די גאנצע געביידע איז געווען בעשאטען מיט שנעע, פון אונטער וועלכען עס האבען ארויסגעשטארט נא־קעטע, פערצווייגטע ביימער.

— טאטעשי, ווער וואוינט דא?

דאס איז דאך פאטאצקים שלאס, קינד מיינס. זעהסט, ווען כ׳בין נאך א אינגעל געווען, פלעגט דיין זיידעשי, עליו השלום, נים הייסען קוקען אהינצו. דארט — פלעגט ער זאגען — טאנ־צען ארום קליינע דייטשלעך — שדים. ווארט, מיר וועלען באלד דורכפאהרען, וועסטו זעהן ווי גרויס דער שלאס איז, ווי דיק די ווענד זיינען, אז מען קען זיך אויסדרעהען מיט א פאאר פערד אויף א וואנד.

שרה׳קע האט זיך ניט איינגעהערט, פערמאכט די אויגען, צוריק אנגעשפארט דאס קעפעל אן פאטער׳ס ברוסט און זיך איינ־געטוליעט.

מיט יאהרען צוריק האט געלעבט א הראביאנקע — יאדוויגע. שעהן איז יאדוויגע געווען — גע׳שם׳ט איבער קרויז פוילען און ליטא. בלינדע בעטלער מיט פערוואקסענע ווי חכמים קעפ, מיט קאלטענעוואטע לאנגע בערד, מיט באנדורעס אונטער די ארעמס, האבען זיך געשלעפט איבער פוילישע וועלדער און פעלדער, איבער פריצישע הויפען, בעזונגען יאדוויגע׳ס שעהנקייט — איז דאס געגוויין.

יונג איז יאדוויגע געווען — קוים אכצעהן פריהלינגס גע־צעהלט — האט דאס יונגווארג מיט אונגעדולד געווארט אויף׳ן „סיים״, געוואלט אנקוקען די שעהנע יאדוויגע.

און וואנדע, די קייסעריז פון דער ווייכסעל, האט זעהר גע־וואלט נעהמען יאדוויגע'ן פאר איהר זוהן, דעם לאנג־פיסיגען טא־דעאוש — האט זי איהם אויסגעבויט א פאלאץ, איהם געשענקט איהר הערב, דעם עלטסטען פוילישען הערב — א ווייסען אדלער מיט צוויי סנאפעס זאנגען און געשיקט טאדעאוש'ן נאך ווארשע אויף'ן „סיים".

שעהן איז יאדוויגע געווען — דאס קלענסטע גאלדענע שיכעל געטראגען — האט דאס יונגווארג געהאלטען אין איין שרייען „ווי־וואט", נעטרונקען פאר יאדוויגע'ס געזונד.

און דער לאנג־פוסיגער טאדעאוש, און דער הראביע פאטאצ־קי — די גרעסטע פוילישע יחסנים — האבען געבעטען יאדוויגע'ס האנד ביי איהרע עלטערען.

נישט געפעלען איז יאדוויגע'ן דער לאנג־פוסיגער טאדעאוש, געפעלען איז יאדוויגען פאטאצקי מיט די קריגערישע וואנסען, איז זי נעפאלען אויף א קאפריז — ווער עס וועט איהר אויפבויען א שעהנערען פאלאץ, צו דעם וועט זי געהערען.

וואנדע, די קייסעריז פון דער ווייכסעל, האט אויסגעבויט א קרישטאלענעם פאלאץ — איז טאקע דעם לאנג־פוסיגען'ס שלאס שעהנער געווען.

און יאדוויגען איז ווי אויף צו להכעיס, געפעלען געווארען פא־טאצקים שלאס, געבויט פון אכט עקיגע שטיינער און פון ווייסעלם פון אייער. האט זי מיט איהם חתונה געהאט און געבוירען צום יאהר א זוהן.

און געשטורעמט האט וואנדע, צוויי מאל אויסגעגאסען די ווייכסעל, פערפלייצט דערפער, אומגעבראכט נפשות, געשווארען נקמה צו נעהמען פון יאדוויגע'ן פאר איהר בעליידיגטען זוהן, דעם לאנג־פוסיגען טאדעאוש.

אויסגעוואקסען איז יאדוויגע'ס זוהן — האט זי איהם אוועק־געשיקט נאך ווילנא לערנען.

און וואנדע האט ניט גערוהט, ארויסגעשיקט נאך ווילנא אז אפגעברענט בראנזען מיידעל, א אידישע טאכטער, וואס האט זיך

מיט יאהרען צוריק בעהאלטען ביי וואנדרע'ן אין פאלאץ, ניט גע־וואלט ווערען גראף פאטאצקי'ס קעבס־ווייב.

שעהן זיינען אידישע טעכטער — איז דאס בראנזענע מיידעל, שולמית האט זי געהייסען, א שעהנע געווען.

געפעלען זיינען דעם יונגען גראף אידישע טעכטער און מעהר פון אלעמען — די שווארץ־חן'עוודיגע שולמית.

פערליעבט איז דער יונגער גראף געווען, זיך געשאַרט ארום שולמית'עם בלויען טהורעם ביי טאג און ביי נאכט, און ס'האבען אי בלומען, אי מיידלעך געלאכט....

מגייר געווען האט זיך דער יונגער גראף — שולמית האט גע־וואלט זיכער זיין אין גאנצען — האט דער „סיים" איהם איבער־געגעבען צום ווילנער קלויסטער און מען האט איהם פערברענט.

ניט גערוהט האט וואנדע, נקמה גענומען פאר איהר בעליידיג־טען זוהן, דעם לאנג־פוסיגען טאדעאוש. זי האט זיך פערקליבען אין שלאס אריין מיט איהרע בלויע וואסער־מיידלעך — איז יאד־וויגע מיט'ן גראף פון עגמת נפש געשטארבען און דער שלאס איז געווארען וויסט.

און נאכט איין, נאכט אויס טראגט זיך דער יונגער גר איבער פילישע פעלדער, רייט אויף א שווארץ צוגאווע פערד, א קרוין אויף'ן קאפ, זינגט „שיר השירים" און זוכט זיין כלה, זיין שולמית.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שרה'קע האט זיך א טרייסעל געטון, ווי זי וואלט אויפגעקור־מען פון א פער'כשופטען חלום, צועפענט דאס מויל און געזעהן ווי א איד מיט א פאר קאסע אויגען שטעלט אפ די פערד. דער פאטער האט ארויסגענומען צוויי קופערנע מטבעות און בעצאהלט שלאבוים־געלד.

שרה'קע האט ניט צייט געהאט א טראכט צו טון, ווי דער שליטען האט זיך אפגעשטעלט פאר א בשמים־געוועלב.

די מוהמע גיטעל איז ארויס אין א וואטענעם קאפטען:

— א וואס פאר געסט! וואס מאכסט: מרדכי? און דו שרה'קעלע קרוין? קום אהער!

גיטעל האט שרה׳קען אראפגענומען פון שליטען, און זי גע־נומען קושען, האלזען.

מרדכי איז באלד אוועק אין שטאדט אריין וועגן געשעפט. גיטעל האט שרה׳קען דערווייל אויסגעטון, בעטראכט יעדע זאך, געזאגט מבינות, אויסגעשלאגן אן איי, אריינגעבראכט פרישע זעמעל און געמאכט עפעס צו עסען.

ביים טיש איז געזעסען א דאר בחור׳ל פון א יאהר פיערצעהן מיט אן אויסגעווייקט פנים — האט דערזעהן שרה׳קען און זיך פערגאפט.

— ווייסט ווער דאס איז? — האט זיך גיטעל געווענדעט צו ברוך׳ן — דאס איז דעם פעטר מרדכי׳ס מיידעל, שרה׳קע!

ברוך האט ניט געענטפערט, עטוואס צומישט געווארען און גענומען דרעהען א קנעפיל פון זיין אלפאגען כאלאטעל. דערווייל איז אריין א קונה און גיטעל איז אריינגעגאנגען אין געוועלב.

— א מאדנער — האט שרה׳קע געטראכט — רעדט גאר ניט! און איך האב געמיינט אז ברוך איז אזא פרעהליכער, א שטאדטיש איננעל! און אפשר שטעהט איהם ניט אן צו ריידען מיט מיר?

— ברוך — האט שרה׳קע אנגעהויבען — דו ווייסט, כ׳האב אזוי דיך געוואלט זעהן. דער טאטעשי פלעגט מיר תמיד דער־צעהלען, אז דו ביזט דער בעסטער אין חדר.

שרה׳קע האט געגעסען פאמעלעך, דרייסט געקוקט אויף ברוך׳ען און געוואלט ער זאל עפעס ענטפערען.

— כ׳געה ניט מעהר אין חדר! — האט ברוך געענטפערט און אויפגעהויבען די אויגען.

— פארוואס?

— ווייל קליינע „חברה“ געהען אין חדר! און איך בין שוין בעל־מצוה.

— לערנסטו שוין אין גאנצען ניט?

— וואס הייסט, כ׳לערען ניט — האט זיך ברוך צולאכט — כ׳לערען איצט אליין אין בית המדרש מיט אלע בחורים.

— וואס לערנסטו אין בית המדרש?

— און אז כ'וועל דיר זאגען, וועסטו וויסען? ביזט דאך א מיידעל — האט ברוך געענטפערט מיט גדלות.

שרה'קע האט זיך עפעס דערשראָקען, גלייך ווי זי וואלט טאקע ערשט צום ערשטען מאל א טראכט געטאָן:

— בין איך טאקע א מיידעל? — און האט אראפגעלאזט א ליפ — דארף מען ניט!

באלד האט זי זיך פארגעסען:

— ברוך, פארוואס קומסטו קיין מאל נישט אין וואלד אריין?

— וואס וועל איך דארט טון?

— ווייסט וואס? זומער וועלען מיר צוזאמען געהן אין וואלד קלייבען יאגדעס, שוואמען, קריכען אויף די ביימער, ארויסנעהמען פון די נעסטען פויגעל. אז ניט וועלען מיר נעהמען די לאָדקע אין פאהרען אויף דער ווייכסעל. איך פאהר אזוי גוט! כ'שווים אויך. דו ווייסט? און דו שווימסט?

— יא — האט ברוך געענטפערט און ניט דרייסט געקוקט אויף שרה'קע.

ער האט זיך מיט אמאל דערפיהלט אזוי נאהענט צו איהר, גע־וואלט דערצעהלען ווי ער שפרינגט אראפ פון ביידעל, מאכט א נו־רעק איבער פינף מינוט, געהט א „בואי - בשלום", וואסער טריט, לענט קלאפטער אהן א בלעזעל — האט ער זיך באגעגענט מיט איהר בליק, איז רויט געווארען און שטיל געבליבען.

— דו ווייסט, ברוך, איך רייט אויף א פערד אויך! אז דער טאטעשי זעהט, לאזט ער נישט, נור ווען ער איז אין וואלד, זעץ איך זיך אויף אהן א זאטעל און רייט. ס'איז אזוי גוט! קום ארוים אין וואלד אריין, וועלען מיר צוזאמען רייטען, גוט? ניטעל איז אריינגעקומען.

— עה, שרה'קע, האסט דאך גאר ניט געגעסען! אלץ שטעהט דאך! עס, קינד!

— מוהמע, פאר וואס שיקט די מוהמע ברוך'ן קיינמאל נישט אין וואלד אריין?

— ווי קען איך איהם שיקען, שרה'קעלע, אז ער דאַרף לער־נען? מיין ברוך איז שוין קיין עין הרע אַ בחור, קוק! — האָט גיטעל געוויזען מיט דער האַנד אויף איהר זוהנדעל.

אַ ב—חור האָט שרה'קע נאָכגעשעפּט — כ'בין אייגער פאַר ברוך'ן און פונדעסטוועגען וועל איך זיך מיט איהם פּרו־בירען.

ברוך האָט געקוקט אויף דער מוטער און געשמייכעלט.

— קום אַהער, ברוך, לאָמיר זיך פּרובירען! וואָס גיסטו אַז כ'וועל דיר לעגען?

שרה'קע איז גיך צוגעגאַנגען צו ברוך'ן, איהם אַרומגעכאַפּט, אַ גוטען טרייסעל געטון און איהם אויסגעצויגען אויף דער פּאָד־לאָגע.

— לאָז מיך אָפּ, ס'איז ניט שעהן, ס'פּאַסט פאַר אַ שיקסע — האָט זיך ברוך צושריען אַ רויטער פון שאַנדע און איז אויפגע־שפּרונגען..

— 3 —

ברוך קומט צו גאסט אין וואלד אריין.

ל"ג בעומר נאך מיטאג, האט זיך די בויד, וואס געהט מיט פאסאזשירען נאך פלאצק, אפגעשטעלט אונטער ליפאווצער וואלד.

לייב בעל עגלה, א שווערער איד, מיט שווערע טריט, ווי אן אקס איז אראפ פון דער קעלנע, א טרייסעל געטון ברוך'ן:

— נו בחור'ל, שפרינג ארונטער!

ברוך איז אראפ א האלב דערשראקענער פון וואגען, לייב האט איהם אראפגעפיהרט פון שאססע אויף א זאמדיגען וועג, איהם געוויזען אויף א גרוים געל־געפארבט הויז:

— זעהסט דארט א הויז, א געלס?

— יא.

— דארט וואהנט דער פעטער מרדכי! געה גלייך, האב קיין מורא! — האט לייב געזאגט און זיך אומגעקעהרט.

ברוך איז געבליבען שטעהן אין זיין שווארץ אלפאגען כאלא־טעל, זיך ארומגעקוקט און ניט מיט זיכערע טריט גענומען געהן צום הויז.

אויף דער לאנקע איז געלעגען א שייגעץ אויסגעצויגען ווי א העכט, געמאכט מיט די הענד און געדרוקט זיין קערפער, ווי אייער וואס לערנט זיך שווימען. נעבען איהם איז געזעסען א קאל־טענעוואטער דארפישער הונד מיט א דרעגגעל צווישען די פיס, פויל אפגעטריעבען מיט א לאפע די פליעגען פון אונטער'ן אוי־ער און געשמאק געגענעצט. ניט ווייט אונטער א בוים, זיינען גע־שטאנען צוויי קיה, געפרייכט און מעלה־גרה געווען.

ברוך האט געפיהלט ווי די פיס וואקלען זיך איהם און ער האט גענומען געהן פאמעליכער.

דער שייגעץ איז אויפגעשפרונגען, בעטראכט ברוך'ן און זיך צולאכט:

— וואוהין?

— צום שרייבער.

—גלייך! — האט דער שייגעץ א בורטשע געטון, זיך גע־לענט אין דער זעלבער פאזע און ווייטער געשוואומען.

ברוך האט דערפיהלט עטוואס לייכטער, גענומען שפרייזען גי־כער און אלץ אין איינעם געווארפען בליקען צום שייגעץ, טאמער יאגט ער איהם נאך.

ביי דער וועראנדע האט זיך ברוך אפגעשטעלט, ארויסגענומען זיין נאז־טיכעל, אפגעשטויבט די שיך מיט די גומעס אין דער זייט, זיך א טאפ געטון ביי'ם שניפסעל, וואס האט געשטעקט אין דעם ווייסען איבערגעלעגטען קאלנער פון העמד, אפגעהוסט און ארויף אויף'ן טרעפעל.

מרדכי איז איהם אנטקעגען געקומען מיט א האלבען „קלאפ־טער" אין דער האנד:

— זעה נור, זעה! שלום עליכם, ברוך! וואס מאכסטו עפעס? און וואס מאכט די מאמע? קום אריין.

ברוך איז אריין פאמעליך, עס האט זיך איהם יעצט ניט גע־וואלט טרעפען שרה'קען. אזא ווילדע שעהמט זיך גאר ניט, און וואס איהר קען נאך אלץ איינפאלען דעם פעטער אין די אויגען?

— ס'קאציל קום, ברוך! אויסגעוואקסען, קיין עין הרע, א בחור! נו, וואס מאכט די מאמע? ביזט דאך אודאי הונגעריג?

— האט די אלטע ביינע געזאגט אלץ מיט א מאל.

— ניין .... — האט ברוך געענפערט און איז רויט געווארען.

— עה, וואס ער רעדט! ביינע, מאכט איהם עפעס צו עסען! — האט מרדכי געשמייכעלט און זיך געווענדעט צו ברוך'ן.

— וואס איז שייך, ברוך, ס'איז דאך היינט עפעס ל"ג בעומר. און קרעפלאך צו עסען איז דאך א מצוה — אם אין קמח אין תורה,

דא, הא! — כ׳שיק דיר באלד אהער שרה׳קען, זי וועט זיך דאס ז׳ינגמאל פרעהען — און מרדכי איז ארויס פון שטוב.

די אלטע בריינע האט אריינגעבראכט אויף א ווייסער טאץ א שיסעל מיט קרעפלעך, ברויט, פוטער און קעז.

— וואש זיך און עס!

ברוך האט זיך געוואשען, געמאכט המוציא. די אלטע האט זיך געריבען די פינגער אן וואנד — נאכגעזאגט אמן.

עס האט זיך געהערט א שטארקער שפרונג אויף דער ווערא-נדע, באלד האט זיך געעפענט די טהיר.

— דאס גערט שרה׳קע — האט בריינע א צופריעדענע גע-זאגט.

שרה׳קע איז אריין א צופלאמטע, די בלאסע באקען פערויר-טעלט, און מיט א קורצען אטהעם האט זי אנגעהויבען:

— אי ,גוט וואס דו ביזט געקומען, ברוך! בין איך געלא-פען! ס׳הארץ קלאפט מיר!

שרה׳קע האט אנגענומען ברוך׳ס האנד, צוגעלעגט צו איהר ברוסט:

— נא זעה!

בריינע האט בעמערקט ווי ברוך האט זיך פערלוירען.

— וואס לאזטו איהם ניט עסען, דו ווילדע ציעג!

שרה׳קע האט זיך ניט איינגעהערט וואס בריינע רעדט.

— ווייסט וואו איך בין געווען? ביי די ציגיינער. ביי אונז הינטער׳ן וואלד וואהנען ציגיינער. דארט איז דא אן אלטע ציי-גאנקע, האט זי מיך אזוי ליעב! זי זאגט, אז איך זעה אויס ווי א פרינצעסין! — האט זיך שרה׳קע צולאכט אויף׳ן קול.

— געדענק זשע, שרה׳קע — האט בריינע גע׳מוסר׳ט — געה ני צו די ציגיינער! זיי וועלען דיך נאך בע׳כשופ׳ן!

— ציגיינער זיינען מכשפים! — האט ברוך אויסגעבאמ-בעלט פון דער שיסעל.

— איהר ווייסט — האט שרה׳קע זיי ביידען אנגעקוקט און געלאכט — ציגיינקעס באדען זיך ניט נאקעט, זיי שעהמען זיך פאר

אונז, ווייסע — באדען זיי זיך אין די העמדער, אויף מיין ווארט!

—וו'הייסט זיי שעהמען זיך? — האט ברײנע זיך געפרעגט.

— ווייל זיי זיינען אויפ'ן לייב שווארצער ווי אויפ'ן פנים, אזוי שווארץ, גלייך ווי מען וואלט זיי מיט סאזשע אויסגעשמירט!

— אלץ ווייס עס! — האט ברײנע געשמייכעלט.

— אודאי ווייס איך! כ'האב זיך היינט געבאדען, איך און מאריאנע, מיט די ציגאנקעס צוזאמען, איז צו מיר צוגעגאנגען די אלטע ציגאנקע, מיר געגלעט די האר און מיר א קוש געטון אין דער פלייצע — האסטו געדארפט זעהן ווי מאריאנע האט גענומען מאכען קולות:

— א הייליגע מאריא, זי האט דיך בע'כשופ'ט. דארט, וואו זי האט דיר א קוש געטון, וועט דיר אויסוואקסען א מכה גרויס ווי אן איי.

— און די ציגאנקע? — האט ברוך א נייגעריגער געפרעגט.

— די ציגאנקע? זי האט זיך געהאלטען אין איין צלמ'ען:

— געה שוין, געה! מענש דו! וואס דו טראכסט אלץ אויס!

— האט די ציגאנקע געוויינט — גאט זאל היטען! ער איז דאך אן עדות, אז כ'האב איהר גאר ניט געטון! כ'האב מיינע אלטע אויגען ניט געקענט אפרייסען פון שרה'קען! ווי שעהן זי איז אין וואסער! ווי א שעהע רויז! האב איך איהר א קוש געטון.

— און מאריאנע האט געשוויגען? — האט ברײנע זי גע־פרעגט.

— מאריאנע האט גענומען א טיכעל מיט — — מיט — —

כ'שעהם זיך פאר'ן ברוד'ן — האט שרה'קע קאקעטיש געזאגט, גע־שטאנען א ווײלע ווי זי וואלט זיך גע'ישוב'ט, ארומגעכאפט ברײ־נען, איהר עפעס אריינגערוימט אין אויער און זיך געבויגען אין דרייען פון געלעכטער.

ברײנע האט געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— אז א מיידעל האט קיין עול נישט! כ'וועל שוין דעם טא־טען היינט מאכען א מי שברך! וואו איז דאס געהערט געווארען,

אז א אידישע טאכטער זאָל זיך באַרען מיט ציגאַנקעס! און וואָס וועט זײַן אז ס׳וועט דיר טאָקע א מכה אויסוואַקסען?

שרה׳קע האָט אַרומגענומען די אַלטע ברײַנע מיט אײן האַנד אַרום האַלז און זי געגומען קושען:

— וועסט זאָגען דעם טאַטען, ברײַנע? ניטאָ! זאָג נישט!

— טאָ איז מען נישט אזוי ווילד! פּאַסט דאָס פאַר אזא גרויס מײדעל ווי דו? ביזט דאָך שוין באַלד א כלה מײדעל!?

שרה׳קע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען און זיך צולאַכט.

— נו, אצינד גײ א ביסעל אַרוים מיט ברוך׳ן — האָט ברײַנע שרה׳קען אַרומגענומען און איהר גלײַך געמאַכט די האָר — נור זאָם זיך נישט לאַנג אום, דער עיקר, זײ נישט ווילד, הערסט?

ברוך מיט שרה׳קען זײַנען געגאַנגען אויף א שמאָלע סטעזשקע וואָס פיהרט אין וואַלד אַרײַן.

— וואו וואָהנען די ציגײַנער? — האָט זיך ברוך געפרעגט.

— הינטער׳ן וואַלד אין לײַווענטענע בײַדלעך.

— און אז ס׳רעגענט?

— אז ס׳רעגענט? דעקען זײ זיך איבער מיט פלאַכטעס. ס׳איז אזוי גוט צו זיצען אין א בויד אז ס׳רעגענט! זײ שטעלען אוועק אין דער מיט א גרויסען, אײַזערנעם שאַף מיט ברענענדע קוילען, פערמאַכען די בויד אַרום און אַרום, צולעגען דעקען מיט קישענס, ציהען זיך אויס אויף די בײַכער און זײ שפּיעלען, זינגען — — — און דער רעגען קלאַפּט אין דער פלאַכטע, קלאַפּט!

און דו האָסט נישט מורא פאַר זײ? דו ווײסט אז זײ מאַכען פון אונזערן א מענשען א ציגײַנער? זײ כאַפּען קלײנע קינדער, שערען אָפּ די הערעליך, נעהמען פון אַלטע ציגײַנער צוויי גרויע האָר מישען דאָס אויס מיט א ביסעל סמאָלע, זאָגען עפּעס דרײַ מאָל, און דאָס קינד ווערט א ציגײַנעריל. זײ זײַנען דאָך אמת׳ע מכשפים!

— איך האָב נישט מורא — האָט שרה׳קע געענטפערט — זעהסט, מיקאַלאַי, אונזער מילנער, איז א גרעסערער מכשף, אז ער

וויל רופט ער צונויף אלע פעלד־מייז און איך געה צו איהם יעדען טאג אויף'ן וויאטרעק.

— דו האסט עס אליין געזעהן? — האט ברוך זיך געפרעגט.

— אודאי האב איך געזעהען! ער האט נאך אפגעטון א גרעַ־סערען כשוף אויך!

— ס'ארע כשוף?

— מיקאלאי האט זיך אמאל פערליעבט אין א שיקסע. די שיקסע האט איהם נישט געוואלט, האט מיקאלאי געכאפט א ווייַ־סע קאץ מיט א שווארצען עק, זי דער'הרג'עט, אריינגעלעגט אין אן ערדענעם טאפ און איהם גוט ארומגעקלעפט מיט ליים. ער האט צולייגט א פייער אין מיטען פעלד און געלאזט די קאץ קאַ־כען דריי טעג און דריי נעכט. און דורך דער גאנצער צייט איז מיקאלאי געשטאנען אין פעלד און געזאגט א שפרוך. ביי דער נאכט אויף'ן פיערטען טאג איז מיקאלאי אוועק צו דער שיקסע איינגעשמיערט מיט'ן געקעכץ דאס טויער מיט די לאדען וואו זי האט געוואהנט און נאך אין דער זעלבער נאכט איז די שיקסע צו איהם געקומען אויף'ן וויאטרעק.

ברוך איז געווען אזוי פערטיעפט אין דער מעשה, אז ער האט ניט באמערקט ווי זיי זיינען ארויף אויף א הויכען בארג.

פון אונטען האבען זיך געצויגען ברייטע, גרינע לאנקעס דורכ־געוועבט מיט ווייסע און בלויע בלומען. אין מיטען דער לאנקע איז געשפרונגען א געפענטעט פערד. דערנעבען איז ארומגעלאַ־פען א יונג זשרעבאקעל. דאס זשרעבאקעל האט זיך אפגעשטעלט, שטאלץ פעררייסען דאס קעפעל, אויפגעשטעלט דעם קורצען עק, א קלאפ געטהון מיט די הינטערשטע קאפיטעס, זיך צוהירזשעט אפערגעווארפען מיט אמאל אין דער לופט די פעדערשטע און הינ־טערשטע פיס און זיך פערנאנדערגעטראגען איבער'ן פעלד אין דער פארם פון א האלבען קרייז.

— ווילסט זעהן ווי איך רייט? — האט שרה'קע זיך געווענ־דעט צו ברוך'ן און איהם אנגענומען פאר א האנד — קום אראפ!

זיי האבען זיך געהאלטען פאר די הענד און געלאפען בארג ארויף.

— אט אזוי זעצט מען זיך אויף א פערד, — האט שרה'קע וואוילעריש געזאגט — מיט דער לינקער האנד נעהמט מען זיך אן פאר דער גריווע, די רעכטע לעגט מען דא אוועק און מען טהוט זיך אט אזוי א הויב, זעהסט?

שרה'קע האט בשעת מעשה א הויב געטון איהר קערפער, דער לאנגער צאפ איז זיך צופלויגען. זי איז געבליבען זיצען אויף'ן פערד און איהרע ווייסע ציינער, ווי פרישער, ווייסער קעז, האבען געלאכט.

— אצינד פרוביר דו — האט שרה'קע געזאגט און איז ארונטער פון פערד.

ברוך האט זיך געשראקען, זיך געשעהמט פאר שרה'קען, איז צוגעגאנגען צום פערד און זיך א הויב געטון — נור עס הויבט זיך ניט!

— ס'מאכט ניט ברוך, ס'ערשטע מאל האב איך אויך ניט גע־קענט, — האט איהם שרה'קע בערוהיגט — ווארט, כ'וועל דיר העלפען.

זי האט איהם אונטערגעהויב'ן א פוס און ברוך איז ארויף אויף'ן פערד, זיך געהאלטען פעסט מיט ביידע הענד, און נאריש געשמייכעלט.

שרה'קע האט פענאנדערגעפענטעט דאס פערד, געמאכט פון שטריק א צוימעל, זיך ארויפגעכאפט הינטער ברוך'ן, איהם ארומ־גענומען מיט ביידע הענד און א פייף געטון. דאס פערד האט זיך געריהרט פון ארט. שרה'קע האט עס א קיצעל געטון מיט'ן שוך און דאס פערד האט גענומען געהן גיכער.

ברוך האט געפיהלט ווי שרה'קעס קערפער ברענט איהם. ער האט טיעפער איינגעגראבען זיינע הענד אין דער גריווע און האט זיך אלץ מעהר געבויגען צום פערד'ס קאפ. ער האט מיט אמאל דערפיהלט, ווי עס נעהמט איהם שווינדלען פאר די אויגען, אז אט, אט פאלט ער ארונטער.

שרה'קע האט זיך צולאכט און גענומען יאגען דאס פערד נאך שטארקער.

ברוך האט דערפיהלט ווי אלעס ארום איהם דרעהט זיך כארא־ דאס, האט ער אפגעלאזט די הענד, פערלוירען דעם גלייכגעוויכט און ארויסגעלאזט א קוויטש.

שרה'קע האט אפגעשטעלט דאס פערד און ארונטערגעשפרונ־ גען.

ברוך איז געווען בלייך, די צושראקענע אויגען גרויס, זיך גע־ שפארט פון קאפ ארויס.

שרה'קע האט איהם אנגענומען פאר א האנד:

— ביזט בייז, ברוך?

— ניין... נור ס'ערשטע מאל... און דו יאגסט אזוי ס'פערד, כ'ווייס.... דער קאפ האט מיר גענומען דרעהען...

שרה'קע האט געפענטעט דאס פערד און זיך געלאזט מיט ברוך'ן אין וואלד אריין.

דער וואלד האט גערוישט און מיעד געמאכט. דער טיעפער הימעל האט געבלענדט די אויגען, זיך געפאלדעוועט ווי בלויע דורכזיכטיגע שטיקער זיידענס, בעשפריצט דא און דארט מיט בלייכע זילבערנע שטויבלעך.

ברוך האט דעם גאנצען וועג קיין אויג ניט אראפגענומען פון שרה'קען, געזעהן ווי איהרע באקען רויטלען זיך, ווי א פאסמע שווארצע האר איז צופאלען איבער'ן שטערען, און ווי דער דיקער, לאנגער צאפ הויבט זיך, בויגט זיך, און ער האט חשק געקראגען צו נעהמען דעם צאפ אין דער האנד אריין, איהם כאטש אנריהרען. און איהם האט זיך געדוכט, אז שרה'קע איז א בת מלכה, ער א בן־מלך און זיי שפאצירען אין א גרויסען געדיכטען וואלד, פון וועלכען זיי וועלען קיינמאל ניט ארויס. דא וועט ער זיצען און לערנען תורה, לערנען מיט התמדה און אז די צייט וועט קומען, וועט ער וועט נתגלה ווערען, וועט ער רופען שרה'קען און איהר אפמאהלען די שעהנסטע קרישטאלענע פאלאצען פון מלכים ושרים און דער פאלאץ, וואס וועט איהם געפעלען, וועט ער פונקט

ווי ר׳ אדם בעל שם גוזר זיין אז דער פאלאץ מיט די קנעכט און די־נער זאל אריבער אין וואלד אריין. ער וועט פערטרייבען אלע שדים און וואלד גזלנים. ער וועט ...

שרה׳קע, ס׳זיינען עפעס דא א סך גזלנים אין וואלד?

— אודאי איז דא!

— און איהר האט ניט מורא דא צו וואהנען?

— ניין, אונז טשעפען זיי ניט! זיי האבען מורא פאר אונזער לעשניק, ער איז א גבור!

— כ׳בין זיכער אבער, אז צו אונזער זאנוויל קומט ער ניט!

— ווער איז זאנוויל?

— זאנוויל איז א פערד־גנב, און שטארק איז ער ווי שמשון הגבור. מעגסט הערען. פאר־א־יאהרען האט א הינקעדיגער פויער געבראכט א יונג עקסעל אין שטאדט אריין צו פערקויפען. די קצבים האבען מיט איהם ניט געקענט מושוה ווערען, איז ער גע־ווארען בייז, דער פויער מיין איך, און געשריען: „זשידעס“, איהר ווילט אנקריגען די בהמה בחנם, כ׳וועל זי אייך מכות פערקוי־פען!“ לאז אפילו דער „ראבין“ אליין קומען און זיך אויס־ציהען, וועט ער עס ביליגער ניט קויפען“ איז זאנוויל שטארק אין כעס געווארען. שלאגען דעם פויער האט ער ניט געוואלט — א קאליקע. איז ער צו צום עקסעל און עס דערלאנגט עטליכע מאל מיט זיין פויסט אין קאפ. אז דאס עקסעל האט זיך באלד אויס־געצויגען מיט די קאפיטעס ארויף.

שרה׳קע האט געשוויגען און געגאנגען פאמעליך איבער׳ן וואלד.

ברוך. ס׳איז אמת, אז מען שרכן׳ט דיר שוין שדוכים? ברויי־נע האט מיר דערצעהלט, אז דו וועסט ווערען א רב.

ברוך איז רויט געווארען, זי געוואלט עפעס פרעגען, האט זיך געטראפען מיט איהר בליק און איז שטיל געבליעבען..

— עפעס א שעהן מיידעל? א ווארשעווערין?

ברוך האט א קוועטש געטון מיט די פלייצעס.

— און וועסט טאקע ווערן א רב? וועסט גיין א גרוים שטריימל מיט אזא אטלעסענע קאפאטע ווי דער אלטער רב? און וועסט פסק'נען שאלות אויך?

— ווען איך וועל קריגן היתר־הוראה. — האט ברוך א צו־פרידענער געשמייכלט.

— און אז איך וועל דיר ברענגען א שאלה, וועסט תמיד מא־כען כשר. אמת?

ברוך האט זיך צולאכט אויף'ן קול און האט פאר גרויס שמחה אנגעכאפט שרה'קען פאר דער האנד.

שרה'קע איז געשטאנען א ווײַלע, איהם אנגעקוקט, דערנאך האט זי אראפגעכאפט זיין היטעל, זיך אנגעטהון און אפגעשפרונ־גען אויף עטליכע טריט.

— נו, א צינד כאפ מיך! וועסט מיר ניט כאפען, א־בע! האט שרה'קע שטיפעריש געלאכט און צוגעטאנצט.

ברוך האט זי גענומען יאגען. שרה'קע איז געשפרונגען ווי א יונגע סארנע, פון איין בוים אונטער'ן צווייטען. האלטענדיג איהר לאנגען צאפ אין מויל. מיט אמאל האט זי זיך אפגעשטעלט, זיך געלאזט כאפען — האט זי ברוך ארומגעכאפט מיט ביידע הענד, געבליבען שטעהן, ווי א צומעקעטער, ניט געוואוסט וואס צו טון און זיך פערשעהמט.

שפעט אין אבענד האט שרה'קע אנגענומען ברוך'ן פאר דער האנד און איז מיט איהם אהיים געגאנגען.

א לייכט ווינטעל האט געבלאזען, זיך געטראגען איבער'ן וואלד מיט א רויש און מיטגעבראכט מיט זיך א שארפען נאכ־טיגען וואלד־ריח.

באלד האט זיך דערהערט א וואיען, — גלייך ווי א משוגע'נער וואלט זיך פערקליבען איינער אליין אין וואלד, ברייט צועפענט די ווילדע אויגען, ארויסגעשצירעט די גע־לע ציינער און געשריען אין דער נאכט אריין.

ברוך האט געפיהלט ווי הענד און פיס ווערן ביי איהם אפ־גענומען, און האט זיך פעסטער צוגעדריקט צו שרה'קען.

— וואס איז דאס?

— א סאווע שרייט.

דאס געשריי איז געווארען אלץ נעהנטער, פערגליווערט דאס בלוט.

פון דער פינסטער האבען ארויסגעגלאנצט א פאר גרויסע, גרויע אויגען. א סאווע איז געזעסען, געקוקט מיט איהר פלאטשיג פנים, ווי א טראגעדיגע קאץ, געעפענט דעם עטוואס קרימליכען פיסק און געוואיעט. איין לאפע האט זי טיעף איינגעגראבען אין א קוסט און מיט דער צווייטער האט זי געשטיקט א קליינעם האז. דער האז האט זיך געווארפען מיט די פיסעלעך, געריסען, דאס קעפעל, געצאפעלט און געווארטשעט.

ברוך איז געווארען א פערציטערטער, געכאפט א שטיק האלץ און געוואלט אפמעסטען דער סאווע.

— מ'טאר ניט, — האט שרה'קע איהם אנגעכאפט ביי'ם אר־בעל — ס'איז א גרויסע חטא צו הרג'ענען א סאווע. נאכ'ן טויט קומט זי איין חלום און וואיעט אזוי לאנג ביז מען ווערט משוגע.

ברוך האט זיך דערשראקען, אראפגעלאזט דאס האלץ, פעס־טער אנגענומען שרה'קעס האנד און זיי זיינען געלאפען אין שטוב אריין.

— 4 —

שרה'קע לייענט „יאסעלען" און דער לעשניק געהט זוכען דאס ווייב אויף'ן וויאטרעק.

די אלטע דיענסט ברײנע איז געזעסען אויף א פוס־בענקעל, געשטריקט א זאק און צוגעוואַרפען בעריאַזעווע העלצער אין אויווען אריין. די ווייסע קאַרע האט זיך געקאַרטשעט, געקנאַקט און דער אויווען האט היימליך געברענט, געפלאצט פון היץ. א פלאם האט זיך ארויסגעשפארט אויף דער שטוב און אפגעגאסען אלץ מיט א קופערנעם שיין.

דורך די פענסטער האבען אריינגעקוקט פערשנעעטע, אויסגעגראבענע קארפעס, ווי ווייסע בערעג, און האבען אנגעיאגט א שרעק. — האבען זיך אלע אין שטוב אנגעהויבען טוליען, גערוקט זיך אלץ נעהנטער צום פארגאנדערגעברענטען קאכעל־אויווען.

מרדכי איז געלעגען אויף דער קאנאפע, געפיפקעט א ציבעק, זיך איינגעהערט ווי שרה'קע שוין א מיידעל פון א יאהר צוועלף, מיט גאלדענע פעדעמלעך אין די בלאסע באקען לייענט דינענזאנ'ס „יאסעלע" און אין דער זעלבער צייט האט זיך איהם געפלאנטערט א מעשה מיט א שטורם, וואס האט דעכער ארונטערגעריסען, זעק מיט תבואה ארויסגעטראגען, בעפאלען אויף'ן וועג אן אונגאר מיט א גרויסען קאסטען סחורה אויף די פלייצעס און איהם איבער דער וויכסעל א לעבעדיגען אריבערגעטראגען.

פון וואלד איז יעדע ווילע אנגעקומען א ווינד, מיטגעבראכט גאנצע פלאכטעס שנעע און זיי א שליידער געטון אין די פענסטער

— נישט אנדערש, אימיצער האט זיך אויפגעהאנגען! — האט די אלטע ברײנע אפגעזיפצט.

זי האט אויסגעזוכט אין א טארבע מיט קנעפ שרה'קעס א מילך־צייהנדעל און עס איהר געגעבען:

— נא טאכטערשי, גיב אפ דעם פייער זיינס, וועט אפשר א ביסעל שטילער ווערען!

שרה'קע האט זיך דערפרעהט מים'ן צייהנדעל, ארונטערגע־כאפט דאס אפענע ביכעל אונטער דעם ארעם און איז צוגעשפרונ־גען צום פייער:

מייזעלע, מייזעלע, פייערדיג מייזעלע, נא דיר א ביינערנעם צאהן און גיב מיר אן אייזערנעם צאהן! — און זי האט ארייג־געווארפען דאס צייהנדעל אין דעם צופלאמטען אויווען.

דער ווינד האט זיך פערקליבען אונטער א שטיק אפשטע־הענדע בלעך און מיט א פייפעריי גענומען האמערען איבער'ן דאך אז עס האט אויסגעזעהן דאס הויז פאלט איין.

שרה'קע האט געקוקט אויף ברײנען און געלאכט:

— אז ס'רייסט נאך שטארקער!

די אלטע האט ארומגעכאפט שרה'קען, איהר אויסגעקושט די אויגען:

— שטיפערקע דו!

פון אונטער'ן פענסטער האט זיך דערהערט א פערשטיקט, אפגעריסען קול, ווי איינער וואלט געגאנגען און זיך געשאלטען. דאס קול איז צו־ווייקט געווארען אין דעם נאסען שנעע, ערגעץ וואו איינגעזונקען און דער ווינד האט זיך נאך שטארקער צופייפט.

מרדכי האט געקלאפט אין פענסטער:

העי, וואצעק, וואו שלעפסטו זיך ארום, וואו? אין אזא נאכט?

דער ווינד האט א ריס געטון די טהיר, זי א שליידער געטון אז דער וואנד, זיך ארייגגעשפארט מיט א וואיען אין צימער — איז ביי דער צוריק פערמאכטער טהיר געבליבען שטעהן דער לעש־ניק אין גאנצען א פערשנעעטער מיט א צוויי רעהריגען ביקס אויף דער פלייצע.

— גוט אבענד, פאן שרייבער — האט דער לעשניק געזאגט א האלב שכור'ער און ארויסגענומען פון אונטער'ן פעלצעל א קליין, ווייס שעפסיל, גרויס ווי א קעציל.

שרה'קע האט נעגלעט דאס שעפסעל, זיך געבעטען:

— וואצעק, לאז מיך אביסעל האלטען דאס שעפסעל, כ'בעט דיך.

וואצעק האט אוועקגעלעגט דאס שעפסעל אויף שרה'קעס צו־שפרייטע הענטלעך און זיך געווענדעט צו ברייגען:

— פאר איין וועגס, באבקא, האט איהר נישט קיין רויט בענ־דיל? טוט א זוך!

— וואס איז דער מעהר, וואצעק? וואס שלעפסטו זיך עפעס ארום אונטער די פענסטער, וואס? ס'שנעעט, הא? — האט מרדכי זיך געפרעגט, געקוקט אויף'ן לעשניק'ס פערלאפענע אוי־גען און געטראכט אז מסתמא איז מאריאנע שוין ווידער אוועק פון דער היים — און וועמען געהסטו דאס שיסען, וועמען?

— זיך אפגעריסען, „פשא־יוכא“ — האט דער לעשניק ווי צו זיך גערעדט — שוין יאהרען אזא „גראמניץ“*) נישט געווען! דער שנעע שיט און שיט, שוין אלע וועגען פערשאטען!

מרדכי האט אונטערגעהויבען דעם קאפ פון דער קאנאפע און געשמייכעלט:

— טא וואס שלעפסטו זיך ארום אין אזא נאכט? מאריאנע ווארט דאך אויף דיר אונטער דער ווארעמער פערינע!

— זי וועט זיין א נאר, אויב זי וועט איהם אריינלאזען — האט ברייגע זיך אריינגעמישט — ער איז דאך שכור!

— שכור? אודאי בין איך שכור! אוועקגעטראגען מאריא־נעס איינציגע גאנז אבראמקען אין שענק אריין. נא — זאג איך — גיב א האלב פעגבער בראנפען — האט ער גענעבען א גאנצען! א גוט'ער ושיד אבראמעק! היינטיגע נאכט איז איהר סוף, פא־

*) פויערים גלויבען אז אין יום טוב גראמניץ בעפאלען וועלף די דערפער.

ניע! ווי כ'בין א קאטאליק! ווי „גראמניץ" איז דער היי־לינער „מאטקא־באסקעס" א יום־טוב!

— ווענעם סוף?

— מאריאנעס! זי איז שוין ווידער אנטלאפען! און דאס אלץ איז זיינע שטיק, דעם „פסו־בראטס", דעם מילנערס! ער וועט ביי מיר היינט די ערד קיהלען, אז נישט איז מיין נאמען נישט וואצעק! ווערט נור א „זאוויערוכא" אין דרויסען, צו־שפיעלט זיך אין איהר, אין דער סוקע, דאס הינטישע בלוט און זי לויפט צו איהם אויף'ן וויאטרעק! זי וועט שוין לויפען! דער פאן מיינט, כ'וויים נישט? כ'וויים אלץ! היינט איז „גראמ־ניץ" קומען זיך אלע פערשאלטענע „דוכעס" צונויף אונטער'ן וויאטרעק, פארשטעלען זיך פאר וועלף — קאן דער מילנער אפילו דעם קייסער'ס טאכטער פערנארען צו זיך, דען צוצוקומען צום וויאטרעק איז אונמעגליך, די פערשאלטענע וועלף פערפיהרען!

— און דו, וואצעק, האסט נישט מורא? — האט ברײנע געפרעגט.

— בא, מורא האב איך מורא! נאר וואס קען איך מיר, ארוי־מער מענש, העלפען, באבקא? די מכשפה, די אלטע מיגאצקע, האט מיך געהייסען מיט נעהמען דאס שעפסעל און גלייך ווי כ'וועל דערזעהן די וועלף, זאגט זי, זאל איך זיי אווארף טהון דאס שעפסעל, זאגט זי, מוזען די פארשאלטענע „דו־כעס" זאגט זי פערשווינדען! זאל איך אבער צוקומען, באבקא, צום וויאטרעק — האט דער לעשניק זיך געקלאפט אין האנץ אריין — איז זייער סוף! דערשיסען וועל איך זיי, ווי די הינד, דעם מילנער מיט דער „באבע"! א גוטע נאכט!

— וואצעק — האט ברײנע איהם נאכגעשריען — נאט זאל היי־טען, פערגעס זיך נים, און דערהרג'ע נישט די „באבע"!

עס האט מיט אמאל גענומען יאגען פון אלע ווינקלען — דער לעשניק האט איבערגעלאזט אין שטוב א קעלט.

— ברײנע, — האט שרה'קע געפרעגט, — די וועלף וועלען

טאַקע צורייסן דאָס שעפּסעל? און וואָס וויל וואַצעק פון מאַרי־אַנען?

— ווייס איך וואָס? אַז ער איז שכור! האָט ברײַנע געענט־פערט.

שרה'קע האָט זיך צוגערוקט צום אויוועז, זיך געוואָרעמט, פאַר־מאַכט די אויגען און געזעהן ווי וואַצעק שפּאַנט איינער אַליין אין פעלד. דער ווינד יאָגט זיך נאָך איהם. פייפט, שמייסט אין פּנים אַריין פּלאַכטעס נאַסע שנעע, מעסט אָפּ איבער דער פּלייצע, ווי מיט אַ דראַנג, אַז וואַצעק בויגט זיך אַזש צו דער ערד. אַרום וואַ־יען וועלף, דאַרע וועלף, צינדען אין דער פינסטערער נאַכט קאַל־טע, גרינע פייערלעך, קנאַקען מיט די ווייסע שאַרפע ציינער. און אויף'ן וויאַטרעק זיצט מיקאַלאַי אַזאַ ווייסער, ווייסער ווי דער ווייסער שנעע און שפּיעלט אויף דער פליט — הויבט מאַריאַנע קוים אויף די פּאַלעס פון איהר קלייד און לאָזט זיך צוערשט פּאַ־מעלאַך, דערנאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער טאַנצען מיט'ן שנעע.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פערקלערט, שרה'קע? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

שרה'קע האָט אָפּגעזיפצט.

— פאַר מיינטוועגען מעגען זיי זיך ביידע די קעפּ אַראָפּדרע־העז, אַזעלכע שכורים — האָט ברײַנע זיך אַרייַנגעמישט — לייען בעסער ווייטער, שרה'קע.

שרה'קע האָט געלייענט פּאַמעלעך, איהרע בלייכע באַקען האָ־בען זיך פערצויגען מיט אַ בלאַסע רויטקייט, די אויגען האָבען גע־גלאַנצט.

ברײַנע האָט זיך אייַנגעהערט און געטראַכט:

— אַ שוואַרצע גבורה זיי האָבען דאָס! ווי זיי שרייבען דאָס אַלץ ריכטיג אָפּ! אַ!!?

שרה'קע האָט געלייענט, ווי דער רבי שלאָגט יאַסלען, ווי דער קאַנטשיק פאַלט תּמיד אויף יאַסעלעס דאַרע פּלייצע. זי האָט דער־

פיהלט ווי עס פערקלעמט איהר אונטער'ן הערצעל און גרויסע דורכזיכטיגע טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.
ברײנע האט זיך געווישט די נאז מיט'ן פארטוך:
יא, יא, אן ארים קינד, ס'האט נישט ווער עס זאל זיך פאר איהם אננעהמען, שלאגען אלע, ווער עס וויל!
שרה'קע האט אויפגעהערט לייענען, אויסגעווישט די אויגען:
—טאטעשי, פאר וואס איז דער רבי אזא שלעכטער? וואס האט ער געוואלט פון יאסעלען? פאר וואס האט ער די רייבע קינדער נישט געשלאגען? א, כ'וואלט אזא רבי'ן די אויגען אויסגעדראפעט! — האט שרה'קע א קלאפ געטון מיט'ן פויסטעל אין טיש.
— עה נאריש קינד, ס'איז דאך א מעשה! און דו נעמסט דיר צום הארץ! — האט מרדכי געשמייכעלט.
— און דאס טראכט אלץ דער שרייבער אויס פון אייגענעם קאפ? — האט שרה'קע זיך געפרעגט.
— ווי דען, דערפאר איז ער דאך א שרייבער!
— דאס האט שוין איינמאל א קאפ! — האט די אלטע אפגעזיפצט.
שרה'קע האט ווייטער געלייענט.
מרדכי האט עטליכע מאל געוואלט צונעהמען דאס ביכעל:
— תשאה באב ווילסטו מיר מאכען, נאריש קינד? א שרייבער טראכט אויס א מעשה און זי נעהמט זיך צום הארצען! — און בשעת מעשה האט מרדכי געפיהלט ווי טרעהרען ווארגען איהם אין האלז.
— אויף מיין ווארט, ווי ס'איז אמת, נו, נו, — האט די אלטע דיענסט ארויסגעוויינט פון פארטוך.
— טאטעשי — האט שרה'קע זיך געפרעגט — האט מען ברוד'ן, די מוהמע גיטעל'ס, אויך אזוי געשלאגען? דו זאגסט דאך אז די מוהמע גיטעל איז ארעם.
— געה שוין, געה — האט דער פאטער געשטאמעלט און גענומען די שפיץ בארד אין מויל אריין.

אין דרויסען האָט געפּייפט דער ווינד, זיך געשפּאַרט אין אַלע ווינקלען, ווי שדים וואָלטען זיך אָפּגעריסען, געפּאַטשט גאַנצע הוי־פענס שנעע אין פענסטער אריין. דאָס פייער האָט זיך צוברענט שטאַרקער, געקנאַקט און די פלעמלעך האָבען זיך ארויסגעשפּאַרט פון אויווען, זיך געריסען אין צימער אריין, געצאַפּעלט ווי צונגען פון פייערדיגע שלאַנגען.

שרה'קע האָט געלייענט מיט אַ ציטערדיגע שטימע:

„— — — יאָסעלע איז געגאַנגען עטליכע טריט אליין. באַלד האָבען זיך די פיסלעך אונטערגעבראָכען און ער האָט זיך מיט די לעצטע כחות קוים צום פּאַרקאַן געשלעפּט. דאָ האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, געמיינט אפּרוהען אביסעל, נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרגעסען וואו ער איז. פייערדיגע רעדער האָבען זיך געדרעהט אין זיינע אויגעלעך און, דאַכט זיך, אַזוי פינסטער אַרום איהם, פון דעסטוועגען זעהט ער עפּעס מענשען, אַזעלכע מאָדנע, הויכע מענשען, מיט דריי נעזער, מיט פינף נעזער — — — מיט אַ סך קעפּ... ער שרעקט זיך פאַר זיי, ער ער ציטערט, זיי ווילען איהם איינשלינגען, נור אָט דאַכט זיך שטעהט די מאַמע זיינע, זי וויינט און גלעט איהם, זי לייגט איהם אין בעט, טוליעט איהם, נישטאָ מעהר קיין מענשען, די מאַמע אויך נישטאָ...“

דאָ האָט שרה'קע ארויסגעפּלאַצט מיט אַ היסטערישען געוויין. מרדכי איז אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט שרה'קען אויף זיין שוים, זי געקוּמען בערוהיגען און טרעהרען האָבען געקאַפּעט אויף זיין לאַנגע באָרד. ברײנע האָט זיך אריינגעשאַרט אין קיך מיט פערשוואָלענע אויגען. שרה'קע האָט ארומגעכאַפּט דעם פאָטער מיט דער רעכטער האַנד אַרום האַלז:

טאַטעשי, פאַר וואָס איז דער שרייבער אַזאַ שלעכטער?

— וואָס מיינסטו, שרה'קע?

—כ'מיין, טאַטעשי, דער שרייבער האָט דאָך געקענט ענדיגען אַנדערש! ווען איך וואָלט אויסגעטראַכט אַזאַ מעשה, וואָלט איך יאָסעלען געמאַכט פאַר אַ גבור, אויף מיין וואָרט, כ'וואָלט זיין טאַטען געזונד געמאַכט און זיין גוטער מאַמע נישט געלאָזט שטאַר־

בען. גלויבסטו נישט? דערנאָך וואָלט יאַסעלע גענומען נקמה פון אַלע, פון אַלע! צומיינסטען פון דער גראָבער רייבער שיינ־דעל. אַזאַ פאַסקודסטווע!

מרדכי האָט געשמייכעלט און אויסגעקושט שרה'קען די אויגען.

— טאַטעשי, זעהסט, יאַסעלעס טוידטע מאַמע איז איהם גע־קומען צו חלום — — און מיין מאַמע קום צו מיר קיין מאָל נישט! פאַר וואָס? זי האָט מיך פיינד? מיין מאַמעשי איז דאָך אַזאַ גוטע געווען, וואָהר? זי איז געווען אַ שעהנע, טאַטעשי? ווי האָט זי אויסגעזעהן?

— פונקט ווי דו, שרה'קע.

שרה'קע האָט צועפענט איהרע שוואַרצע אויגען און געקוקט דעם פאָטער אין מויל אריין:

— טאַטעשי, פאַר וואָס זאָגט ברײנע, אַז די מאַמעשי איז גע־ווען אַ בלאָנדע. אַז איך גראָט נישט אין דער מאַמעשי אריין?

מרדכי האָט אַ טרייסעל געטון מיט'ן קאָפּ ווי אײנער וואָס וואַכט אויף זיצענדיגערהייד פון אַ חלום.

— וואָס? ברײנע זאָגט דיין מאַמע איז געווען אַ בלאָנדע?

יאָ, מיין קינד, אַ בלאָנדע, אַ בלאָנדע — — —

— 5 —

די מראזאווסקי'ן

שרה'קע איז געזעסען איינע אליין ביי'ם טיש. די ביכלעך מיט די שרייב־העפטען זיינען געווען צעווארפען ארום איהר. זי איז געזעסען א צופאטעלטע, דער קאפ אנגעשפארט אן די הענד, די פינגער אויסגעשמירט מיט טינט, מעכאניש איינגע'חזר'ט צום צעהנטען מאל Je Suis Aime' און געטראכט בשעת־מעשה וועגען איהר עלטער באבען, וואס האט גערעדט מיט נאפאלעאנען פראנצויזיש. שרה'קע איז געווען שטאלץ מיט איהר עלטער־באבע, ליעב געהאט ארומצוטראגען מיט זיך א גאלדען טאבעק־שקעטעלע מיט נאפאלעאנ'ס בילד, וואס די באבע האט פון איהם געקראגען א מתנה און תמיד געחלום'ט אז זי וועט עלטער ווערען, וועט זי זיין אין פאריז, געפיהלט אז זי האט א שייכות מיט דער שטאדט און געווען זיכער אז דאס גאלדענע שקעטעלע וועט פאר איהר אלע וועגען עפענען.

זי האט א קוק געטון אויף'ן זייגער, געוואוסט אז די מראזאווסקען קען יעדע מינוט אנקומען און זי קען נאך נישט די לעקציעס, איז זי בייז געווארען אויף זיך, וואס נארישקייטען קריכען איהר אין קאפ אריין, זיך פארשטעלט מיט די הענד די אויגען און אויף דאס נייע אנגעהויבען:

Je suis aime'. Je suis aime'. Tu es aime'.

זי האט איבערגעזאגט יעדעס ווארט עטליכע מאל, באלד צוריק פארגעסען, מעהר נישט געוואוסט וואס די ליפען חזר'ן, געקוקט דורך'ן פענסטער צו מראזאווסקע פאהרט נישט אן און אין

קאפ האט זיך איהר געפלאנטערט צעשקא קראנענבערג, וועמען די עלטערען האבען אוועקגעשיקט נאך פאריז אין א פענסיע שרה'קע האט רחמנות געהאט אויף צעשקען וואס איהרע עלטערען זיינען נישט פרום, פיהרען זיך ווי די גוים, זיך געערגערט וואס זי מוז בלייבען אין וואלד און אין דער זעלבער צייט זיך פיינד גע־האט פארוואס זי איז אין הארצען צעשקען מקנא. צעשקעס על־טערער ברודער, זיגמונד, איז גאר א משוגע'נער — ער וויל צוטיי־לען די פויערים דעם גאנצען מאיאנטעק. ער איז שוין געזעסען אויך! ברייגע זאגט ער לעבט נישט שלום מיט'ן קייסער, פער־שאפט אזוי פיעל צרות זיינע עלטערען... זי האט איהם איין מאל ביי נאכט געזעהן ביי זיי אין הויז. דער פאטער איז מיט איהם גע־בליבען אליין. זיי האבען לאנג גערעדט, זיך געקאכט, געשריען. דער פאטער האט איהם עפעס נישט געהייסען טהון, ער האט גע־טענה'ט אז ער מוז עס טון, זי ווייס ניט וועגען וואס עס האט זיך געהאנדעלט, געדענקט נור ווי זיגמונד א הויכער, א בלאנדער האט געקלאפט אין טיש, געשריען, דער פאטער האט נישט געענטפערט, געזעסען און געקייעט די שווארצע בארד און אז זיגמונד האט גענומען ריידען וועגען איהר געהאנגענעם זיידען אזוי שטיל אז טרערען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען, האט דער פא־טער נישט אויסגעהאלטען, אויפגעשפרונגען און איהם איבערגעריי־סען:

— נענוג, גענוג, פאניע קראנענבערג! — — —

ער האט איהם אפגעצעהלט א פעקעל מיט געלד. קראנענבערג האט זיך געזעגענט, לאנג געדרוקט דעם פאטער די האנד און ביי'ם ארויסגעהן באמערקט שרה'קען. ער האט איהר אויפגעהויבען און איהר א קוש געטון אין קעפיל.

— זיי געזונד, מיידעלע!

שפעטער אז זי האט געהערט אז מען האט איהם געכאפט, מען געהט איהם שיסען, איז זי א צוטומעלטע אריין צו'ם פאטער:

— איז טאקע אמת אז מען געהט קראנענבערגען — — — ?

דער פאטער האט באלד נישט געענטפערט, זיך דורכגעגאנגען

עטליכע מאהל דעם צימער, דערנאך גענומען שרה'קען אויף דער שויט:

— אזא קליין מיידעל ווי דו דארף נישט אלץ וויסען — — — — וועסט עלטער ווערען — — — און אויב עמיצער וועט דיך פרעגען עפּיס וועגען קראנענבערגען, זאג, דו ווייסט נישט.

— איז עס טאקע אמת?

— וואס, ביין טאטער?

— אז מען גרהט איהם שיסען?

— נישט אמת, נישט אמת.

פון דעמאלט אן האט שרה'קע אנגעהויבען צו קוקען מיט חשר אויפ'ן פאטער, ס'איז איהר געווארען קשה, געפיהלט אז ער בע־האלט פון אלעמען עפּיס, אפטער גענומען קוקען דורכ'ן לעביל פון שלאס אין קאבינעט אריין, וואו ער איז געזעסען אן אפגעשלא־סענער צווישען די שווערע שענק מיט ספרים און געשריבען שעה'ן נאכאנאנד. וואס האט ער געקענט שרייבען? און טיעף ערגיץ אין דער נשמה האט זיך געוועקט ביי שרה'קען נישט קיין קלאה־רער פערלאנג אויסצוגעפינען וואס ער שרייבט. אויב עס איז אמת וואס ברײנע זאגט — האט זיך שרה'קע נישט אויפגעהערט צו פלאנטערען — אז קראנענבערג איז ערגער פון א גוי — גלויבט נישט אין גאט און איהר פאטער איז דאך אזא פרומער, טא ווי קומט עס ער זאל האבען צו טון מיט אזא — — —

זי האט געהערט פון דעם אלטען האליץ־העקער אהן דער האנד אז איהר פאטער האט איינגעשטעלט ס'לעבען פאר פוילען, גע־הערט פון ברײנען אז איהר פאטער איז א בעל־תשובה, געוואוסט אז ער איז בחור־ווייז אנטלאפען פון דער היים — — — פארוואס דערצעהלט ער קיינמאל נישט וואו ער איז געווען? און פארוואס איז ער אנטלאפען? זי איז זיכער אז זי געדענקט, כאטש ברײנע זאגט אז ס'איז אומעגליך, איהר מאמען — א דארע, א הויכע, געשלייערט אין שאל־טיכער. זי געדענקט ווי די מוטער האט גע־וויינט, געהאלטען שרה'קען נעבען דער ברוסט, געקושט, געשריי־ען אויפ'ן פאטער אז ער איז א גוי, אז ער האט זי נישט ליעב, אז

זי וועט אוועק מיט'ן קינד, דערנאָך איז געוואָרען שטיל. אַזוי שטיל, אַז שרה'קע האָט זיך פון שרעק פונאַנדערגעוויינט, געדענקט ווי דער פאָטער איז געשטאַנען איבער איהר, זי געגלעט, געגעבען דעם גאָלדענעם זייגער און פון דעמאָלט אַז האָט זי מעהר די מו־טער ניט געזעהן.

אַז דער ברישקע וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער'ן פענ־סטער האָט שרה'קע געוואוסט אַז די מראַזאָווסקען איז שוין דאָ. זי האָט אויף גיך אַ כאַפּ געטאָן די ביכער מיט די העפטען. זיי איינגעלעגט, נאָכאַמאָל איבערגעקוקט צו זי קען אויף אויסוועניג, גלייך געמאַכט די האָר און געוואַרט די לעהרערין זאָל אַריינקומען.

Powrot Taty

די מראַזאָווסקען איז געוועזען גאָווערנאַנטקע ביי די קראַנקענ־בערגס, האָט מרדכי געפּועלט זי זאָל דריי מאָל אַ וואָך אַריבער־קומען אין וואָלד אַריין און לערנען שרה'קען.

די מראַזאָווסקען נישט קיין הויכע, אַ דאַרע, מיט אַ לענג־ליך אַריסטאָקראַטישען פּנים, וואו די האָר, ערטערווייז שוין גראָה־לעך, האָבען זיך געלעגט פון ביידע זייטען קאָפּ אין אַ שרונג, איז אַריינגעקומען מיט אַ זיסען שמייכעל:

— גוטען טאָג, סאַרוניו!

שרה'קע האָט געמאַכט אַ רעווערענס, אַ קוש געטאָן די לעה־רערין אין דער האַנד, האָט די לעהרערין זי מוטערליך אַרומגע־נומען און איהר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר זייגעריל וואָס זי האָט געטראָגען אויף אַ שוואַרץ שנירעל, זיך געזעצט ביי'ם טיש:

— ביזט פּאַרטיג, סאַריוניו?

— פאַרטיג.

שרה'קע איז איבערגעגאַנגען פון איין געגענשטאַנד צום צוויי־טען, געוועזען צופריעדען, וואָס די מראַזאָווסקען קוועלט פון איהר אַז, אַריינגעטעמט אין זיך דעם דינעם ריח פון פּערפומען וואָס האָט זיך געטראָגען פון איהר, געקוקט ווי אַלץ אַרום דער מראַזאָוו־סקען איז אַזוי ציכטיג, אַזש טרוקען, ווי מען וואָלט זי לאַנג גע־

וואשען, נאך לענגער געטרוקענט און פון צופיעל טרוק ' האבען זיך אזש באוויזען קנייטשלעך ביי איהר אויף'ן פנים.

די מראזאווסקי'ן האט זיך געפיילט די די נעגעל, פון געוואוינ־הייט מיטגעזאגט מיט דער שילערין און געהאלטען אין איין אי־בער'חזר'ן:

— גוט, גוט! לערנסט זיך בעסער פון דער קראנקענבערזשאנ־קע! כ'פארשטעה נור נישט פארוואס מאטעמאטיק גיט זיך דיר אזוי שווער איין? האסט געמאכט די אויפגאבע וואס איך האב דיר געגעבען?

— ניין — האט שרה'קע ארויפגעלאזט די אויגען.

— נישט גוט, נישט גוט! האט די מראזאווסקי'ן געשא־קעלט מיט'ן קאפ — דאס איז קיין פלאן נישט. איך זאל דיר יע־דעם מאל מאכען די אויפגאבען, ווען דו וואלסט געהאט שלעכטע פעהיגקייטען וואלט געווען עפעס אנדערש. דאס ווייזט נור אז דו לערנסט נישט צו קיין קאפ, ווילסט נישט, ביזט ווערט מען זאל דיך באשטראפען! מאטעמאטיק איז זעהר א וויכטיגער געגע־שטאנד, זעהר א וויכטיגער און פרויען אויף וועלכע די מענער האבען געמאכט א פאלשען בלבול, זיי דארפען זיך איצט אויסצייכנען אין מאטעמאטיק! ס'לעצטע מאל וואס כ'מאך פאר דיר די אויפ־גאבע, ס'לעצטע — — — וואו איז דאס ביכעל?

שרה'קע איז געזעסען אז אנגעבלאזענע, א צופלאמטע, גע־פיהלט זיך פונאנדערצעווייגען, געווען זיכער אז ס'איז נישט איהר שולד, גע'פטר'ט איבער צוויי שעה, טא וואס איז זי שולדיג אז דער ענטפער קומט נישט אויס? זי האט זיך געערגערט, נישט געקענט אזוי גיך געפינען ס'זייטעל און א צורודערטע עס אונטער־געטראגען דער מראזאווסקי'ן.

די מראזאווסקי'ן האט געהאלטען א בלייפעדער מיט א העפט, איינגעצויגען דעם שטערן, ווי זי וואלט געוואלט צונויפנעהמען די געדאנקען און זיך א בייזער געטון:

— לייען!

שרה'קע האט גענומען לייענען. די מראזאווסקי'ן האט איז מיטען לייענען צוגענומען ביי איהר ס'בוך, אפנים נישט געכאפט, נאכאמאל איבערגעלייענט און א הויב געטון מיט די אקסלען:

— טא וואס איז דא נישטא וואס צו וויסען? קינדער פון א פאלקס־שולע מאכען שווערע אויפגאבען, פארשטעהסט? אז דורך דעם ערשטען קראן רינט אריין אין קעסיל אזוי פיעל אין א מי־נוט, דורכ'ן צווייטען אזוי פיעל, און דורכ'ן דריטען רינט ארויס אזוי פיעל און דער קעסעל נעמט אין זיך אריין אזוי פיעל און אזוי פיעל, פרעגט זיך? — — — —

און זי האט גיך געשריבען, אנגעווארפען רונדיגע ציפערען, גערעדט אזוי קלאר, האט שרה'קע געזעהן ווי איינפאך ס'איז, גע־פאלען ביי זיך, צוגעגעבען אז די מראזאווסקי'ן איז גערעכט, זי האט מיט אז אמת א פערשטאפטען קאפ.

— נו קוק אריין — האט די מראזאווסקי'ן אוועקגעלעגט די בלייפעדער — וואס איז דער ענטפער? צוואנציג מינוט?

שרה'קע האט ארייגעקוקט, זיך איינגעהאלטען זי זאל נישט ארויסווייזען די צופרידענהייט וואס דער ענטפער שטימט נישט און שטיל געזאגט:

— ניין.

די מראזאווסקי'ן האט נאכאמאל איבערגעקוקט צו זי האט נישט א טעות געמאכט, ווידער איבערגעלייענט די אויפגאבע, זיך פערלוירען פאר שרה'קען, געווארען ווייכער. זי האט א קוק גע־טהון אויף'ן זייגער, זיך געכאפט אז ס'איז שפעט און זיך געווענ־דעט צו שרה'קען:

— ס'טרעפט אמאל ס'גיט זיך נישט איין, כ'וועל עס אין דער היים איבערקוקען, ס'איז אויך מעגליך אז ס'יאל זיין א טעות אין ענטפער. יא, וואס האבען מיר נאך?

— היסטאריע.

די מראזאווסקיז האט א נערוועזע געבלעטערט די היסטאריע, חושד געווען אז שרה'קען טוט הנאה וואס זי האט אויך נישט גע־קענט מאכען די אויפגאבע און זעהר געוואלט ווייזען דער שילע־

ריז, אז זי דארף זיך נישט איבערנעהמען, זי קען סיי ווי סיי נאר־נישט.

— מיר זיינען דאכט זיך דורכגעגאנגען ביז אין פופצענטען יאהרהונדערט, הא?

— יא.

— קענסטו מיר נישט זאגען, ווי ס'האט זיך געלעבט דעמאלט דער פרוי אין פוילען?

שרה'קע איז געבליבען שטעהן, נישט געוואוסט וואס צו ענט־פערען, נישט געווען צוגעגרייט אויף אזא פראגע, זיך נישט אפ־געשטעלט אויף דעם בשעת אין לערנען און אנגעהויבען שטאמ־לען:

— די פרוי, האט אין פופצענטען יאהרהונדערט, כ'מיין אין פופצענטען יאהרהונדערט האט די פרוי — — — וועגען דעם דאכט זיך איז גארנישט געווען — — —

— געווען, געווען — האט די מראזאווסקי'ן, א צופרידענע וואס זי האט שרה'קען ווידער אוועקגעשטעלט אין א פארלעגענ־הייט, געשמייכעלט — אין דעם קאפיטעל „משפחה" רעדט זיך וועגען דער פרוי.

— א — האט שרה'קע א כאפ געטון די האנד צו'ם קאפ — כ'מיין, מען האט פארווערט חתונה צו מאכען עלף, צוועלף יעהרי־גע מיידלעך און טעכטער האבען זיך אנגעהויבען רעכענען פאר יורשים פונקט ווי זין — — —

— און וואס נאך?

— נאך? — האט שרה'קע זיך געקנאקט די פינגער.

— כ'מיין, ס'וויכטיגסטע?

— כ'געדענק נישט.

— זעהסט — האט די מראזאווסקי'ן פערמאכט דאס ביכעל, זיך אנגעשפארט אז וועגטיל פון דער שטוהל, די אויגען האבען זיך ביי איהר א צינד געטון, וואס ס'האט זיך געמאכט א געלעגענהייט ארויסצעווייזען וואס זי קען — אין פופצעטען יאהרהונדערט הא־בען פרויען אנגעהויבען אנטייל צו נעהמען אין געזעלשאפטליכען

לעבען. שוין ביי קאזשמיערזש דעם „גרויסען", זעהט מען אז פרויען האבען אויף איהם געהאט א גרויסען איינפלוס. יענע דאמען ווערען שוין באזונגען — — —

— זיי ווערען באזונגען פון קרא — — — —— ,האט שרה'קע איבערגעריסען די מראזאווסקי'ן, זיך נעכאפט אז זי האט געמאכט א טעות, אז קראשעווסקי לעבט נאך אפשר, זיך פערויטעלט און איז אנשווינען געווארען.

— פון וועמען ? — האט די לעהרעריז זי איבערגעפרעגט.

— ענטשולדיגט, כ'האב געהאט א טעות.

— אז פאננא סאריונא מוז אימער איבערשלאגען — האט די לעהרעריז זיך אנגעצוינגען — איצט ווייס איך שוין נישט וואו כ'האלט. וואו איז דער „דזשעננייק" ?

שרה'קע האט איהר דערלאנגט דעם „דזשעננייק". פון דער זייט געזעהן אז זי שטעלט איהר גוטע צייכענס, האט זי זיך פארגעסען און ווידער נעפרעגט:

— איז עס אמת אז קאזשמערזש האט געהאט א אידישע פרוי ?

— אסתר'קען ? — האט די לעהרעריז געשמייכעלט.

— טא פארוואס ברענגט ער עס נישט אין דער היסטאריע וואס מיר לערנען ?

— אלס לעגענדע דארף עס זיין.

— ס'איז נישטא.

— פון וואו דען ווייסטו עס ?

— כ'האב עס געלייענט אין „קרול כלאפואוו".

— קראשעווסקי'ס ?

— יא.

— זעהר א גוט ביכעל — האט די לעהרעריז זיך אפגעשטעלט.

שרה'קע האט געמאכט א רעווערענס, געווארט די לעהרעריז זאל זיך כ"ט איהר צוקושען.

האט יענע זי ארומגענומען :—

אויב פוילסט זיך נישט, סאראניו קום וועלען מיר זיך דורכשפאצירען ביז צו דער אלשינגע, דאס פאהרען איז מיר שוין דערעסען!

— מיט פארגעניגען.

זיי זיינען ארויס. די מראזאווסקי'ן האט געהייסען דעם פוהרמאן ווארטען אויף איהר ביי דער „אלשינגע", אליין האט זי גענומען שרה'קען אונטער'ן ארעם און זיך מיט איהר געלאזט איבער'ן זאמדיגען וועג וואס איז פערביינגעלאפען זייער הויז, דורכגעשניטען א שטיקעל וועלדעל און זיך געצויגען צווישען די לאנקעס.

פאר'ן הויז זיינען געשטאנען קיילעכדיגע בייטען מיט „סאמעטלעך", וואו די קאלירטע פינטעלעך האבען ארויסגעבלישטשעט פון די סאמעטענע קעפלעך, ווי ווייכע קינדערשע אויגעלעך.

עס איז געווען שטיל. פון דערווייטענס האט זיך געהערט ווי א וואגען קומט אן מיט א קלאפעריי. א וואגען מיט ליידיגע טינדלעך פון מילך איז אנגעפאהרען. דער פאכטער, אהן א כאלאט האט עטוואס איינגעהאלטען די פערד, און פערבייפאהרענדיג זיך באגריסט:

— גוטעןטאג, וויעלמאזשנא פאני מראזאווסקא!

— גוט־מארגען אבראמקו. אזוי שפעט פון שטאדט?

— מיר קומט היינט צו ווינשען — האט דער פאכטער, אן אפגעברענטער, מיט געלבליכע צושויבערטע האר, דערמאנט א שטיק זוניג תבואה־פעלד.

— וואס איז אבראמקו?

— מיין טאכטער איז היינט א כלה געווארען.

— ווער, רוחלא?

— יא.

— זי איז דאך נאך א קינד?

— די מויד האט שוין איבער פופצען.

— מזל־טוב, אבראמקו! האט די מראזאווסקי'ן געזאגט אין אידיש און זיך צולאכט.

— מזל־טוב! — האט דער איד א שמיץ געטון די פערד און באלד פערשוואונדען אין א זייטיג וועגעל.

— זעהר גוט וואס אידישע מיידלעך פארזיצען נישט — האט די מראזאווסקי'ן ווי צו זיך געזאגט.

— און איך גלויב אז אויב א מיידעל קען נישט קריגען ווען זי וויל, דארף זי פארזיצען — איז שרה'קע געווען צופרידען מיט איהרע אייגענע רייד — איז קארנבערג'ס טאכטער פארזעסען!

— מיינסטו יאדוויגען?

— יא.

— ביזט נאך יונג, סאראניו — האט מראזאווסקי'ן זי אנגענומען מעשה חבר'טארען — נור איין זאך וועל איך דיר זאגען, א מיידעל טאר נישט פארזיצען. דער שעהנסטער פרוי'ס לעבען אהן א מאן האט פונקט אזא פנים ווי די פעטסטע ערד אהן וואסער. די ערד טרוקענט איין, ווערט פארברענט פון דער אייגענער פייכטקייט — — — אט איך אליין — האט די מראזאווסקי'ן זיך פערלוירען, געשווינגען א ווייל‏ע, ווי זי וואלט זיך גע'ישוב'ט צו זי זאל רעדען פאר שרה'קען — געהאט נישט איין געלעגענהייט, רודאווסקי פון פעפלאווקע, דו קענסט דאך איהם, האט מיט זעכצען יאהר צוריק געבעטען מיין האנד — — — כ'בין דעמאלט געווען שעהנער, יונגער — — — .

— טא פארוואס האט איהר נישט חתונה געהאט? — האט שרה'קע זיך געפיהלט שלעכט וואס די מראזאווסקי'ן קלאגט זיך אפ פאר איהר.

— ס'איז פיעל צו רעדען — האט די מראזאווסקי'ן אפגעזיפצט — נור א פרוי זאג איך דיר דארף חתונה האבען! נעם מיין קאלעזשאנקע, די פאננע סטאטקעוויטש. זי איז א גוט־באזיצעריו, איז רייך און איך בין זי נישט מקנא. וואס פאר א לעבען פיהרט זי אהן א מאן? דרעהט זיך ארום אן אלטע פאננע, קיינער דארף זי נישט, וואו זי קומט, וויל מען זיך אפטשעפען פון איהר. מען מיידט זי אויס און אליץ דערפאר וואס זי האט קיין מאן נישט. א שאד, א שאד, סארוניו, וואס כ'בין פארזעסען,

כ'האב געהאט אזוי פיעל געלעגענהייטען ! — האט די מראזאוו־
קי'ן אראפגעלאזט דעם קאפ, זיך מיט א מאל געכאפט אז זי
האט עס נישט געדארפט רעדען פאר א שילערין און ביסלעכווייז,
שווייגענדיג, זיך צוריק אנגעצויגען.

אז די בריטשקע מיט דער מראזאווסקי'ן איז פערשוואונדען,
איז שרה'קע נאך לאנג געשטאנען אויף'ן זעלבען ארט, נאכגעקוקט
ווי די פאסען פון די רעדער האבען זיך געשלענגעלט און איינגע־
שניטען אין דער פייכטער ערד, געזעהן ווי די מראזאווסקי'ן האט
נאריש אונטערגעשפרונגען אין דער בריטשקע, געגלויבט אז זי
מוז זיין זעהר אומגליקליך, אז פון היינט אן וועט זי תמיד מאכען
די לעקציעס און געפלאנט ווי ר'נאך איהר צו העלפען.

— 6 —

דער וואלד בליהט — שרה'קע ווערט צייטיג.

עס איז דורך א זומער, א ווינטער, דערנאך נאך א זומער, נאך א ווינטער און דער סאסנאווער וואלד איז ווידער צייטיג גע־ווארען, געשמעקט מיט שוואמען, מיט קאליפאניע.

טיעף אין וואלד האט זיך די זמארע*) פונאנדערגעטריי־סעלט פון איהר לאנגען ווינטער־שלאף, געשפרייזט אין איהר ווייסען העמד, איבער פעלדער, איבער וועלדער, געשפרייט די לאנ־גע, פלאקסענע האר, ווי סיטשען, איבער הייזער, איבער דערפער — האבען זיך די בהמות זיך גענומען דרעהען אין די שטאלען, זיך געריבען אן די ווענד, געמעקעט — ס'האט זיי געצויגען אין פעלד אריין.

א ווילדע פון צופיעל יוגענד און פרישקייט איז די פופצעהן יעהריגע שרה'קע, מיט א צווייגעל בעז אין די שווארצע, צופאטעל־טע האר, געגאנגען פערנאכט מיט דער וויכסעל און געשליידערט וואס עס איז נור געקומען אונטער די פיס אין וואסער אריין. זי האט זיך יעדע ווייל אפגעשטעלט געקוקט מיט האלב פער־בענקטע, האלב הונגעריגע אויגען אויף דער ווינד מיהל, וואס איז געשטאנען אויף'ן בערגעל. א גאלדענע אין פלאמען, פערטריבען מיט די פליגעל די בלוטיגע זון הינטער'ן וואלד — און דער הי־מעל איז פערבלוטיגט געווארען.

---

*) א יונגע מכשפה, א מיידעל וואס שטיקט פערד.

פון צופיעל יוגענד און פרישקייט האט שרה'קע אליין נישט געוואוסט וואס זי וויל. זי האט פערביסען די ליפען, זיך אווארף געטהאן אין גראז אריין, פערוואָרפען דעם קאפ אויף א הינטער און דערזעהן ווי דער וואלד, די ווינד־מיהל ברענען אין דער ווייכסעל. און דארט וואו דער וואלד שניידט זיך אין וואסער אריין, געהט א פארעל מיט די פיס ארויף.

שרה'קע האט זיך צולאכט, זיך מיט אמאל דערשראקען פאר'ן אייגענעם געלעכטער, זיך אויסגעצויגען, ווי גרויס זי איז געווען, דאס פארעל זאל זי נישט באמערקען און אויף אלע פיער אהינ־טערגעקראכען הינטער א קוסט.

א ציגיינער מיט נאך גאר א יונגע ציגיינעריין זיינען אנגע־קומען פון דער צווייטער זייט ווייכסעל. זיי האבען צונויפגענומען עטליכע שטיינער און צוליינט א פייערעל. דער ציגיינער האט ארויסגענומען פון דער ציגיינערינס פלאכטע א ווייס גענזעל, אריינגעשטעקט זיין גראבען פינגער אין צועפענטען שנאבעל ווי א האק. האט דער שנאבעל זיך פארקלעמט און דאס גענזעל איז געבליבען הענגען מיט אויסגעצויגענע לאפקעס און מיט פערגלייי־זעלטע אויגען. די ציגיינעריין האט דאס לעבעדיגע גענזעל בא־קלעפט מיט ליים די פעדערען זאלען זיך אליין אפצופען און האט עס אריינגעלעגט אין פייער. זי האט פערשארצט דאס קלייד ביז איבער די קניהען, אפגעוואשען פון די הענד און פיס דעם ליים און ארוים צום ציגיינער.

דער ציגיינער האט זיך בעהאלטען הינטער א פערצווייגטען בויב, ווי מען בעהאלט זיך פאר א קליין קינד. ער האט זיך גע־דרעהט ארום דעם בוים, תמיד ארויסגעקומען הינטער איהרע פליי־צעס און די ציגיינעריין האט איהם געזוכט, נישט געוואוסט וואו ער איז אהערגעקומען. דער ציגיינער איז אפער פון הינטער'ן בוים צושפרייט די הענד, האט די ציגיינעריין מיט א פרעהליכען קוויטש זיך א ווארף געטון איהם אויף'ן האלז. זיי האבען זיך אויסגע־צויגען און זיך גענומען קייקלען איבער'ן גראז ווי קודלאטע הינד. שרה'קע האט זיך שיעור נישט צולאכט אויף'ן קול ,וואס גרויי־

סע שפּיעלען זיך ווי קינדער, דערפיהלט ווי פון די שפּיץ פינגער צו־וואקסט זיך עפּעס איבער איהרע אלע גליעדער, האט זי איינ־געהאלטען דעם אטהעם און זיך פערשעהמט.

זי האט מיט אמאל א צאפּעל געטון — א יונג פייגעלע איז ארויסגעפאלען פון א נעסט און געבליבען ליגען נעבען איהר ווי א שטיין. שרה'קע האט געכאפּט דאס פייגעלע, עס געמינטערט, אריינגעשטעקט דאס שנעבעלע זיך צווישען די ליפּען, געהויכט, באנעצט דאס שנעבעלע מיט שפּייעכטז, איז דאס פייגעלע צו זיך געקומען. זי האט אריינגעלייגט דאס פייגעלע אין בוזעם און א פערגאפּטע געקוקט אויף'ן ארט וואו דאס פארעל איז געלעגען. דאס קליינע נפש'ל האט געוואָרעמט הינטער'ן הארץ, געגלעט מיט די פליגעלעך, מיט'ן שנעבעלע און אז אנגענעהמער, פרישער ריח פון געבראטענע גאנז האט געדעגט, מיער געמאכט — האט שרה'־קע פון גרויס גליק אזש פערמאכט די אויגען.

און איבער דער ווייכסעל האט זיך געטראָגען וואנדע, געש־פּרייט די פאלעס פון איהר קלייד איבער די שפּיצען פון די בוי־מער — האבען זיי אויסגעזעהן ווי קופּערנע און בורשטינענע זיי־לען. זי איז מיט אמאל געבליבען הענגען אנטקעגען דער פער־געהענדער זון, זיך געוויגט אויף דורכזיכטיגע וואלקענדלעך און אבגעגאָסען שרה'קען מיט פליטערלעך, מיט בלענדענדע שרוטענד־לעך.

און די מאמע, א וואסערדיגע, געשלייערט אין שבת'דיגע, טער־קישע שאל־טיכער האט גערופען, איהר געוויזען שנירלעך פּערעל, לאנגע דימענדענע אוירינג, אראפּגענומען פון הארץ א כותל־מערבי, גרויס ווי א גאלדען טעצעל און זיך געשפּיעלט, גערופען צו זיך — — — —

די פייכטע, פרישע ערד האט פון צופיעל פרשקייט זיך אזש געשפּאלטען,דערפיהלט אין זיך מיליאָנען באַשעפענישען, האט די ערד מיט טויזענדע ריחות שווער און אפּגעהאקט געאטהעמט, זיך צוברומט און איינגעהילט, איינגעשלעפערט אלץ ארום.

שרה'קע האט דערפיהלט ווי די ערד קיהלט איהר לייב, ווי

די ריחות פער'שכור'ן זי, האט זי זיך איינגעגראבען מיט די שפי־צען פון די פיס, פון די הענד אין דער פייכטער ערד, האט די ערד זי דורכגענומען איהרע אלע קעמערלעך, וואס זיינען געשלאפען פופצעהן יאהר, האבען זיך ביסלעכווייז גענומען עפענען, ווי זיי וואלטען אנגעקוואלען פון דער ערד, געווארען פולער, איבערגעגאנ־גען, האט שרה'קע נאך שטארקער פארקוועטשט די אויגען.

א נישט צופרידענע, וואס שרה'קע קומט נישט, האט וואנדע נעכאפט איין וואלקענדעל נאכ'ן צווייטען, זיי אנגעווארפען ווי א בארג, פון כעס צובראכען דעם בארג, איז פון די וואלקענס ארויס דער יונגער פאטאצקי אויף א שווארץ צוגאווען פערד, זיך געטרא־גען צו שרה'קען.

א בויגיגער, מיט בלאנדע לאקען איז ער געבליבען שטעהן ביים פערד אין דער העלפט געבויגען:

— שעהנע פאננא, שרעק זיך נישט! דאס בין איך, דיין געליעבטער. איבער פעלדער, איבער וועלדער זוך איך דיך. דעמ־בעם זיינען אלט געווארען, פון אלטקייט געפאלען, פעט געמאכט די ערד, ארויסגעשפארט צו די וואלקענס נאך שטארקערע דעמ־בעם און איך זוך דיך אלץ. איצט וועט אונז שוין קיינער נישט שיידען! קום, שעהנע פאננא, זעץ זיך אויף מיין שווארצען פערד, האלט זיך פאר מיין ווייסען פלאשטש, קום! די טישען זיינען געגרייט, די געסטווארטען אויף אונז און מיין פאלאץ איז ווייסט אהן דיר — — —

דער גראף האט זי גענומען אין זיינע ארעמס, זי געטוליעט אין ווייסען פלאשטש און דאס פערד איז געפלויגען, זיך געטראגען ווי א שווארצער אדלער וואלד איין, וואלד אויס.

שרה'קע האט געפיהלט ווי דעם גראף'ס בלייכע ליפען גלי־הען, ברענען, האט זי זיך געטוליעט צו איהם אלץ שטארקער, שטארקער, או — ה!

— — — — — — — — — — — — — — — —

עטוואס א מיעדע, א פער'חלום'טע האט זיך שרה'קע אויפגע־שטעלט, אויסגעגלייכט דאס צוקנייטשטע קליידעל און דערפיהלט

אז זי איז געווארען אנאנדערע. זאכען וואס זי האט ביז אהער כמעט נישט באמערקט, האבען מיט אמאל אויפגעבליצט ביי איהר אין מח און זי האט זיי נאר אנדערש געזעהן. שרה'קע האט זיך פארשעהמט פאר זיך אליין און זיך ארומגעקוקט. איהר האט זיך אויסגעדאכט, אז אין דעם האלב טונקעלען וואלד, ערגעץ דארט הינטער ביימער זיצען דער טאטע, ברוך, לאזען קיין אויג נישט אראפ פון איהר — איז זי שטארק רויט געווארען. פון אלע זייטען האט זי דערהערט טריט. דערזעהן אזוי פיעל הענד, האט זי גיך ארויסגענומען פון בוזים דאס פיינעלע, עס ארויפגעשטעלט אויף א צווייג און זיך געלאזט געהן אהיים.

דער וואלד האט גערוישט, דאכט זיך געדיכטער געווארען און דא און דארט זיינען געשטאנען בויגיגע יונגען מיט צושפרייטע הענד און געווארט אויף איהר — האט זיך שרה'קע צום ערשטען מאל דערשראקען צו געהן מיט'ן וואלד און איז געגאנגען מיט דער ווייכסעל.

דאס געזאלצענע ווינטעל וואס עס האט זיך געטראגען פון דער ווייכסעל האט זי אויסגעניכטערט און שרה'קע האט זיך דערפיהלט נאך פרישער און גליקליכער. זי איז כמעט געלאפען אהיים, אנגעריהרט אויף'ן וועג יעדען בוים, יעדען קוסט, זיך דערמאנט אן ברוך'ן, ווי ער איז געזעסען אויף'ן פערד און גע־מאכט קולות, און זי האט זיך שטארק צולאכט. עס איז איהר מיט אמאל קאלט געווארען. שרה'קע האט גענומען לויפען נאך גיכער, נישט געוואלט טראכטען, איז, ווי אויף צו'להכעיס, ברוך, אן אומ־געווייקטער, א שרעקעדיגער, איהר אלץ געקראכען אין קאפ אריין.

אויף'ן הויף האט זיך שרה'קע אפגעשטעלט. דער קאלטענע־וואטער הונד מיט'ן דרענגעל צווישען די פיס איז ארויס פון דער בודע, זיך איבערגעצויגען מיט א הייזעריגען ביל גלאט אין דער וועלט אריין און זיך גענומען רייבען ארום שרה'קען. דער הונד האט עפעס דערשמעקט, זיך מיט אמאל דערפיהלט פרישער, זיך גענומען יאגען נאכ'ן אייגענעם עק, האט אבער דאס דרענגעל איהם אפגעשלאגען די הינטערשטע לאפעס, האט ער זיך אויס־

געצוינגען נעבען דער בודע און זיך פערקוקט. די היהנער זיינען שוין געזעסען אויף די לייטערלעך און געדרעמעלט. די קוואקע האט גדלות'דיג, ווי א באיאהרענטע בעל הבית'טע גערופען די קינדער שלאפען, געשארט מיט די פיס, מיט'ן שנאבעל, געפונען א ווערענדעל — און א מתנה קורטשאקעס האבען זיך געווארפען צו דער מוטער, געזוכט מיט די שנעבעלעך.

א שווארצער קרוק*) מיט א קרומען שווארצען שנאבעל, ווי א האק, האט זיך בעוויזען זעהר הויך, זיך גערעדעלט, דורכגעשני־טען פערשיעדענע קרייזען און געקוקט מיט זיין בייז אויג אויף די קורטשאקעס. די הוהן האט גענומען קוואקען, צושפרייט די פליגעל, אויפגעשטעלט די פעדערען, ארונטערגענומען די קינדער.

דער קרוק האט זיך אראפגעלאזט. דער שווארצער קרומער שנאבעל אפען, דאס אויג רויטליך, שפריצט פייער. די הוהן האט זיך געווארפען מיט א קוואקריי אויף'ן פייגעל, עס האבען זיך בעוויזען פעדערען. דער קרוק האט זיך צוריקגעצויגען און פון דער הוהן האט געטריפט בלוט.

דער קרוק האט זיך ארויפגערעדעלט זעהר הויך, ארויסגעלאזט אויף'ן וועג אויפטרייסלענדע געשרייען, באלד צוריק אראפ, זיך געוואלט ווארפען אויף דער הוהן. דער קרוק האט א האסטיגען דרעה געטון מיט'ן פליגעל, געכאפט מיט'ן שנאבעל א קורטשא־קעל און פערשוואונדען.

די הוהן איז געלאפען איבער'ן הויף ווי א משוגענע און גע־קוואקעט.

מיט אמאל, ווי איבער נאכט, איז שרה'קע אויסגעוואקסען פון איהרע קליידער, געווארען שעהנער און צייטיגער פון טאג צו טאג. די שפיציגע הענד און פיס, וואס האבען זיך געהאלטען איז איין ווארפען אין די אויגען, ווי דער קערפער וואלט פון עפעס אנדערש

*) א פויגעל פון אדלער מין.

נישט בעשטאנען, זיינען מיט אמאל פערשוואונדען. די צופארע־
טע ערד, די זונג, האבען זי פאר די עטליכע זומער חדשים דורכ־
גענומען, ווי א זאפטיגע פרי ווען זי ווערט צייטיג און די רייפ־
קייט האט ארויסגעקוקט פון איהר לייבט זומער קלייד.

זי איז זעלטען ווען געזעסען אין שטוב, גאנצע טעג איז זי
געווען אין וואלד, זיך פערקליבען טיעף, וואו דער וואלד איז גע־
דיכט און וואו מען זעהט זעלטען ווען. און פונקט ווי א כשוף
מאכער טוט א מאך מיט'ן שטעקעלע און רופט ארויס ווען ער
וויל, אזוי האט שרה'קע נור געדארפט זיך אוועקלעגען הינטער א
בוים, פערמאכען די אויגען און דער יונגער פאטאצקי מיט די
בלאנדע לאקען איז געשטאנען נעבען איהר און זי האט מיט איהם
גערעדט וואס איהר מיידעלשע הארץ האט געלוסט.

זי האט איהם כמעט תמיד פערטרוימט אויף קראנענבערגען,
ווען זי האט בעפרייט פון דער תפיסה, זיך פערקליבען מיט
איהם טיעף אין וואלד, געוואלט איהם האבען נור פאר זיך. און
אז זי האט זיך פון צופיעל פרייד פארבענקט, האט זי זיך געלאזט
מיט קראנענבערגען איבער דער וועלט. וואו זיי האבען זיך בא־
וויזען זיינען מענשען געווארען גליקליך, אויפגעהערט זיך צו טיי־
לען אין רייכע, און ארימע, איבערגעלאזט די הייזער אפען און
טאנצענדיג זיינען קינד און קייט זיי אנטקעגען געקומען.

און אז זי האט געעפענט די אויגען און זיך דערמאנט אז
דאס אלץ איז נישט מעהר ווי א חלום, האט איהר עפעס אויך
נישט שטארק באנג געטון, ווי זי וואלט נישט געגלויבט, און האלב
פערזשמורענדיג די אויגען, האט זי ווייטער געצויגען דעם חלום
און שעה'ן לאנג געפלאפלט מיט'ן בויגיגען אינגעל.

שרה'קע איז געלעגען הינטער א בוים אין א ווייס באטיסטען
קליידעל. זי האט ארויסגערוקט איבער'ן שטערען א צופאטעל־
טע קוטשמע האר, צוויי מאל ארומגענומען די האר מיט איהר
לאנגער בייטש קרעלען, זיי אויסגעפלאכטען ווי א קרוין און גע־
שמייכעלט צום בויגיגען אינגעל, געשמייכעלט צו קראנענבערגען:

— און דו האסט מיך טאקע ליעב? שטארק ליעב?

— אודאי האב איך דיך ליעב!

— ס׳א׳ליגען. ווען דו וואלסט מיך ליעב געהאט וואלסטו נישט נאכגעטראגען צעשקען דעם שלעפ.

— אז דו ווילסט נישט ביזט איינגעשפארט. נישט נור דעם שלעפ וואלט איך דיר נאכגעטראגען, נור אפילו די טריט געקושט — — —

— טא לעג זיך ביי מיינע פיס!

קראנענבערג האט זיך אראפגעלאזט אויף די קניע, געקושט איהרע פיס.

— גאט אזוי!

— און וועסט שוין מעהר נישט פערפאלען ווערען, מיך איבערלאזען איינע אליין און אוועק צו די פויערים?

— כ׳וועל דיך נישט איבערלאזען!

— איך האב פיינד פויערים.

— פארוואס?

— כ׳וויים נישט — — — ווייסט, זיי שלאגען די ווייבער —

— — איז אמת, וואס ברײנע זאגט אז מען האט דיך געשלאגען אין געפענגעניש?

— אמת!

— און דו האסט זיך געלאזט?

— זיי זיינען געווען שטארקער.

— און די פויערים וואס זיינען געזעסען מיט דיר האבען דיך געלאזט שלאגען?

— זיי האבען מיר נישט געקענט העלפען.

— זיי האבען יא געקענט, זעהסט, דו דארפסט מעהר נישט געהן צו זיי, זיך איינשטעלען ס׳לעבען, זאגסטו מיר צו אז דו וועסט מעהר נישט געהן?

— ניין.

— האב איך דיך נישט ליעב, נעה, כ׳בין מיט דיר ברוגז!

— שרה׳קע.

— וואס איז?

— זיי נישט ברוגז.

— זאגסטו מיר צו?

— יא.

— טא נעם מיך ארום!

— שטארקער!

— שטארקער!

— כ'האב מורא!

– שרעק זיך נישט, טייערע, כ'בין מיט דיר!

— זעה נור וואס וואסער־מיידלער!

— וואס טון זיי?

— זיי נייען מיר א קלייד.

— פון וואס?

— פון זילבערנע טראפענס וואסער, פון בלוע וועלען, פון גאל־דענע פלים פעדערען — — —

א וואסער־מיידעל איז אויסגעוואקסען פאר שרה'קען:

— טהייערע, קום גיכער! די טישען זיינען געגרייט, די געסט ווארטען אויף אונז און דער פאלאץ איז וויסט אן דיר, מיין קייסערין, די קייסערין פון דער וועלכסעל!

— כ'האב מורא!

— שרעק זיך נישט, איך בין מיט דיר!

— כ'האב מורא כ'וועל זיך איינגעצען מיינע קליידער.

— טא טהו זיי אויס.

— ביזט געדעכט.

שרה'קע האט זיך אויפגעשטעלט, פונאנדערגעהעקעלט דאס באטיסטען קליידעל, עס געלאזט ליגען ארום איהרע פיס, ווי א בייגעל, און ארויסגעשפרונגען. זי האט גענומען אויפקנעפלען די שיך און זיך געפיעשטשעט:

— כ'שעהם זיך.

— פאר וועמען?

— פאר דיר.

— פאר מיר?
— יא.
— קעצעלע!
— מא בעהאלט זיך דארט, הינטער יענעם בוים, אז נישט, װעל איך זיך נישט אויסטון.
— אז דו קוקסט מיט איין אויג! קוק נישט — — —
— אט אזוי, זיי א גוטער!

שרה'קע איז ווייסען העמדעל ביז איבער די קניה, איז גע־שפרונגען, פון איין פוס אויף'ן צווייטען. זי איז נישט געוואהנט געווען צו געהן בארפיס, האט זי יעדע ווײלע זיך געכאפט פאר א פוס, צונעהינקט, געשפרייזט ווי איבער צושטויסענע גלאז.

שרה'קע איז געבליבען שטעהן אין וואסער איבער די קנעב־לער, פערזשמורעט די שווארצע אויגען און הנאה געהאט. וואס דאס וואסער קיהלט און די זון ברענט. זי האט עטוואס אונטער־געהויבען דאס העמדעל, ווי זי וואלט מורא געהאט עס איינצו־נעצען, און געקוקט אין דער קלאהרע, דורכזיכטיגע וויכסעל, וואו יעדעס שטיינדעל האט געלויכטען, יעדעס גרעזעל האט זיך גע־איגען צו דער זון, זיך געשפיעלט מיט זוניגע פליטערלעך און א גרין זשאבקעלע האט זיך צולענט ביי'ם ברעג, פערוואָרפען אין וואסער די לאפקעס, אויפגעהערט שילטען און זיך געווארעמט.

די וויכסעל האט זיך גערונצעלט, געלאפען בארג אראפ, גע־וויספערט, דער וואלד, שרה'קעס וואלד, איז געשטאנען ווי אן אל־טער בעוואקסענער זיידע, ווי א ריעז, געהיט דאס אייניקעל, קיין אויג נישט אראפגעלאזט פון איהר — איז שרה'קען מיט אמאל אזוי גוט, שטארק גוט געווארען. זי האט אונטערגעשטעלט דער צופלאטטער זון דא דעם האלז, דעם קארק, די פלייצעס, דעם גאנ־צען קערפער, אזש געקרעכצט פון פרייד.

שרה'קע האט אויפגעהויבען א פוס און ווי א יונג, שעהן פער־דעל האט זי פון וואוילטאג געבריקעט, מוטנע געמאכט דאס וואַ־סער, וואַרפענדיג שטיינדלעך הין און צוריק. א צורייצטע האט זי א כאפ געטון מיט ביידע הענד די זוים פון איהר ווייס העמד,

זי צושפּרייט, געקוקט אויף איהר קלאָהר און לויטער לייב. געאָטהעמט דעם ריח פון איהר יונגען קערפּער, זיך אליין א קוש געטון, זיך איינגעביסען, ווי מען בייסט זיך איין אין א זאַפטיגען עפּעל, אין איהר איינענער ברוסט און נישט ווילענדיג א פּאַטש געטון איבער׳ן וואַסער — זיינען הונדערטער זילבערנע טראָפּענס ווי א האָגעל, ווי פייערדיגע פונקען, דורך מיט א בריה איבער איהר צופלאַמטען לייב און שרה׳קע האט מיט א פרעהליכען קווימש זיך אונטערגעטונקען.

א פרישע, אַן אויסגעניכטערטע איז שרה׳קע ארויס פון וואַסער, צופלאָכטען איהרע שווארצע נאַסע האר און זיי געטרוקענט אונטער דער הייסער זון.

טרוקענע צוויינלעך האָבען ערגעץ געקנאַקט, זיך געבראָכען, אין שרה׳קע, ווי אן איבערגעשראָקענע סארנע, פערשוואונדען אין וואַלד. זי האט זיך אויף ניך גענומען אנטהון. דאס קאַלטע וואַסער, די פייכטע, פּארינע ערד, די ווארימע וואַלד ריחות, וואָס האָבען געשלאָגען אין פּנים אריין, ווי פון פריש געבעקס, דאס אלץ האט גערייצט, געמאַכט אַפּעטיט און שרה׳קען האט זיך מיט אמאל שטארק פערוואַלט עסען. זי איז געגאַנגען אַהיים. ביי׳ם הויף האָט שוין שרה׳קע דערשמעקט דעם ריח, וואס האט זיך געטראָגען דורכ׳ן אָפענעם פענסטער, פון פרישע, אונגעריישטע קאַרטאָפּעל, פון איינגעדעמפּט פלייש. זי האט געפיהלט ווי אלץ אין איהר וויל עסען און מיט ציטערדיגע נאַז־פּליגעל, ווי ביי א יונגע חיה ווען זי דערשמעקט פלייש, איז שרה׳קע מיט עטליכע שפּרונג געווען אין שטוב.

— ברײַנע, כ׳שטאַרב עסען!

— טאָקע גוט וואס דו ביזט געקומען, כ׳האָב נור וואס אָפּגעזייעט די קאַרטאָפּעל.

שרה׳קע האט ניט געוואוסט וואס פריהער צו עסען. זי האט געכאַפּט די הייסע קארטאָפּעל אין מויל אריין, זיך געבריהט, זיי געוואָרפען פון איין באַק אויף דער צווייטער, געכאַפּט א ביס פלייש, א פּאָר רייפלעך אוגערקעס, א לעפעל זיסען עסיג.

— וואס יאנסטו זיך, וואס? זעה נור, ווי אימיצער וואלט גע־וואָרט אויף איהר! שרעק זיך נישט, קיינער וועט דיך נישט צו־כאפען — האט ברייגע זי געשטראפט און זיך אוועקגעזעצט מיט פארלעגטע העגד אנטקעגען שרה׳קען.

—כ׳בין שוין לאנג אזוי הונגעריג נישט געווען, כ׳האב גע־מיינט כ׳וועל איפעסען, כ׳וויים — — א — — אז אקס מיט קאַ־פיטעס! — האט זיך שרה׳קע צולאכט — און וואו איז דער טאַ־טע?

— ביזט נאך א ווילדע, שרה׳קע. ס׳איז שוין, אויף מיין וואָרט, צייט או דו זאלסט זיך אביסעל סטאטקעווען, אויסטון די קינדער שיכלעך, ווי לאנג איז דער שיעור? ביז דאך שוין א כלה מיידעל! דו פרעגסט וואו איז דער טאטע? ער איז געפאהרען אין שטאָדט אריין צו דער מוהמע גיטעל.

— עפעס אין מיטען דערינען?

— וואס דען, ווארטע ביז אנאנדערער וועט אויסבאפען!

— וואס מיינסטו?

— כ׳מיין, לאז מען זיך נישט נארען, מען האלט ברוך׳ן פאר׳ן בעסטען בחור אין שטאָדט, און ער שטעהט אין די שעהנסטע שידוכים, הלואי אויף אלע אידישע זיהן געזאגט, טענה איך, אז ער איז נוט פאר אנדערע, איז ער דאך פאר אונז אודאי גוט! פארט אן אייגענער, א שוועסטער קינד. דארף מען טון א שידוך פון דער פרעמד, טאפען אין דער פינסטער, וואו מען קען קיינעם נישט, דען, טאכטערשי, א שידוך איז א בלינדע זאך און א טאכ־טער איז קיין זון. צווישען אונז זאל עס בלייבען, שרה׳קע ביזט קיין עק הרע א שעהן מיידעל, נור אפילו מיט דער שעהנסטער טאכטער איז זיך נישטא מיט וואס איבערצונעמען, וואס זאגט מען — אז מען האט א זוהן האלט מען די פיס אויף די שטאַלען און אז מען האט א טאכטער ווערען די פיס געשוואָלען.

—אז כ׳וויל נאך נישט קיין חתן! — האט זיך שרה׳קע צו־לאכט.

— ס׳רעדט זיך נור אזוי, שרה׳קע, איך האב אויך ניט געוואלט

און פונדעסטוועגען בין איך אין דיינע יאהרען שוין א מאמע נע־וען. וואס האב איך קיין ליגען נישט געוואלט זאגען? יא. דער טאטע וויל אז איהר זאלט נאך דער חתונה וואהנען מיט אונז. ברוך וועט זיצען און לערנען, ספרים קיין עין הרע פעהלען נישט. דערווייל וועט ער זיך ביסלעכווייז באקענען מיט'ן געשעפט און נאך הונדערט און צוואנציג יאהר, די שעה זאל נישט בע'שעה'ן וועט ער איבערנעהמען דעם מסחור. די מוהמע גיטעל ווידער וויל, אז איהר זאלט וואהנען נאך דער חתונה ביי איהר. און דעם אמת געזאגט, קען מען צו איהר גאר נישט האבען, אז עלענד מענש, קראנק, א צובראכענער שארבען, זי שפיעגעלט זיך דאך אין ברוך'ן, נו, איז א וואונדער? האב איך דעם טאטען אן עצה געגעבען אז ער זאל מאכען א קניפ מיט א שלייף — לאז די מוהמע גיטעל איינ־לעגען דאס געוועלבעל, זי מאכט סיי־ווי־סיי דארט „איישעם־שיישעם" און זיין מיט אונז צוזאמען, נו, וואס זאגסטו שרה'קע־שי? יעצט ווענדעט זיך בלויז אין דיר?

— לאז מיך צורוה, אז כ'וויל נאך נישט קיין חתן! — האט שרה'קע שטיפעריש געזאגט, זיך אנגעטרונקען מיט קוואל וואסער פון א קרוג און איז ארויס פון שטוב.

א געשפארעטער האהן מיט א בלוטיגען קאם האט געפיהרט א מחנה היהנער. די היהנער האבען זיך נעהנטער געדוקט צום האהן, געהויבען די פליגעל אז די רוקענס זאל'ן אויסזעהן ברייטער, גערדעהט מיט די נארישע קעפלעך, זיך געפיהלט זיכער און גע־קוואקעט.

דער האהן האט זיך יעדע ווײלע א שטעל געטון אין זיין גאנ־צער גרויס, צושפרייט די פליגעל, פערריסען דעם גרגרת, אויפגע־שטעלט דעם קאם און זיך צוקרעהט. עס האט געהייסען — ער האט בעזיעגט דעם קלענערען האהן, וואס איז נאכגעגאנגען א צו־שלאגענער נאך דער סטאדע און ביי איהם צוגענומען די ווייבער.

שרה'קע, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען און זיך צוגע־קוקט ווי דער גרויסער האהן האט צושלאגען דעם קליינעם, האט זיך אונטערגע'גנב'עט, א כאפ געטהאן דעם האהן, ווען ער איז

זיך פארנאנגען אויף דער העכסטער אקטאווע און איהם אפגע־
מישט אין דער קארעטע מיט וואסער.

דער האהן איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער, נישט גע־
וואוסט וואס דא איז געווארען און געהאלטען אין איין שלינגען
לופט. פון קאפ, פון די פליגעל, פון די פיס האט גערונען וואסער
און אליין איז ער מיט אמאל געווארען אזוי קליין, קלענער פון א
הוהן. ער האט געשאקעלט מיט'ן נאסען קעפעל, זיך געווישט די
פארצעלאיענע אויגען און אז איינגעקארטשעטער זיך גענומען רו־
קען אונטער דער זון.

דער צושלאגענער האהן האט זיך גלייך א שטעל געטון, פער־
ווארפען איין פליגעל רעכטס דעם צווייטען פליגעל לינקס, פעררי־
סען דאס קעמיעל און מיט א פאטשעריי האט ער זיך צוקרעהט צום
ערשט רעכטס, דערנאך לינקס, אזש אונטערגעשפרונגען פאר
ברייד — האבען די היהנער ביסלעכווייז איהם ארומגערינגעלט,
זיך גענומען פאר איהם חנ'דלען און ער איז מיט זיי אוועק.

שרה'קען איז מיט אמאל עפעס קלאהר געווארען. זי האט
זיך אויף א וויילע פערטראכט, געפיהלט ווי אלץ אין איהר בענקט,
צאפעלט, וויל א געשריי טון און די פיס ווי פון גומע שפרינגען
אונטער, האט זי זיך אוועקגעזעצט אויף דער הילצערנער הוידע,
זיך פאמעלעך צואווינגט:

קומט דער ליעבער זומער, זומער,
שפיעלען מיר אין זאמד...

די הוידע האט זיך שטארקער צואווינגט און יעדעס מאל ווען
זי האט זיך אויסגעגלייכט מיט דער ערד, האט שרה'קע אונטער־
געשטעלט א פוס און זינגענדיג זיך געהויבען אלץ העכער און הע־
כער.

דאס ווינען זיך האט איהר באלד דערעסען. האט זי פערבי־
סען די ליפען, זיך כלומרשט צואווינט, ווי א צופיעשטשעט קינד,
אהינטערגענומען הינטער זיך די פיס, זיי בארעקט מיט'ן באטיס־
טענע קליידעל, פערמאכט די אויגען און געבליבען ליגען ווי אין א
וואקעלדיג שיפעל.

ארום איז געווען אזוי שטיל אז זי האט געקענט ציילען דעם טיק־טאק פון איהר אייגענע הארץ. א ביהן האט זיך געטראגען מיט א הוזשעריי ארום איהר רעכטען אויער, האט שרה'קע עם געוואלט פארשטעלען, זיך געפוילט אפערצונעהמען די האנד, געבליבען ליי־גען ווי פריהער און געווען זיכער אז זי ווינט זיך נאך, כאטש די הוידע האט זיך שוין לאנג געהאט אפגעשטעלט. זי האט מיט א מאל דערפיהלט א האנד אויף זיך און געעפענט די אויגען.

— ווי דאס באקט זיך אויף דער זון, ווי א קאץ! דער קאפ וועט ראד דיר וועה טון! וואס איז, שרה'קע ביזט נישט געזונד?

— וואס פאלט דיר איין — — —

— עס איז עפעס נים גלאטיג, שרה'קע, דו זאלסט זיך אין מיטען העלען טאג אזוי אוועקלעגען? זאג, וואס איז דיר?

— ס'איז אסור גאר נישט, ברײנע — האט זיך שרה'קע פאר־לוירען צושמייכעלט, ארומגעכאפט די אלטע, זי גענומען קושען און געפיהלט ווי עפעס שטעהט איהר אין האלז.

— טא זעץ זיך אין שאטען!

שרה'קע איז אראפ פון דער הוידע, זיך איבערגעצויגען און זיך גענומען רייבען די אויגען.

די אלטע ברײנע האט ביים ערשטען קוק זיך אנגעשטויסען וואס מיט'ן מיידעל טהוט זיך. זי האט זי ארומגענומען ווי א מוטער, צוגעפיהרט צו דער באנק, וואס איז געשטאנען הינטער'ן פענסטער, זיך געזעצט און אנגעשפארט שרה'קעס קאפ אן איהר אקסעל:

— איצט, טאכטערשי, דערצעהל מיר?

— וואס זאל איך דיר דערצעהלען? — האט שרה'קע געע־פענט א פאר אויגען.

— כ'מיין — — — דארפסט זיין גליקליך, ביזט קיין ערי־הרע יונג, שעהן, דערצו קריגסטו אזא וואוילען חתן, וואס קריכסטו זיך? מיט אן אמת. זאג — האט ברײנע אנגעשטעלט אויף שרה'קען א פאר ווייכע אויגען — האסטו עפעס אויסצוזעצען גע־גען ברוך'ן? ווייסט דאך, אז דו וועסט נישט וועלען, וועט דיך

קיינער נישט נויטען! דען וויסען זאלסטו, טאכטערשי, אז גע־נעהטע זאכען טרעגען זיך! מיר אבער דאכט זיך, אז קיין בע־סערען חתן, ווי ברוך, קען זיך קיין אידישע טאכטער נישט ווינ־שען! לאמיר זיך נישט נארען — וואס, דער יחוס געפעלט דיר נישט? ס'איז דאך דיין שוועסטער קינד! זינדיגסט שרה'קע זינדיגסט — — — א זיידענער בחור, דאס פנים אזוי איידעל, די שכינה רוהט דאך אויף איהם און דער עיקר — האט ברײנע שרה'־קען איינגערוימט אין אויער אריין — מען שמועסט אז ער איז דער בעסטער בחור אין בית המדרש... ביזטו נאך יונג, קריכען אלע נארישקייטען אין קאפ אריין, מעגסטו מיר גלויבען, כ'בין אויך אמאל יונג געווען, נאך דער חתונה זעהט מען איצט אז נישט אלץ וואס האט געבלישטשעט, איז גאלד! דער עיקר איז די יאדרע, די שאלעכץ פאלט סיי־ווי־סיי אראפ! זינדיגסט שרה'קע, זינדיגסט... נו, וואס האב איך זיך אוועקגעזעצט, כ'וועל א קוק טון צו די בהמות.

שרה'קע האט די גאנצע צייט פערלוירען געשמייכעלט, זיך גע'חדוש'ט וואס ברײנע רעדט מיט איהר, ווי מיט אן ערוואק־סענער, זיך געשעהמט איהר צו קוקען אין די אויגען און אז זי איז געבליבען אליין, האט זי זיך נישט געקענט שענקען, פארוואס זי האט געשוויגען, געדארפט איהר געבען צו פארשטעהן אז פון דעם שדוך וועט גארנישט ווערען, אז זיי זאלען אויפהערען איהר צו פארדרעהען דעם קאפ מיט ברוך'ן.

די שטילקייט ארום האט שרה'קען דענערווירט. זי האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך, זיך דערפיהלט אן איבריג־גע, נישט געוואלט קלערען אז ס'גאנצע לעבען וועט זי פטר'ן אין דעם הויז, געהאפט אז עמיצער וועט קומען, מוז קומען און מיט געוואלד זי ארויסרייסען פון דאנען. זי האט פארביסען די ליפען, חשק געהאט אונטערצוצינדען דעם טרוקענעם סטאג מיט היי, וואס איז געשטאנען אין מיטען הויף, — ס'זאל באטש פלאקערען! א מיעדע איז זי געבליבען זיצען אויף דער ריאנק, געקוקט צום וואלד צו. דער וואלד האט געשפינען

זיינע מעשיות און וואס נעבעלהאפטער זיי זיינען געווען, דער־צעהלט וועגען אונמענגליכע העלדישקייטען וואס מען קען נור ביי־קומען אין חלום, אלץ רוהיגער איז שרה'קע געווארען.

די טיפע וועלדער, דער גרויער הינקעדיגער וואלד־העקער און אפילו בריינע — אלע האבען געהאט צו דערצעהלען וועגען א בלא־סער רחל מיט שווארצע אויגען וואס האט געצויגען שרה'קעס פא־טער בחור'וויז ווי מיט א מאגנעט.

זי האט זיך אויפגעשטעלט, זיך געערגערט וואס צו איהר קומט קיינער נישט, געליטען וואס דער פאטער וויל איהר אויסקלייבען א חתן און געפיהלט א שנאה צו ברוד'ן. זי איז א גלייכגילטיגע אריין אין שטוב, געגאנגען פון איין צימער אין צווייטען און זיך אפגעשטעלט ביי די שווערע שענק מיט ביכער. צו'ם הונדערטען מאל האט זי איבערגעליינט די נעמען אויף די רוקענס, ארויסגעשלעפט „קרול כלאפואוו" און אויפגעמישט די שטעל וואו אסתרווארט איינע אליין ביי נאכט אויפ'ן קייסער. דאס יונגע הארץ האט ביי שרה'קען שנעלער אנגעהויבען קלאפען זי האט זיך א כאפ געטון, ווי עס וואלט איהר מיט אמאל עפעס איינגעפאלען, זיך שטיל אריינגע'גנבעט צו בריינען אין שלאף־צי־מער און נאך שטילער ארויס מיט בריינעס קרבן'מנחה סידור.

זי האט זיך בעהאלטען אין דער סטאדאלע אויפ'ן פרישען היי און גענומען ליינען דעם „מעין־טהור". ביים קלענסטער שארך האט זי בעהאלטען דעם סידור אין היי, כלומרש אריינגעקוקט אין „קרול כלאפאוו", זיך איינגעהערט געפיהלט אז זי זינדיגט, אז א מיידעל דארף דאס נישט ליינען, אז ס'איז מיאוס, פארשטעהט נישט ווי ר'נאך מען האט עס אריינגעשטעלט אין א סידור און אין דער זעלבער צייט האט זי ווייטער געליינט. זי האט געשלונגען איין זייטעל נאך'ן צווייטען, געפיהלט ווי זי זינקט אין פרישען היי, ווי דער ריח נעהמט זי דורך, הילט איין און די ווייכע הייעלעך קושען די באקען, פער'גנב'ענען זיך ארום האלז, ווי שפיצען פון פינגער, בריהען, צו־וואקסען זיך, קליאמרען ארום דעם גאנצען קערפער און דער ריח בלייבט הענגען איבער די אוי־

נען ווי א פארע, צוגיסט זיך איבער אלע גליעדער, פילט אן יע־דען נערוו, האט ביי שרה'קען אין מח זיך עפעס אנגעהויבען פלאנ־טערען, וועבען. זי האט מעהר נישט געוואוסט וואס זי לייענט, מעכאניש געזאגט די ווערטער און אין דער זעלבער צייט אפגע־מאכט ביי זיך אז זי וועט קיינמאל נישט ווערען א כלה פאר ברוד'ן.

שרה'קע האט זיך געכאפט אז זי האט דורכגעלייענט א זיי־טעל און ווייס קיין איין ווארט נישט וואס דארט שטעהט. זי האט נאך אמאל אנגעהויבען פון אנהויב, באלד זיך ווידער פער־פלאנטערט, אנגעווארען דעם פאדעם, געזעהן ווי קראנענבערג לאזט זיך צו איהר אראפ אויף א שטריק, מוט איהר אן מאנס־בילשע קליידער און זיי פערשווינדען. זיי פאהרען א נאכט מיט א טאג און נאך א נאכט ביז זיי קומען אין א געדיכטען וואלד אריין. קראנענבערג גראבט אויס א קעסטעל פון אונטער אן אל־טען דעמב, נעהמט ארויס א בלויען פוינעל, פליקט אויס א פע־דער פונ'ם פוינעל'ס קאפ און שרה'קע זיצט אויף א שווארץ צו־גאוועז פערד. צוועלף בויגינגע איינגלעך לויפען איהר נאך, טרא־גען דעם שלעפ פון איהר וואסער־קלייד און וואסער מיידלעך גע־שלייערט אין ווייכע וואלקענדלעך לויפען אויף א פריהער, האל־טען לאנגע הערנער און שאלען — רוקען זיך די ביימער איין, דער וואלד הילכט, די ווייכסעל שפאלט זיך און וואנדע קומט שרה'קען אנטקעגנע, פיהרט זי אין פאלאץ אריין.

— 7 —

שרה'קעס תנאים און ר' מענדעל'ס יאהרצייט.

דער אויוועז, וואס האט פערנומען איבער א האלבע קיך, האט געברענט, רויט געמאכט די בלעך און בריינע א צוויאכמערטע האט אלץ אין איינעם געשטופט העלצער דורך די צונליהטע פייערקעס, צונעווארפען שטיקער קארע אונטער'ן דרייפוס, וואס איז געשמא־נען אין א ווינקעל און וואו א טאפ מיט גענזענע גריוועז האבען זיך אויסגעלאזט מיט א קוואקעריי.

בריינע האט געמישט דעם קרופניק, יעדע ווילע אויפגערוקט די בלעך פון באק־אויוועז, אריינגעשטעלט א ברענענדיג שייטעל האלץ און געקוקט צו די געבראטענע גענז. זי האט געהאלטען אין איין בעטען גאט עס זאל אלץ גראטען, יעדע ווילע געקוקט דורך'ן פענסטער צו מרדכי פאהרט, געוואלט ער זאל ברייננען וואס מעהר חסידים. א קלייניגקייט עפים, שרה'קעס תנאים, ר' מענדעלי'ס יאהרצייט!

שרה'קע איז געזעסען ביי'ם פענסטער איבער א צועפענט בוך, אויפגעצויגען אויף א גומע קרעלען און געקוקט אויף די פערשנע־עטע ביימער, ווי זיי וואלטען געווען בעצויגען מיט צודריוועלטע וואטע.

— די קרעלען וועלען נישט אנטלויפען, וועסט זיי מארגען אויפציהען — האט זיך בריינע געבעטען ביי שרה'קען — זעה בעסער מען זאל גרייטען צום טיש, ייי וועלען דאך באלד אנקו־מען.

— האסט דאך געזאגט אז מאריאנע וועט גרייטען צו׳ם טיש?

— האט שרה׳קע זיך געטוליעט אין א טערקיש זיידענעם שאל.

— אז די כלב׳טע קומט נישט! מסתמא שוין ווידער זיך צעשלאגען מיט וואצקען. אזא שלום־בית אויף אלע גוים געזאגט! נו וואס זיצטו? גיכער!

— כ׳נעה שוין — האט שרה׳קע אנגעהויבען צו בלעטערען ס׳בוך.

— ס׳זאל נישט נמאס ווערען א גאנצען טאג צו לייענען? מאכסט דאך דיר די אויגען קאליע! און גראדע היינט האסטו גע־מענט נעמען א אידיש ביכעל, נישט זיך האלטען אין איין שטא־פען מיט גוי׳יש!

— טא פארוואס ברענגט ער נישט, דער מוכר־ספרים א נייע ביכעל, די אלטע קען איך שוין אויף אויסווענינ — האט שרה׳קע זיך פארענטפערט.

— דו מיינסט אז אלץ איז א מעשה־ביכעל, א שטיקעל תהילים וואלט דיר אסור נישט פערשאדט — האט ברײנע זיך ביי איהר געבעטען.

— הייבט זיך אן!

ברײנע האט אראפגענומען דעם טאפ מיט גריווען, איהם אוועקגעשטעלט אויף דער פאדלאגע און גענומען אפשעפען שמאלץ אין אן ערדענער שיסעל.

— דאס שמאלץ קוואקעט נאך אלץ? — האט זיך שרה׳קע גע־פרענט.

— ס׳קוואקעט אזוי לאנג, ווי אז אלמן בעוויינט א ווייב — האט ברײנע געשמייכעלט און צוריק אוועקגעשטעלט דעם טאפ אויף׳ן דרייפוס.

מאריאנע איז אריין אין קיך, געריבען איין האנד אן דער צוויי־טער, זיי געהויכט, זיך געווארעמט אן די צוגליהטע פייערקעס:

— מיין אלטער האט מיך דא אהערגעשיקט, איהר דארפט מיך? אוה, א פראסט היינט!

— גוט קאַלט — האָט שרה'קע געפרעגט — כ'בין נאָך הײנט אין דרויסען נישט געװען.

— װאָס פרעגסטו, דער פראָסט בײסט װי אַ משוגענער הונט!

— זײ װעלען דאָס האָבען אַ שליטװעגס — האָט ברײנע אָפּגעזיפצט — װאָס האָב איך קײן ליגען נישט געװאָלט זאָגען? יאָ. הער זיך אײן, מאַריאַנע, װעסט אויפרוימען דעם עס־צימער און צושטעלען די טישען, גוט?

— גוט!

ברײנע האָט אָנגענאַסען אַ שנאַפּס, אָפּגעבראָכען אַ האַלבע קובען און אַ קלאַפּ געטון מאַריאַנען איבער דער פּלײצע:

— ס'ערשטע פאַרזוך מײן געבעקס.

מאַריאַנע האָט געגעסען מיט אַ פול מויל, אונטערגעשטעלט אײן האַנד אונטער דער צװײטער, די קרישקעס זאָלען האָבען װאו אַרײנצופאַלען און נאָך יעדען ביס האָט זי אָפּגעטרײסעלט דעם קובען אין דער האַנד אַרײן און אַרײנגעשיט זיך די קרישקעס אין מויל.

— אַצינד װעט מען זיך נעהמען פאַר דער אַרבײט — האָט מאַריאַנע געזאָגט מיט אַן הכנעה שמײכעל, זיך באַלעקט, אָפּגעקלאַפּט די הענד אָן פאַרטוך און איז אַרײן אין עס צימער.

שרה'קע האָט אַראָפּגענומען פון דער װאַנד אַ שפּיגעלע, עס אָנגעשפּאַרט אָן אַ טעפּיל, זיך גלאַט פאַרקאַמט די האָר, מיט אַ שרונד אין דער מיט, פאַרלעגט די צעפּ אין אַ קאָקס און זיך געװענדעט צו ברײנע?

— װי זעה איך איצט אויס? טרעף, ברײנע?

— פרעג מיך עפּעס בעסערס! — האָט ברײנע אָפּגעזיפצט און װידער אָפּגעשעפּט דאָס שמאַלץ אין דער ערדענער שיסעל אַרײן.

— דו װײסט, שרה'קע, אַ מציאה געװען די גענז — האָט ברײנע אָנגעהויבען — מיר װעלען קײן עין הרע האָבען איבער אַ טאָפּ שמאַלץ. הלואי קריג איך אויף פּסח נישט קײן ערגערע! כ'װײס, אַז הײנט איז אַלץ װאָכעדיג! װי איז דאָס געהערט געװאָרען, אַז

אין א בעל־הבית'שע שטוב זאל מען נאך נישט האבען קיין שמאלץ אויף פסח? ס'איז דאך שוין באלד פורים! ביי לייטען, ווייס איך, לאזט מען חנוכה אויס שמאלץ אויף פסח. אז מיין באבע רבקה'לע, צו לענגערע יאהר אונז, א כשר'ע נשמה געווען, האט אויסגעלאזט חנוכה שמאלץ, איז ביי אונז, קינדער, אן אמת'־ער יום־טוב געווען. כ'געדענק ווי היינט — האט בריינגע א צופרי־דענע גענומען די הענד פארבאקעם — מיין באבע, א קליינטשיקע איז געשטאנען אויף א הויכען בענקעל, געמישט דאס שמאלץ און אונז אייניקלעך האט זי דערצעהלט וועגען אן ארימער יודענע, א צדקניות, וואס האט אויסגעלאזט שמאלץ, האט זיך דורכ'ן קוי־מען בעוויזען א קליין, ווייס הענטעל און וואס די יודענע האט נישט אפגעשעפט דאס טעפעל איז עס באלד צוריק פול געווארען ביז צו'ם ראנד. און וואס מיינסטו? מיין באבע, א ליכטיגען גן עדן זאל זי דארט האבען, האט אזוי דערצעהלט די מעשה אז מיר קינדער, האבען מיט אמאל דערזעהן א קליין, ווייס הענטעל. ווי פון א יעהריג קינד, איז דארט געווארען א רעש? די באבע האט גענומען טאנצען פאר שמחה, געקלאפט א האנד אן א האנד און מיר האבען מיטגעזונגען:

— הענטעלע, הענטעלע, גיעב אונז שמאלץ מיט א פולער האנד!

— הענטעלע, הענטעלע, גיעב אונז שמאלץ איבער דער ראנד! און וואס מיינסטו? פון פינף פוילישע פונט שמאלץ האבען מיר געהאט א קימא לן פון זיעבען, אכט טעפ, ווי כ'בין א יודישע מאכטער!

— און פאר וואס בעווייזט זיך שוין היינט נישט מעהר דאס הענטעלע? — האט שרה'קע א נייגעריגע זיך געפרעגט.

— ווייל מען איז עס נישט ווערט, קינד מיינס. די וועלט ווערט אלץ ערגער. אט נעם למשל דיך אליין: וויפיעל געזונד קאסט מיר אז דו דאווענסט אמאל שבת ראש־חדש? און גלויב מיר, אז איך אין דיינע יאהרען האב דריי מאל א טאג גערא־ווענט

— און אז כ'וועל דאַווגען דריי מאָל אַ טאָג וועט זיך דאָס העגמעל בעווייזען? — האָט שרה'קע געשמייכעלט.

— אפשר, פּרובּיר! נור דאָס, מאַכטערשי, טויג שוין נישט. איידער וואָס, ווען, מאַכסטו שוין אַ קאָנטראַקט מיט'ן רבונו־של־עולם!

עס האָט זיך געהערט אַ סקריפּ פון רעדער — אַ בויד געשפּאַנט אין דריי פערד איז געבליבען שטעהן אין מיט'ן הויף. ברײנע איז צו צום פענסטער, גענומען ווישען די פערפרווירענע שויב.

— ברײנע, זעהסט, די מוהמע גיטעל איז אויך געקומען! און אָט איז ברוך, דער טאַטע און אַזוי פיעל יודען, קוק!

— אויב אַזוי, שרה'קע טהו זיך טאַקע גיכער איבער! באַלאַמוטשע נישט, וואָס וואַרטסטו? איך וועל אויך איבערוואַרפען אַ האַלב קלייד.

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין — האָט ברײנע געשמייכעלט — כ'וועל זיין אַ גאַנצער נאַר און אַ האַלבער נביא — מיר וועלען, אם ירצה השם, היינט ברעכען טעלער.

— וועל איך זיך דוקא נישט אָנטהון! — האָט שרה'קע כמעט אַ געשריי געטון.

— שרה'קע, פאָלג מיך, מאַך נישט קיין לייטישע געלעכטער און זיך איבער. אַז וועסט נישט וועלען, וועט דיך קיינער נישט נויטען! געניי'עטע זאַכען, מאַכטערשי, טרעגען זיך! איבריגענס איז ער אויך נישט קיין פרעמדער.

מרדכי איז ברייט אריין, דאָס פוטער צוקנעפּעלט, מעשה בעל־הבית. נאָך איהם איבער אַ מנין חסידים, האַלב געפרוירענע מיט בלועה נעזער, די קעפּ איינגעקורטשעט צווישען די אַקסלען.

— נו, וואָס מאַכסטו, ברײנעשי? — האָט זיך גיטעל אַריינגעקייקעלט ווי אַ פּעסיל און זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער אַלטער.

— נישט צו פערזינדיגען. און איהר גיטעלשי קרוין? סאָלט, האַ? ניטעל האָט אויסגעטהון אַ שובע, אַראָפּגעשלעפּט איין

קאפטען נאכ'ן צווייטען, אויסגעטהון עטליכע פאטשיילעס און פון דעם פעסעלע איז געבליבען אז אויסגעדארטע, איינגעהויקערטע יודענע.

— און וואו איז שרה'קע?

— טהוט זיך איבער — האט זיך ברײנע געשמאלצען פון נחת. אנגעטהון בשעת משעה אויף'ן גולען קאפ א קופקע געמאכט פון פון קאלירטע סטענגעס, בעפוצט מיט קרעלען און גאלדענע בלעכ־לעך — א קינד, שעמט זיך אביסעל, נור וואס זאל איך אייך זא־גען, גיטעלשי קרוין, איז דאס, קיין עין הרע, א שרה'קע? אט נעהט זי!

— וואס, איך ווייס נישט? — האט גיטעל ווי זיך בעליידיגט וואס ברײנע דערצעהלט איהר וועגען שרה'קען — נישט קשה, זי האט אין וועמען אריינצוגראטען!

און כאטש שרה'קע האט זעהר נישט געוואלט א כלה ווערען, האט זי פונדעסטוועגען דורכגעווארפען אלע איהרע קליידער, גע־וואלט דאס מאל נעפעלען, אויסזעהן שעהנער. זי האט זיך פאר־קעמט א פריזורע, פערליינגט די צוויי צעפ ארום דעם אקפ ווי א קראנץ, אנגעטהון א שווארץ קרעפען קלייד פון דער זייט צו קנעפ־לען און א בלאסע פון שרעק, מיט רויטליכע אויגען פון טרערען, איז די זעכצעהן יעהריגע שרה'קע מיט אמאל ווי עלטער געווא־רען.

זי האט זיך מעשה דאמע א שטעל געטהון אין שפיעגעל אריין, עטוואס אונטערגעהויבען דאס קלייד, זיך דערמאהנט אז זי זעהט אויס ווי ישראל אלטער'ס עלטסטע טאכטער, די יונגע אלמנה און מיט א געמאכטען שמייכעל איז זי אריין צו די געסט.

— זעה נור, זעה, ווי זי האט זיך דאס אויסגעשלייערט? — האט ברײנע א הויב געטהון מיט די פלייצעס — אין שווארצען נאר? פאר וואס האסטו נים אנגעטהון דאס בלויע קלייד? מען זאגט: כ'האט נישט — — —

— פטור, נו — האט גיטעל אלץ מבטל געמאכט מיט א קוועטש, אנטקעגנגעגאנגען שרה'קען און זיך מיט איהר צוקושט

— נו, שרה'קע, וואס מאכסטו? קיין עין הרע אויסגעוואקסען, כ'וואלט דיך אסור דערקענט!

די חסידים זענען געווארען לעבעדיגער, אראפגעווארפען די שווערע פאלטענעס, געשפרייזט איבער דער שטוב, געריבען, גע־פאטשט איין האנד אן דער צווייטער:

— אה, ווארעם, א מחיה! אה!

זיי האבען זיך איינציגווייז צעזעצט ארום די טישען, וואס האבען זיך געצויגען דורך דער גאנצער לענג פון עס־צימער.

ברוך אין א שווארצער, קאנגארענער קאפאטע מיט א שפאלט, אין א צוגרויסען סאמעטענעם קאשקעט אויף'ן קאפ, פון אונטער וועלכען זיין אויסגעווייקט פנים, האט זיך קוים ארויסגעזעהן, איז געזעסען ביי'ם טיש, ווי א האלצערנער, זיך קיין ריהר געטהון.

שרה'קע האט גלייכגילטיג געקוקט אויף ברוד'ן, כמעט ווי נישט געוואוסט וואס דא קומט פאר, חשק געהאט איהם צו פרעג־נען וואו ער האט פערטוישט זיין היטעל און זיך שטיל פונאנדער־געלאכט.

ביי'ם קאכעל אויוועז איז געשטאנען איונגער־מאן, זיך גע־ווארעמט די פלייצעס און ווי צו זיך גערעדט:

— דאס הייסט א קרירה! אין „שטיבעל" איז ס'וואסער פערפרוירען געווארען!

— ווייס איך וואס, מען ווערט שוואכער פון דור צו דור — האט שמואל דוד שוחט, א שווערער יוד, מיט א גארטעל איבער'ן גרויסען בויך, געשפרייזט איבער'ן צימער, מיט אמאל זיך אנגע־שפארט מיט ביידע הענד אן קאכעל אויוועז, ווי ער וואלט נישט געזעהן דעם יונגען מאן, איהם אריינגערעדט גלייך אין מויל אריין און זיך צושאקעלט ווי ביי מנחה — וואס מיר פראסט? ס'איז א קימלן פון א יאהר דרייסיג. ס'ערשטע יאהר ווי ר' מענדעלי, זכרונו לברכה, איז נסתלק געווארען. מיר האבען זיך צונויפגענע־נומען איבער א מנין חסידים, געדונגען א בעל־עגלה און אוועק נאך קאצק אויף יאהר־צייט. וואס זאל איך אייך זאגען? ס'איז געווען א מורא'דיגע קרירה! דער פראסט האט אזוי געברענט,

אַ פייגעל זיינען ממש אויף די פלויטען געפרווירען געווארען! מיט אונז איז געפאהרען אן אלטער קאצקער, לייבוש קודש האט מען איהם גערופען. דאס איז געווען א יוד א גברן! ווי זעהט מען עס היינט אזעלכע יודען? אמאל פלעגט מען טראגען ריפ־סיגע קאפאטעס, נישט פאר ״ערע צייטען, כ׳געדענק ווי היינט, לייבוש איז געזעסען אין א ריפסענע קאפאטע אויף וואטע, די בארד ווייס פון פראסט, די וואנסעס — צוויי אייז־ליכט און גע־האלטען אין איין זינגען. דער פראסט האט פערכאפט דעם אט־העם, ס׳איז געווען סכנות נפשות דאס מויל צו עפענען און ליי־בוש, ווי קיינמאל נאר נישט, געהאלטען אין איין זינגען, געפאה־רען צו׳ם רבין מיט א זמר. איהר פערשטעהט? די קאצקער זיי־נען אלע גרויסע בעלי־ניגונים! און ווי מיר זענען נור אריין אין שטאדט, שלעפט ער אונז אין מקוה. יענע צייטען, דארפט איהר וויסען, האט מען נישט געהייצט די מקוות ווי היינט, איז ס׳וואַ־סער טאקע געווען פערפרווירען. לייבוש האט לאנג נישט געק־לעהרט, קיינע שהיות געמאכט, אויסגעהאקט א שטיק אייז און זיך דריי מאל טובל געווען. נישטא דער אמאליגער ברען, ניש־טא! — האט דער שוחט געענדיגט מיט א זיפץ און אוועק פון אויווען.

— אמת׳ע חסידים ווערען אלץ ווייניגער! — האט זיך איי־נער אנגערופען.

— נו, רבותי, וואס באלעמוטשען מיר? מיר האבען דאך עפעס היינט צוויי שמחות — האט שמואל דוד שוחט געזאגט און זיך ברייט אוועקגעזעצט ביי׳ם טיש — לאזען זיך חתן כלה חתמ׳נען. די מחותנים, דאכט זיך, זענען דאך פארטיג, הא?

— געוויס, אודאי פארטיג! — האט מרדכי א ביסעל א צוטר־מעלטער געזאגט, געקלימפערט מיט א האנד אין א הויזען קעשע־נע און געזוכט עמיצען מיט די אויגען — ברײנע, מיר קענען שוין געהן צום טיש?

באלד האט דער עולם געמאכט פלאץ פאר דער כלה און שרה׳קע, אי נישט זי וואלט מען געמיינט, האט זיך אוועק־

נעזעצט און געשמייכעלט. דער שוחט האט ארויסגענומען פון בוזעם־קעשענע א געשריבענע תנאים, זיך אנגעטהון אויף דער שפיץ נאז א פאר שפאקולען מיט האלאבליעס אין די פאות אריין און גענומען לייענען ווי אשרי.

— אוי, יעלה ויצמח כגן רטוב, מצא אשה, מצא טוב — — —
— — — — — המגיד מראשית אחרית — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ברײנע מיט גיטלען זענען געשטאנען אנגעלאדענט מיט צוויי טעלער יערע, נאריש געשאקעלט מיט די קעפ, געקוקט אויף די מאנסבילען, ווי זיי וואלטען זיי געפרעגט: נו, שוין? ווארפען?

דער שוחט האט געענדיגט מיט'ן ניגון פון עשרת בני־המן:

— אוי, והכל שריר וקים! נאום, החתן ברוך, נו? חת'מע זיך!

שרה'קע איז געזעסען מיט די פעדער אין דער האנד און געווארט וואס מען וועט איהר הייסען טהון.

— דא, דא! — האבען זיך עטליכע פינגער מיט אמאל בעוויזען אויף די תנאים און איהר געוויזען וואו אונטערצושרייבען זיך.

— אז איהר צוטומעלט דאך די כלה! — האט דער שוחט א געשריי געטהון און געוויזען מיט זיין לאנגען נאגעל מיט וועלכען ער פרובירט חלפים — כלה, חתמ'ע זיך!

דאס ווארט כלה האט שרה'קען אביסעל צוטומעלט. איז זי געבליבען זיצען א פערפלאמטע און געקוקט אויף'ן שוחט.

— נו?

— ווארט שרה'קע, ווארט — האט ברײנע א גליקליכע געזאגט — פאלג מיך, חתמע זיך אויף אלע דריי לשנות — יודיש, פויליש און פראנצויזיש, וועסטו קריגען דריי מאל חתימה גאלד, כא, כא!

— גערעכט, גערעכט — האט דער עולם געקוואלען.

דער שוחט האט ארויסגענומען זיין קאלירטען שניפטוך מיט

טאבעט פּלעקען, געגעבען איין עק ברוך'ען, דעם צווייטען שרה'קען און אויסגעשריען!

חתן־כלה, זייט מקבל קנין!

— מזל־טוב, מזל־טוב, חתן־כלה, מזל־טוב — און טעלער זענען זיך צופלוינען איבער דער פּאדלאגע.

ברוך האט א שעמעדיגער אנגעריהרט שרה'קען מיט א פינגער זי זאל זיך אומקוקען, א שאקעל געטהון אויף א פריהער מיט'ן קאפּ און איהר אפּגעגעבען מזל־טוב. האט שרה'קע ארויסגעפּלאצט מיט א געלעכטער, זיך פארשעהמט, ארומגעכאפּט ריינען וואס איז געשטאנען נעבען איהר און זיך צעוויינט.

— אוי, זי האט אויף וואס צו וויינען — האט בריינע מיטגע־וויינט — ווען די מאמע וואלט זוכה געווען — — אזא יונג מענש, כי, כי, כי!

גיטעל האט ארומגענומען שרה'קען, זי געקושט, איהר אנגע־טהון א גרויסע, גאלדענע ארבעס קייט.

— נא, טאכטערשי, חתימה געלד!

שרה'קע האט א קוש געטהון גיטלען אין דער האנד, דערנאך איהר געפאלען אויפ'ן האלז און די ווייבער זענען אריין אין א צווייטען צימער.

— נו, רבותי, וואס זיצען מיר? — האט זיך א יונגער־מאן אנגערופען — מיר ווילען זיך אליין סארווען. קום, שמואל דוד, דו ביזט דאך אויך עפּיס א שטיקעל בעל־שמחה!

שמואל דוד שוחט מיט'ן יונגען־מאן האבען אריינגעבראכט דעם קרופּניק, איהם צוגאסען און דער עולם האט זיך געבריהט, עוסק געווען אין דער אכילה און הנאה געהאט.

— יא — האט א מיטעל יעהריגער חסיד געקרעכצט, ווי ער וואלט געהאט א מיחש — תנאים? כ'ווייס, מילא! חסידים זענען נישט מקפּיד!

א ווארט, א תקיעת־כף איז גענוג!

—ניין — האט שמואל דוד אויסגעדריגנען מיט צוויי פינ־גער די וואנסען פון קרופּניק — ביי מיר איז אויך געווען תנאים!

און מיין מאמע עליו השלום איז געווען א פארברענטער קאצקער! א נארישקייט געדענקט זיך — כ'געדענק ווי היינט, לייבוש קורש איז געגאנגען א רקודיל, האט דאס גאנצע הויז געציטערט! און איצט זיין קלאפען א האנד אן א האנד! ס'האט ממש פון ארט גע־צויגען, מען האט פשוט נישט געקאנט איינזיצען, אזא התלהבות, אזא ברען, ווי זעהט מען עס היינט? און איצט זיינע געשרייען; זיינע קולות, עד לב השמים, ס'האט א פחד ארומגענומען! און וואס מיינט איהר האט ער געזונגען? נאר נישט!

ר' מנדלי, ר' מנדלי, ר' מנ־דלי!

אוי ר' מנ־דלי, ר' מנ־דלי, ר' מנ־דלי!

— די קאצקער האבען אלע געהאט עפעס אזעלכע מאדנע נגונג — האט זלמן מעהל־שענקער, א יוד מיט א פול מויל צונג, ווי ער וואלט תמיד עפעס געקייעט, זיך אנגערופען — און ר' מנדלי זכרונו לברכה אליין? זיינע קולות! זיינע נגנג! ווער קען דאס משיג זיין? אז ער האט זיך צושריען מיט זיין מאראליש קול — דערצעהלט מען — זענען זיך אלע חסידים צולאפען אין וואלד אריין! פשש — — —

— ר' אברהם'ל טשעכאנאווער זכרונו לברכה, האט נישט שטארק פון איהם געהאלטען — האט איינער אריינגעווארפען.

וואס ווייסען מיר — האט זיך דער שוחט נעקוועטשט — יא געהאלטען, נישט געהאלטען, ווער קען משיג זיין זייערע דרכים? דאס דערצעהלט מען יא. ר' יאנקעלע פון ווארקע איז אמאל נעסו־מען מיט א מנין חסידים נאך טשעכאנאווע, געהאלטען טיש ביי'ם טאטען, מפני כבוד אב. ביי'ם עסען האט זיך דער רבי ז"ל אננע־רופען: יאנקעלע, זאג עפעס. טאטע — האט יאנקעלע אנגעהויבען —אויף שבת־שירה בין איך געווען אין קאצק. צו שלש־סעודות האט דער רבי מיט מיר נענומען שמועסען וועגען נגינה. גערעדט ווי זיין שטייגער — שארף, מיט חריפות! זאג איך: רבי, פאר־וואס שרייבט איהר נישט אן קיין חבור וועגען נגינה? ענטפערט ער מיר בזה הלשון: ביזט נערעכט, כ'האב טאקע געוואלט שריי־בען א חבור, און נישט נור וועגען נגינה, וועגען אלץ, א קליינע

אבור, אין גאנצען איין זייטעל, בין איך אבער זיכער אז קיינער האט מיך נישט פארשטעהן.

ר' אברהמ'ל ז"ל האט אויסגעהערט און ס'איז איהם נישט געפעלען.

— עה, א יוד פיהרט זיך נישט אזוי! אביסעל מעהר בטחון, אביסעל מעהר!

— און וואס מיינט איהר? — האט דער שוחט איינגעבויגען דעם קאפ, שטילער גענומען דערצעהלען. די חסידים האבען אנגעשפיצט די אויערען, געוואלט איינזאפען יעדעס ווארט, יעדע תנועה — וואס מיינט איהר? אין דעם זעלבען פרייטאג צו נאכטס, ווען ר' יאנקעלע איז געזעסען ביי זיין פאטער ז"ל און דערצעהלט, איז ר' מנדלי ארומגעגאנגען פון א חדר אין א חדר, אין גאנצען אין ווייסען, געיאגט פון זיך יעדען חסיד, נישט געלאזט שטעהן אין זיינע דלת אמות און געפאטשט איין האנד אן דער צווייטער:

— טאטע, העלף! טאטע, העלף! ביזט דאך אן אל רחום וחנון! צו ווארטען ביז כולו זכאי — — איז לאנג, לאנג — — — לאז זיין כולו חייב! יא, כולו חייב!

און דער רבי ז"ל איז אריין אין בית־המדרש, צוגעגאנגען צו'ם געדעקטען שלחן און בפני כל עם ועדה האט ער ארויסגענומען א ליכט פון א לייכטער און אויסגעשריען:

— לית דין ולית דין!

— וואס זאל איך אייך זאגען? כ'האב עס אליין געהערט פון לייבוש קודש אז באותו הרגע, ווי דער רבי האט א נעם געטהון דאס ליכט, איז געווארען חשך מצרים! עס האט גענומען דונערען און בליצען און דער וואלד, קאצק, דארפט איהר וויסען, שטעהט פון קדמונים אין א וואלד, איז געשטאנען אין פלאמען. האבען די חסידים בעשיינפערליך געזעהן אז דער קץ איז געקומען און פון גרוים פחד און אימה זיך צולאפען אין פעלד אריין. און תוך כדי דבור האט א גאס געטהון א מבול.

די חסידים זענען געשטאנען אונטערן רעגען, צעווארפען ווי א

סטאדע שעפסען אהן א פאסטיר און שמיל געוויינט. און פאר רבי'ת הויז האבען זיך געטראגען, דערצעהלט מען, אזעלכע יללות, אז גאט זאל שומר ומציל זיין!

פון דעמאלט אן האט דער רבי זיך מעהר נישט געוויזען פאר מענשען, מעהר קיין שלום נישט גענומען. א בעוואקסענער איז ער תמיד געזעסען ביי'ם פענסטער און געקוקט אין וואלד אריין, ארום האבלע נאכט אז א חסיד איז אמאל פארבלאנזשעט געוואר־ אין וואלד, האט ער געהערט אזעלכע יללות, אזעלכע געשרייען אז האר און נעגעל האבען זיך איהם געשטעלט קאפויר. דאס האט דער רבי זיך אזוי אויסגע'טענה'ט מיט א בת־קול איבער א שטח פון ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה.

די חסידים האבען שוין לאנג געענדיגט דאס געבראטענס, גע־ זעסען מיט אפענע מיילער און פון דער זייט געקוקט אויף מרדכי'ן. זיי האבען געוואוסט אז מרדכי איז געווען אין קאצק א בן־בית, ר' מענדעלי האט איהם מקרב געווען, איהם צוגעלאזט צו זיך ביז צו דער פטירה — טא וואס זיצט ער א גלייכגילטיגער און שווייגט? זיי האבען געגלויבט אז אלץ וואס שמואל דוד שוחט האט דערצעהלט איז אמת, געוואלט אבער הערען פון דער ער־ שטער האנד, און מיט חשד געקוקט אויף'ן שווייגענדיגען בעל־ הבית.

מרדכי האט זיך פארגעסען, זיך געזעהן אין קאצק א בחור, ווי ס'וואלט איצט נעכטען געווען און דא נעהן שוין ארום לעגענדען וועגען מענדעלי'ן. איהם האט זיך עפעס נישט געגלויבט אז דאס זיצט ער א מחותן און דאס נארישע בחורל וועט זיין זיין איידעם. ס'האט איהם וועה געטהון פאר שרה'קען, געהאנדעלט געגען איהר פונקט ווי זיין פאטער האט געגען איהם געהאנדעלט, נישט אוועק ווייטער פון פאטער. איהם האט עפעס באנק געטהון, געפיהלט אז זיין שווייגען, דאס צוריק ציהען זיך פון לעבען, האט איהם נאך וועניגער געגעבען — און געבליבען זיצען א פרעמדער אויף דער אייגענער שמחה.

דער שוחט איז אפער פון טיש, אויפגעשטעלט זיין לאנגע

קאלנער פון צוכראטשעטען העמד, לויז געמאכט דעם נארטעל, פערזשמורעט דאס רעכטע אויג און קלאפענדיג א האנד אן א האנד, האט ער זיך לייכט געלאזט איבער דער שטוב:

אוי כאלאדנא, ס'איז קאלט אויף דער נשמה,
אוי כאלאדנא, ס'איז קאלט אויף דער נש—מה!
און דער גאנצער עולם האט אונטערגעכאפט:
און אוי כאלאדנא, ס'איז קאלט אויף דער נשמה,
און אוי כאלאדנא, ס'איז קאלט אויף דער נשמה!

באלד זענען אלע אפער פון די טישען, זיי ארייגעשטעלט אין א צווייטען צימער. די חסידים האבען ארויפגעלעגט צו האנד אויף'ן צווייטענס אקסעל, פערבויגען די קעפ און געשלאסען א ראד. אין דער מיט איז געשטאנען שמואל דוד שוחט, וואוילעריש אראפגערוקט דעם סאמעטענעם היטעל איבער אן אויער און געקלאפט א האנד אן א האנד:

אוי כאלאדנא, ס'איז קאלט אויף דער נשמה,
אוי כאלאדנא, ס'איז קאלט אויף דער נשמה!

דער עולם האט לייכט געהויבען די פיס צום טאקט, פערוואר־פען האנד איבער אקסעל, פערמאכט די אויגען און זיך שטיל צו־זונגען. דאס הארציגע געזאנג האט זיך געצויגען אהן א סוף, גע־צונדען א פייעריל אין אויג און אנגעיאגט א קעלט — האבען זיך די ווייבער געדרוקט אין די ווינקלעך, גליקליכע זיך געטוליעט אין שווערע ווינטער טיכער און שטיל מיטגעזונגען:

אוי כאלאדנא, ס'איז קאלט אויף דער נשמה — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שרה'קע איז געשטאנען אין דער טיר און געקוקט ווי די חסידים טאנצען. דער אלטער שוחט מיט זיין לאנגען, ווייסען קאלנער פון העמד, מיט'ן אפענעם, הארינגען לייב, דעם נארטעל איבער די פיס, איז איהר געפעלען. זי האט געקוקט אויף ברוד'ן, ווי ער האט זיך נאכגעשלעפט א מיעדער, מיט א נאריש פנים, ווי א אינגעל וואלט נאכגעמאכט גרויסע און ס'איז איהר קאלט גע־ווארען. זי איז אריין אין א צווייטען צימער, זיך אויסגעצויגען

אויף אַ קאַנאַפּע, פֿערמאַכט די אויגען און געוואָלט בעגריפֿען וואָס דאָ טוט זיך, וואָס מען וויל פֿון איהר. ס׳ערשטע מאָל אין איהר לעבען האָט זי דערפֿיהלט אַ שנאה צו איהר פֿאָטער, איהם חושד געווען אַז ער איז אַ פֿאַלשער און נישט געוואוסט פֿאַרוואָס ער וויל זי אומגליקליך מאַכען. און פֿון צווייטען צימער האָט זיך שטיל און טרויעריג ביז צו טרערען געטראָגען:

אוי כאָלאָרנאָ, ס׳איז קאַלט אויף דער נשמה — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— 8 —

וולאדעק.

פאר נאכט איז ברײנע געשטאנען בײם מעלקען. די מילך האט זיך געשױמט איבער די ראנדען פון װײס־געשײַערטע עמערס, זיך געבלעזעלט און ארום אין דער לופט איז געשטאנען דער ריח פון בהמות, פון פריש געשניטען גראז.

ברײנע האט געזעהן, װי שרה'קע קומט אן פון װאלד, האט זי אנגעשעפט א פול טעפיל מיט מילך, פערבױגען א שפיץ פון קלײד אין סמאן ארײן און איהר פארלאפען דעם װעג:

— כ'בעט דיך, שרה'קע, טרינק אױס ס'טעפעל מילך. װאס קריםסטו זיך? אױב דו װעסט אױסטרינקען, װעל איך דיר אױף מײן װארט עפעס זאגען!

— װאס די רױטע האט זיך געקעלבט? — האט שרה'קע פרו־בירט טרעפען.

— װעסט נישט טרעפען — האט ברײנע איהר אונטערגע־טראגען ס'טעפעל — טרינק בעסער אױס, אײדער כ'קריג אין גאנ־צען תרטה:

— מא זאג מיר פריהער! — האט שרה'קע זיך געפיעשטשעט.

— נו, ניכער, באלאמוטשע מיך נישט! — האט ברײנע איהר ארײנגעשטעקט דאס טעפעל אין דער האנד ארײן.

— אז כ'קען נישט — האט שרה'קע א קוק געטהון אױף דער צובלעזעלטער מילך און זיך אפגעטרײסעלט, װי זי װאלט געהאל־טען א מײזעל.

— קוק, װי דאס פיעסטשעט זיך, אסור א פינף יעהריג קינד,

ביזם דאָך שוין אַ כלה־מיידעל — האָט די אַלטע גענומען די הענד פֿאַרבאַקעס, בעטראַכט שרה'קען און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — ביי אַנדערע קינדער, אַז ס'איז דאָ מילך אין שטוב איז אַ יום טוב און דאָ וואַרפֿט מען זיך מיט נאָמ'ס נאָב. זינדיגסט, שרה'קע, זינדיגסט!

שרה'קע האָט אַז עפּעס געטהון ס'מויל, ווי צום טרינקען, באַלד צוריק עס פֿערמאַכט און זיך כלומרשט צוואווינט:

— אַז כ'קען אַסור נישט!

— נו, איז נישט, פּטור — האָט ברײנע זיך אויסגעדרעהט, ווי אַוועקצוגעהן.

שרה'קע האָט זיך אָנגענומען מיט אַלע כחות, פֿערמאַכט די אויגען, ווי זי וואָלט נישט געגאַנגען טרינקען מילך, נור ריצינאָויל און עס אויסגעטרונקען מיט איין אָטהעם.

— נו, האָסט זיך גע'סם'ט? — האָט ברײנע צוגענומען דאָס לעדיגע טעפּיל — אי שרה'קע, ביזט נאָך ווילד!

שרה'קע האָט אַרומגעכאַפּט די אַלטע, וועלכע האָט איהר נאָ־גרייכט ביז אונטער'ן אָרעם און גענומען שפּרייזען מיט איהר ווי אַ „הערר מיט אַ דאַמע".

— נו, נענוג, משוגענע דו! — האָט די אַלטע זיך פֿון איהר אַרויסגעדרעהט.

— טאַ וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגען?

— יאַ, ווייסט ווער ס'איז געקומען?

— ווער?

— די מוהמע גיטעל מיט ברוך'ען.

— טאַקע? וואָס עפּעס — — — — — —

— די מוהמע גיטעל איז געקומען אָפּשטעלען די חתונה און ברוך וועט מסתמא שוין דאָ בלייבען. דער טאַטע וועט איהם דערווייל פֿיהרען צווישען מענשען, איהם צו ווייזען, וועט ער, אם ירצה השם, ווערען אַ סוחר מיט לייטען גלייך!

ברײנע האָט געזעהן ווי ס'פּנים ביי שרה'קען האָט זיך מיט אַמאָל געענדערט, בלאַסער געוואָרען. זי האָט זיך אַ דרעה גע־

טהון אויף איין פוס, צוריק געוואָלט אַנשטעלען אַ פרעהליכער פּנים, ווי עס וואָלט זיך גאָר נישט געהאַנדעלט וועגען איהר, האָט עס אָבער איהר זיך נישט איינגעגעבען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען, געפּענט ס'מויל ווי עפּעס צו זאָגען, געבליעבען אַנשווייגען און געשאַרט מיט'ן שפּיץ שוך שטיינדלעך, וואָס זענען געלעגען אונטער איהרע פיס.

ברײנע האָט טיעפער אַרײנגעשטופּט דעם שפּיץ פון קלייד אין סטאָן אַריין. ווי זי וואָלט זיך געקליבען אָפּצוטהון אַ שווער שטיקעל אַרבייט, גענומען שרה'קען אונטער אָרעם, זי צוגעפיהרט צו דער מאַכענער באַנק, וואָס ביים שטאַל און זיך מיט איהר אַוועקגעזעצט.

אויף'ן הויף איז געווען שטיל. פון מאָל צו מאָל האָט אַ בהמה זיך גענומען רייבען אָן דער וואַנד פון שטאַל, פאַרבענקט זיך צומעקט און עס איז נאָך שטילער געוואָרען. פון אַ קאַשטאַן־ביים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וורובעל אין מיטען הויף, נאָך איהם אַ צווייטער, באַלד האָט זיך אַ שאָט געטהון אַ גאַנצע מחנה מיט אַ צוויטשעריי, מיט אַ פּאַטשעריי. די פייגעלעך זיינען געשפּרונגען איינס איבער'ן צווייטען, איינס אויף'ן צווייטען, זיך געקוליעט אין זאַמד, זיך צונויפגעפּלאָכטען אין אַ קנויל, מיט אַמאָל זיך איבערגעשראָקען, זיך אַ ריס געטהון, זיך געטראָגען ווי אַ שוואַרצער פלעק און מיט אַ צוויטשעריי זיך צוריק צושאָטען איבער'ן קאַשטאַן־בוים.

ביים היהנער־שטאַל האָט זיך באַוויזען מאַריאַנע אַ באָרוועסע. זי האָט געהאַלטען אַ גרויסע דראַטענע זיפּ און גערופען די עופות שלאָפען:

— ציפּ, ציפּ, ציפּ, ציפּ!

פון אַלע זייטען האָבען זיך געטראָגען היהנער, העהנער, גענז, קאַטשקעס, אַלע מיט צועפּענטע שנאָבלען. אַ גאַנצער מיט אַ פּערריסענעם קאָפּ האָט צוטריבען די היהנער מיט די קאַטשקעס, פּלאַץ געמאַכט פאַר די גענז און אַז ס'האָט זיך איהם איינגעגעבען אַלע צו פערטרייבען, איז ער אַריין אין דער מיט, געכאַפּט עט־

ליבע האָבערס, אויסגעצויגענע דעם לאַנגען האַלז, צושפּרייט די פליגעל און אַרויסגעלאָזט אַ ברייטען גאַז, גאַז, גאַז גאַ—אַן !

פון דער זייט האָט ברײנע געקוקט אויף שרה׳קען. געשאָ־קעלט מיט׳ן אַלטען קאָפּ. ווי זי וואָלט זי בעדויערט, נישט גע־קענט צוזעהן, ווי דער גאַנער צוטרייבט די איבעריגע עופות. גע־טופּעט פון געוואָהנהייט מיט אַ פוס און גערעדט צו זיך: אַ טי פּשאַ קרעוו ! אַ טי !

מיט אַ זיפץ האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבער׳ן הויף, וואו יע־דעם שטיינדעל. יעדעם גרעזעל איז איהר געווען ליעב. דערפּיהלט אויף דעם שוים שרה׳קעס קאָפּ און זיך דערמאָהנט, אַז מיט יאָה־רען צוריק איז זי געזעסען אויף דער זעלבער באַנק מיט שרה׳־קעס פאַטער, איהם מוסר געזאָגט פאַרוואָס ער האָט זיך צוקריגט מיט די עלטערען, פאַר וואָס ער וויל חתונה האָבען מיט׳ן פאָכ־טער׳ס מיידעל. די אויגען זיינען ביי דער אַלטער פערלאָפען. זי האָט געשוויגען, געקוקט פאַר זיך און דערזעהן דורך די פערלאָ־פענע אויגען, ווי דורך שויבען, טויזענדער זאַכען, ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטען פּאַסירט, ווי ערשט נעכטען האָט זי זיך געיאָגט נאָך מרדכי׳ן, איהם געבעטען ער זאָל זיך לאָזען אויסצוואָגען, און ער, אַן איינגעשפּאַרטער, האָט דוקא געוואָלט זי זאָל אויס־רייסען פון אַ פערד׳ס עק עטליכע האָר, געוואָלט מאַכען אַ „שיד־לע״ צו כאַפּען פייגעל. ערשט נעכטען, דאַכט זיך, איז דאָך שרה׳־קע געבוירען געוואָרען, מיט אַזעלכע פּוכלינגע פינגערלעך, דורכ־זיכטיגע נעגעלעך, ווי זי האָט זי אַרומגעשלעפּט גאַנצע טעג אויף דער האַנד — — — און ווען דער רבנו של עולם וויל צוהערען איהר תפילה, זי זאָל נאָך דערלעבען אַרומטראָגען שרה׳קעס אַ קינד? — — — נור ווער ווייס? אפשר האָט מען ניט געדאַרפט שטערען מיט׳ן פּאַכטער׳ס מיידעל? ווער ווייס צו ס׳איז נישט קיין שטראָף פון גאָט? זיצט דאָך מרדכי אַן אַלמן אַזוי פיעל יאָה־רען? און איצט מיט שרה׳קע ס׳רעדעל דרעהט זיך, דרעהט זיך — — —

ברײנע האָט געגלעט שרה׳קע איבער׳ן קאָפּ און אָפּגעהוסט:

— שרה'קע, כ'בעט דיך, מיר דארפסטו זאגען, כ'זעה, אז ס'קוועלט דיך עפעס? ס'איז עפעס נישט גלאטיג זאג, וואס בעהאלסטו אוים? צייט דו ביזט א כלה געווארען געהסטו ארום ווי א נעכטיגע. וואס, ברוך געפעלט דיר נישט? זאג! אז דו שווייגסט? אפשר ביזטו נישט געזונד? כאטש מיר דאכט זיך, אז צו ברוך'ן קענסטו גארנישט האבען! זיצט א בחור על התורה ועל עבודה, ווי גאט האט געבאטען. נו? אז ווער ווייס? כ'וועל דיר זאגען דעב אמת! ביזטו גראטען, טאכטער, אין טאטען אריין, ווי א טראפעי וואסער! ס'איז אין בלוט ביי אייך! דער טאטע האט בחור'ווייז דעם שדוך אויך ניט געוואלט! זעהסטו דאך וואס עס האט זיך אויסגעלאזט, אויף אלע ווייסטע וועלדער געזאגט, וויפיעל שרה'קעס האבען מיר אין גאנצען? — האט בריינע זיך א וויש געטהון די אויגען — איין אפגעציטערט קינד! בעט איך זיך, שרה'קע, זאג מיר, וואס קוועלט דיך!

— אז ס'איז מיר גאר נישט — האט שרה'קע אויפגעהויבען דעם קאפ.

— כ'זעה דאך, אז ס'איז פון דיר געווארען א תל פאר דער לע־צטער וואך? וואס ועסטו מיר איינרעדען?

— כ'ווייס, די היצען מאטערען אוים — האט שרה'קע זיך צושמייכעלט.

— גוט — האט די אלטע איהר א וויש געטהון מיט דער האנד איבער'ן פנים — וואס, דער טאטע האט מיט דיר גערעדט?

— וועגען וואס?

— וועגען שידוך.

— יא.

— נו?

— וואס נו?

— האסטו איהם געזאגט, אז דו ווילסט נישט?

— ניין. כ'האב איהם געהייסען טהון, ווי ער פערשטעהט. בריינע האט זיך איינגעקוקט אין שרה'קע. ווי זי וואלט אזוי

נאך געוואלט ארויסקריגען, וואס זי בעהאלט פון איהר און זיך אפ־געווישט מיט'ן קלייד די נאז:

— כ'האב שוין אויך געטראכט, אז שולדיג אין דעם אלעם איז אפשר דער זומער? ווער ווייס, אז מען איז יונג דאכט זיך, מען וואלט מיט די אויגען איינגעשלונגען די גאנצע וועלט, שפע־טער, טאכטערשי, אז מען האט חתונה, פערשווינדט עס און מען זעהט זיך ארום, אז עס איז נישט מעהר געווען ווי א כשוף, דען, מישטיינס געזאגט, וואס איז אונזער גאנצער לעבען דא אויף ד'ערד? טא צו וואס זיך נאריש מאכען, ווי די גוים? נו, טאקע? מאלע, וואס ס'הארץ וויל? כ'ווייס, ליעבע — — — מ'איז יונג מיינט מען אלץ איז ליעבע — — — נו, גלויב מיר, ס'האט קיין האפט ניט און מיט זייער גאנצער ליעבע מעגען זיי זיך געהן לער־נען שלום־בית ביים פראסטען איד!

די לעצטע ווערטער האט שרה'קע שוין נישט געהערט, זי האט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אוועקגעהן.

— וואוהין געהסטו? — האט בריינע איהר נאכגעשריען.

— דארפסט מיך דען?

— דארפען דארף איך דיך נישט — האט בריינע זיך אויך אויפגעשטעלט — נור כ'פרעג דיר, ווי פאסט עס, די מוהמע גיטעל ווארט דא אויף דיר!

— כ'וועל באלד אהיימקומען!

— זעה, זוים דיך נישט!

שרה'קע איז געגאנגען מיט דער לאנקע און געהאלטען אין איין זוכען אויף ברוד'ן חסרונות און אין דער זעלבער צייט זיך געוואונדערט, וואס זי האט צו איהם: ער איז דאך נישט ער־גער פון אז אנדערען וועמען זי קען צומאל נישט? זי איז זיכער געווען, אז דעם, וועגען וועמען זי חלום'ט, וועט זי דאך קיינמאל נישט קריגען. טא צו וואס דער גאנצער אנשטעל? זי איז געווען אזוי גלייכגילטיג, אז וועמען דער פאטער וואלט איהר איצט נישט גע'שדכנ'ט, וואלט זי נישט געווען דאגעגען, אבי מען זאל זי לאזען צורות.

די לאנקע, וואס האט זיך א גאנצען טאג געבאקען אונטער דער זון, איז פרישער געווארען, געגומען איינזאפּען אין זיך די פייכטקייט, ווי זי וואלט א גוטען טרונק וואסער געטהון און פון אלע זייטען האבען זיך פער'חלש'טע זשאבעס צוקוואקעט. בארג ארויף, וואו די זון א צופלאמטע האט זיך געהאלטען אין זעצען, איז אויף דער לאנקע געשטאנען א בושעל אויף איין פוס. אין צווייטען האט ער געהאלטען א שטיין, איינגעקוועטשט אין דער לאפּע, ער זאל נישט איינשלאפען, און מיט א פערווארפענעם קאפּ געקוקט ווי דער טאג פערגעהט. אין מיטען דער לאנקע אויף א צוקרימטען בוים איז געשטאנען א פייגעל, געהאקט מיט'ן שנא־בעל אין דער קארע, און איינטאניג געשריען, ווי ער וואלט גע־וויינט, הוק—הו־הוק, הוק—הו־הוק!

שרה'קע האט נישט געקענט הערען, ווי דער פויגעל שרייט. זי האט א ווארף געטהון אין איהם א שטיינדעל, איז דער פוי־געל איבערגעפלויגען אויף א העכערע צווייג, א רגע אנשווייגען געווארען און באלד האט זיך איבער דער לאנקע ווידער געהערט הוק—הו־וק, הוק—הו־וק!

וואו נישט וואו האט זיך פערוואלגערט א יאגדע־ביימעל — א זכר פון אויסגעהאקטען וואלד. שרה'קע האט זיך פארגעסען. געריסען יאגדעס, זיי געווארפען אין מויל אריין און פערקראכען צו דער „שווארצער סקאלע", וואס האט פון דערווייטענס אויס־געזעהן, ווי א קניהענדע פרוי מיט צולאזענע האר.

אין טאל ביים קארשינער בארג, וואו ס'אידישע בית עולם איז פאראן, איז מיט הונדערטער יאהרען צוריק געווען א אידישער ישוב.

כמעלניצקי מיט זיינע מחנות האבען בעלאגערט דעם בארג, געגעבען די אידען דריי טעג צייט זיי זאלען זיך אפּפרעהען מיט זייער גאט, דערנאך איהם אריינווארפען אין דער ווייכסעל, ס'זאל פון איהם קיין זכר נישט בלייבען, פריי עפענען די טויערען און זיך צוגרייטען צום שמד. אויב די אידען וועלען דאס נישט טהון, וועט מען פון זיי אויס'הרג'ענען קינד און קייט.

די אידען האבען געפאסט, געוויינט און דער רב מיט די שעהנסטע בעלי בתים האבען אפגעמאכט צו ווארטען ביז דער לע־צטער מינוט און אויב גאט וועט נישט ווייבער מאכען דעם רשע'ס הארץ, וועלען זיי זיך אליין אויס'שחט'ען, איבערגעבען דעם רשע א שטאדט מיט מתים.

דעם רב'ס בן־יחיד האט געזאלט די זעלבע וואך חתונה הא־בען מיט'ן גביר'ס טאכטער פון שטעדטעל. אויף'ן דריטען טאג, דער רב האט געזעהן דער רשע ווערט נישט ווייכער, האט ער גע־שיקט דעם זוהן ער זאל זיך געזעגענען מיט דער כלה.

זיי זיינען ארויס הינטער דער שטאדט. און פון דערווייטען איז דער כלה'ס דיענסט־מיידעל זיי נאכגעגאנגען, א מנהג געווען נישט צו לאזען חתן־כלה אליין.

אויף'ן ברעג פון דער ווייכסעל, וואו די „שווארצע סקאלע" שטעהט האבען זיי זיך צוגעזעצט.

די שעהנע כלה האט זיך געבעטען ביים חתן ער זאל זי נישט פארלאזען, אז זי קען נישט זיין אהן איהם. אז זי האט מורא, ווילדע קאזאקען קענען זי כאפען. האט דער חתן זי בערוהיגט, ארומגענומען, און ביידע האבען זיך אראפגעלאזט אין דער וויי־סעל אריין.

דאס דיענסט־מיידעל איז צוגעלאפען צום ברעג מיט א גע־שריי, געפאלען אויף די קניהען, אויסגעשטרעקט די הענד, ווי זי וואלט זיי געוואלט אנכאפען און געבליבען א פערשטיינערטע מיט אן אפען מויל און אויסגעגלאצטע אויגען.

שרה'קע האט זיך אזוי פארגעסען, אזוי פארטיעפט אין דער מעשה, ווי דאס וואלט פאסירט מיט איהר. זי האט אלץ אויף דאס נייע דורכגעלעבט און אז זי האט זיך א ווארף געטהון מיט ברוד'ן אין וואסער אריין און די אלטע ברײנע איז געבליבען א פארשטיינערטע אויף'ן ברעג, האט זי זיך דערמאנט, אז דאס איז א מעשה, זיך נאריש ארומגעקוקט און ס'איז איהר א שאד געווען, וואס די מעשה האט זיך שוין געענדיגט.

אויף׳ן שפּיץ שטיין זענען געוואקסען יאגדעס. שרה׳קע האט ליכט גענומען קלעטערען אויף אלע פיער, זיך געצויגען ארויף דעם משופע׳דיגען שטיין, זיך צוגעהאלטען אן די שפּאלטען פון פעלז, אן די ביימלעך, וואס האבען ארויסגעוואקסען פון שטיין. אויף׳ן שפּיץ האט זי זיך אויסגעצויגען, געריסען יאגדעס מיט די צייהן, ווי אינגלעך רייסען אום שבת, און אראפּגעקוקט אין וואסער אריין. זי האט געפיהלט, אז ס׳איז גענוג א בויג, מען זאל פערלירען דעם גלייכגעוויכט און פליהען אין דער וויבסעל אריין, וואס פּליושקעט און רייבט זיך אן „שווארצען פעלז״.

עס איז געווארען טונקעלער. דער הימעל איז געלעגען אי־בער וואלד, איבער די לאנקעס א שווערער, אן אנגעזאפּטער. שטיקער פארע האבען זיך געהויבען פון וואסער, ווי רויך פון צו־לעגטע אין מיטען פעלד פייערלעך. די פארע איז געשטאנען פאר די אויגען, ווי פערלאפּענע שויבען און אז מען האט זיך איינ־געקוקט האט אלץ אויסגעזעהן צושוואומען. און דארט וואו די זון איז פערגאנגען, זענען די בלוטיגע פאסען זיך צושוואומען און איבערגעלאזט איבער׳ן הימעל שטיקלעך וואלקען, ווי אפּגעסמא־ליעטע פלעקען. די לאנקעס, די ביימער, וואס אויף זיי, האבען, דאכט זיך, מיט׳ן אנקומען פון דער נאכט, זיך איבערגערוקט און דארט, וואו ס׳וואסער איז געווען פלאך, האבען ליליען געבוינען די ווייסע קעפּלעך צווישען רויר־שטעקעלעך און אויסגעזעהן פון דער־ווייטענס, ווי ווייסע העלזער פון שווימענדע קאטשקעס.

שרה׳קע האט איינגעהאלטען דעם אטהעם און זיך איינגע־הערט. ארום איז געווען שטיל. ס׳האט זיך געהערט דאס טעמפּע קלאפּען פון וואסער אן שטיין. פון דער זייט איז אנגעשוואומען א שיפעל. א יונגערמאן איז געשטאנען אין מיטען שיפעל, אין א צוקנעפּעלט סטודענטיש רעקעל, א קוטשמע האר אין די אויגען און מיט איין וויאסלע צוגעפיהרט דאס שיפעל צום שטיין.

שרה׳קע האט געקוקט אויף׳ן יונגען מאן, ווי ער איז געשטא־נען מיט דער קוטשמע האר אין די אויגען, די פּיס עטוואס צו־שפּרייט און מיט אמאל דערפיהלט ווי פון די לאנקעס, פון וואלד

פון וואסער טראגט זיך צו איהר א פרייד. אין איין רגע האט זי פארגעסען אן אלעם. פארגעסען אן דער היים. געזעהן אלץ ווי דורך א חלום, ווי זי וואלט אפגעפאהרען טויזענדער יאהרען, געבליבען שטעהן ערגעץ ביי א ים, אויף א פעלז, איינע אליין. זי וויים אז די טישען זענען געגרייט, דער פאלאץ איז וויסט. מען ווארט אויף איהר... און אט איז דער פרינץ, ער טראגט זיך אי־בער דער ווייכסעל, ער קומט נאך איהר — — —

דאס שיפעל איז געבליבען שטעהן אונטער'ן פעלז, א האנד מיט א וויאסלע האט זיך אויסגעשטרעקט צו איהר און אויף דער וויאסלע איז געהאנגען איהר סאמעטענע באנד, וואס זי האט גע־האט איינגעפלאכטען אין די האר.

— ענטשולדיגט, איהר האט עס נור וואס פערלוירען...

שרה'קע האט זיך א כאפ געטהון פאר די האר, געזעהן, אז די באנד איז נישטא, צוריק דערפיהלט דעם שטיין אונטער זיך און חשק געהאט צו זאגען, אז ס'איז נישט איהרס. זי האט צוגענו־מען די באנד, צועפענט די שווארצליכע ליפען פון יאגדעס, איהם א רגע אנגעקוקט מיט די אויגען, מיט די שמייכלענדע ציינער, און זיך פערוויטעלט:

— כ'דאנק אייך זעהר! ס'האט אבער נישט געלוינט די מיה צוליעב אזא קלייניגקייט!

ער האט עפעס געשטאמעלט, ארויסגעשפרונגען אויף'ן ברעג און גענומען ארויסשלעפען דאס שיפעל.

שרה'קע איז אראפ פון שטיין, ווי א ווילדע סארנע. זי האט זיך גלייך געמאכט דאס קלייד, א טרייסעל געטהון מיט'ן קאפ גענומען איינפלעכטען די נאסע באנד אין איהרע צעפ.

— אויב איך האב קיין טעות — האט דער סטודענט זיך פער־נייגט און דורכגענומען מיט די פינגער זיין קוטשמע האר — זייט איהר דעם שרייבער'ס טאכטער?

— יא. און ווער זייט איהר?

— איך? — האט דער סטודענט געשמייכעלט, אנגענומען מיט צוויי פינגער דעם פוך, וואו עס האט געדאפט זיין א וואנסע

און וואוילעריש גערדעהט — מיר זיינען שכנים, אייער פאטער איז שוין עטליכע מאל ביי אונז געווען.

— כ'וויים נאך אלץ נישט ווער איהר זייט? — האט שרה'קע זיך צולאכט.

— איהר ווייסט וואו פאניאטאווע איז? — האט דער סטו־דענט קיין אויג נישט אראפגעלאזט פון שרה'קען און עס האט איהם פערדראסען, וואס די וואקאציעס זיינען שוין באלד אוועק און ער האט גאר נישט געוואוסט אז אין שכנות וואהנט אזא שעהן מיידעל.

— זייט איהר ישראל אלטער'ס א זוהן? — האט שרה'קע ווי און איבערראשט קינד, איהם אנגעכאפט ביי א האנד.

ער האט געענטפערט מיט'ן קאפ אויף יא, געקוקט אויף איה־רע צופאטעלטע האר, דורכגעווארפען מיט גראז און בלעטער; גע־קוקט אין די שווארצע אויגען, טיעף, ווי די וועלדער ביינאכט, און אין גאנצע אזא בויגיגע, אזא פרישע, נישט אנדערש, ווי די „וואלד ליעבע" איז א פערבענקטע איהם אנטקעגען געקומען.

שרה'קע האט זיך א כאפ געטהון, ווי זי וואלט פערשטאנען זיינע רעיונות, און געוואלט אבלאזען די האנד, איז איהר האנד געלעגען אין זיינער. ביידע האבען זיך אנגעקוקט, זיך פערלוירען, פערשעהמט נאכגעלאזט די הענד און פלאטערנדיג, ווי זיי וואל־טען מורא געהאט זיך אנצואווערען, זיינען זייערע הענד צוריק־געבליבען איינע אין דער צווייטער.

— אויב איהר האט ניט דאגעגען — האט דער סטודענט זיך לייכט פערנויגט און זיין קול האט געציטערט — וועל איך אייך אהיים פיהרען!

— כ'האב אבער מורא, אז איך וועל אייך דארפען צוריק פיה־רען — האט שרה'קע זיך צולאכט — איבריגענס קומט, עס איז נאך פריה!

זיי זיינען אפגעגאנגען עטליכע טריט, האט זיך שרה'קע אויס־גערדעהט, זיך איינגעהערט, מיט אמאל א קלאפ געטהון איין האנד אן דער צווייטער און געוויזען אויף דער ווייכסעל:

— זעהט נור!

— וואס?

— אייער לארקע שווימט דאך!

דאס שיפעל, וואס איז קוים געשטאנען אויף'ן ברעג, האט זיך צוריק ארייננעגליטשט און זיך געדרעהט איבער'ן וואסער הין און צוריק ווי א שפיעלצייג. ביים ערשטען בליק האט דער סטו־דענט א רוק געטהון דאס היטעל און ארייננעלאזט א האנד אין די האר. באלד האט ער א מאך געטהון מיט דער האנד, ווי ער וואלט זיך מיאש געווען דערפון, און זיך צושמייכעלט:

— בעסער אזוי, לאז עס געהן!

— ווי ר'נאך וועט איהר אהיימפאהרען? — האט שרה'קע ווייך געפרעגט, ווי זי וואלט געווען שולדיג אין דעם און קינדיש צוגעגעבען — אלץ איבער מיר!

— איהר דארפט זיך נישט ערגערען — האט דער סטודענט שרה'קען בערוהיגט — כ'וועל אהיימגעהן מיט דער לאנקע, דא ארום איז נאך נעהנטער!

זיי זיינען געגאנגען און געשוויגען. די לאנקע אן אנגעסוּא־לענע האט זיך געהויבען אונטער זייערע פיס. די לופט איז גע־ווען פול מיט א שטיל איינטאניג גערויש, ווי דאס זשומען פון ים־שקעטעלעך. בלויז ביים וואסער אויף א בוים איז געזעסען א פויגעל און געפייפט. צום ערשט לייכט, לייכט, זיך געגאסען, זיך פערגאנגען... העכער, העכער, געהילכט און געקנאקט אהן אויפהער, מיט א מאל א פלאץ געטהון, זיך צושאטען ארום און ארום און אין דער לופט איז לאנג געשטאנען דער קלאנג פון מעטאל.

— איהר זייט אמאל געווען אין ווארשע? האט דער סטודענט איבערגעריסען דאס שווייגען.

ניין, נישט געווען.

א — — —

ער האט זיך צורעדט, דערצעהלט איין מעשה נאך דער צוויי־טער. די מעשות זיינען זיך ביי שרה'קען צוזאמען, צושפיעלט. יערע קליינינקייט האט ביי איהר געקלונגען אויסטערליש, ניי.

ער האט דערצעהלט ווי סטודענטען לעבען, ווי זיי הונגערען, זיך גע'חרוש'ט, וואס שרה'קע ווייס גאר נישט וועגען סטודענטישע „הולאנקעס", וואס פאר א פרעהליכע באנדע דאס איז, און יעדע מעשה האט געהאט א ברייטקייט, געשפרודעלט מיט יוגענד.

שרה'קע האט זיך אזוי בשעת מעשה פארגעסען, אז איהר האט זיך אויסגעדוכט, דאס זי געהט מיט'ן אפגעברענטען פעטשאריז, וואס וועט קומען נאך איהר ביי נאכט אויף א שווארץ צונאווע פערד און וועט זי ארויסגנב'ענען.

דער סטודענט האט אפגעשטעלט שרה'קען ביי א פיען פון אן אפגעהאקטען בוים.

— אויב איהר ווילט, וועלען מיר זיך אביסעל צוזעצען? אין אזא נאכט, איז אן עברה אהיים צו געהן. קוקט, — האט ער געוויזען אויף'ן נידריגען הימעל, געדיכט באדעקט מיט שטערען — ט'איז דאך א משוגענע נאכט.

— מען וועט נישט וויסען וואו כ'ביז אהינגעקומען. כ'מוז אהיים געהן — האט שרה'קע ווי זיך געבעטען ביי איהם.

— געהט ניט — איז ער נאהענט צו צו איהר און זי אנגע־נומען פאר א האנד — בלייבט דא!

זיין קניע האט אנגעריהרט איהרע, האט זי דערפיהלט א בריה פון קאפ ביז די פיס, א פערפלאמטע זיך אפגערוקט, און זיך צושמייכעלט:

—א גוטע נאכט!

— געהט איהר, הייסט עס? — האט ער איהר לאנג געדריקט די האנד, איהר אזוי געקוקט אין די אויגען, אז זי האט זיך פער־לוירען און שטיל געפרעגט — ווי הייסט איהר?

— איך? שרה'קע — האט זי קוים צעעפענט די ליפען מיט א שמייכעל — און ווי הייסט איהר?

דער סטודענט איז אזוי צוטומעלט געווארען פון שרה'קעס שמייכעל, אז ער האט זיך באלד ניט געכאפט וואס זי פרעגט איהם, איז א פערלוירענער, ווי ער וואלט זיך דערשראקען, אז ער וועט זי שוין קיינמאל ניט זעהן, האט ער געענטפערט:

— וולאדעק.

— נו א גוטע נאכט! — האט שׂרה׳קע איהם נאך אמאל גע־נעבען די האנד, זיך אויסגעדרעהט און כמעט גענומען לויפען אהיים.

— כ׳וועל ווארטען אויף אייך מארגען ביים שטיין! — האט ער איהר נאכגעשריען.

זי האט נישט געענטפערט, געלאפען א גליקליכע אהיים. פון פרייד געשפרונגען איבער אראפגעלאזטע ביימער, געבראכען צווייגלעד. צוקומענדיג צום הויז האט זיך איהר געדאכט, אז א פאר אויגען קוקען איהר נאך. זי האט א דרעה געטהון מיט׳ן קאפ, דערזעהן ברוד׳ן אין אפענעם פענסטער, האט זי זיך אוים־געבויגען, ווי מען וואלט איהר אפגעמאסטען מיט א צווייג איבער די פלייצעס און א שולדיגע זיך אריינגעשארט אין שטוב אריין.

— 9 —

אין א זומער נאכט.

דער גלאק וואס האט געהאנגען אין מיטען הויף אויף א קלאץ האט גערופען צום מיטאג, זיינען די פויערים, אפגעשאטענע מיט זעגאכץ, ארוים פון די גריבער, וואו זיי האבען געשניטען ברעטער, זיך צולעגט אין שאטען, וואו זייערע ווייבער, זייערע קינדער פון די ארומיגע דערפער האבען שוין געווארט אויף זיי מיט „דוואיאקעס" עסען און אין דער זשומענדער שטילקייט וואס ארום, האט זיך געהערט דער שארפער ריח פון קרויט און געקאכטע ארבעס.

בריינע האט צו שטעלט א טיש ווי פאר א מנין מענשען. פון די נור וואס אפגעזאטענע קארטאפעל האט זיך געהויבען א פארע, זיך אויסגעמישט מיט'ן ריח, וואס האט זיך געטראגען פון דעם פולמוס שלאיען געפרעגעלט אין פוטער און יערער, ווער ס'האט אריינגעצויגען אין זיך דעם ריח, זיינען די אויגען ביי איהם געווארען זשערנע.

מרדכי איז אריין אין שטוב מיט שווערע טריט, זיך גוט ארומגעוואשען, געריבען מיט א האנדטוך ס'פנים, דעם קארק, אז זיי זיינען אזש פערפלאמט געווארען און זיך געזעצט עסען. אנטקעגען איהם איז געזעסען ברוך. זיינע בלאסע באקען האבען זיך עטוואס צוגעברוינט זייענדיג די פאר וואכען אין וואלד און איבער די באקען, אונטער דער נאמבע, האבען זיך געזעהן איינצעלנע געקרויזטע האר, ווי עס פערוואלגערן זיך אמאל אין א זאמדיגען געגענד איינצעלנע גרעזלער.

— וואס שטעהסטו, זעליג, זעץ דיך עסען! — האט מרדכי גע־זאגט צום קאסירער, אז עלטערער בחור מיט דיקע וואנסען, אנגע־טהון ווי א עקאנאם. וואס האט צוויי מאל א וואך געבראכט מרדכי'ן „לייזאכץ".

נישט קיין דרייסטער האט דער קאסירער זיך אוועקגעזעצט נעבען בעל־הבית, ארויסגענומען פון דער בוזים קעשענע א נומער „הצפירה", איהם וואוילעריש צעווארפען און פון דער זייט געקוקט וואס פארע איינדרוק ס'מאכט אויף די ארומיגע.

בריינע האט געהאלטען אין איין טיילען, אראפגענומען פון איין טעלער, צוגעלעגט צו א צווייטען און יעדע ווילע גערופען:

— שרה'קע, גענוג צו לייענען, קום אריין עסען!

— כ'געה שוין! — האט זיך געהערט פון צווייטען אפענעם צימער.

ברוך האט געקוקט אין שפיגעל, וואס האט געהאנגען קעגענ־איבער דער אפענער טיר און געזעהן ווי שרה'קע זיצט איבער א בוך, די האר אין די אויגען, שלינגט א שורה נאך א שורה, ווי זי וואלט זיך געאיילט צו דערלייענען ביז א געוויסען פלאץ. ער האט באמערקט אויף איהר פנים א לייכטען שמייכעל. דער שמיי־כעל איז זיך צעוואקסען, ווי ער וואלט געקומען פון אינעווייניג, זיך איבערגעריסען, באלד זיך ווידער צולעגט. האט ברוך זיך אויך צושמייכעלט וואס שרה'קען טהוט הנאה פון דער מעשה. זי האט גענומען בלעטערן ס'בוך, געוואלט זעהן צי עס איז נאך ווייט צו א קאפיטאל, מיט אמאל פערקנייטשט די זיים, וואו זי האט געהאלטען און מיט א שפרונג אריין אין עס־צימער:

— אה, די פיש שמעקען!

— ווילסטו א מיטעל־שטיקעל? — האט בריינע זי געפרעגט.

— כ'וויל א קעפעל!

— ווערסט דאך קאליע מאכען! — האט בריינע געזוכט מיט'ן גאפעל וואס איהר צו געבען — נו, נא, נא דירביידע, נור זאלסט עס אויפעסען, הערסט?

— וואס פאר א ביכעל לייענסטו? — האט דער פאטער זי געפרעגט.

— א פויליש — האט זי ניט ווילענדיג געענטפערט.

— וועמעס?

— וואס? — האט שרה'קע א טראכט געטהון וואס צו זא־גען און געענטפערט אויף'ן ארט — ס'איז דיין ביכעל: פאן טאדעאוש.

זי האט זיך באלד געכאפט, אז ברוך ווייס וואס זי לייענט, א קוק געטהון אויף איהם. געפיהלט ווי זי רויטעלט זיך, וואס זי זאגט א ליגען און גענומען עסען.

— א טייער ביכעל „פאן טאדעאוש" — האט דער קאסירער געשלונגען די הייסע קארטאפעל, פארטרונקען מיט קאלטען שמשאוו און געוועזן צופרידען וואס ער קען ארויסווייזען זיין וואוילגעלערנטקייט — יעדעס ווארט דארט איז צו קושען! היינט זעהט מען שוין נישט די שררים, אבער אמאל? אז איך האב עס צום ערשטען מאל געלייענט — האט ער זיך געווענדעט צו שרה'־קען — בין איך געווען אין איהנם יאהרען! וואס האב איך גע־וואלט זאגען, יא. האט זיך מיר געדוכט אז די אלע שררים וואס ער בעשרייבט, קען איך! ס'זאל פעהלען, זאג איך, א האר! ווי ער באשרייבט ס'געיעג, דעם וואלד, זייערע קריגעריייען איבער א האז — אליז לעבט. ווי דו וואלסט געשטאנען דערביי!

— דערפאר אז ער קומט צו אידישע מנהגים — האט מרדכי זיך אנגערופען — הינקט ער אביסעל אונטער, פארט א גוי!

— וואס מיינסטו? — האט שרהקע צועפענט די אויגען, זיך נעחדושט וואס האט דעם פאטער געקענט אריינציהען אין א שמועס.

— ביי איהם א שטייגער קומט אוים, אז אידען לעגען אויף'ן קאפ ציצית, נישט קיין תפילין — האט מרדכי געשמייכעלט — אמת ס'איז א קלייניגקייט, פאר מיר אבער פערזענליך איז עס גע־נוג כ'זאל קיין צוטרוי נישט האבען צו'ם שרייבער.

שרה'קין האט געוואלט פארציהען דעם שמועס, זעהר ליעב גע־

האט צו הערען דעם פאטער רעדען, זיך אבער געשעהמט עפעס צו ענטפערען אין ברוד'ס נעגענווארט. געוואלט דער שמועס זאל אי־בערגעהן אויף עפעס אנדערש, מורא געהאט זי זאל זיך ניט מעהר פערפלאנטערן.

צייט זי האט זיך באקענט מיט וולאדעק'ן איז זי געווארען אן אנדערע. נאך יעדען מאל זעהען זיך מיט איהם, האט זי געקענט אפזיצען ביי זיך אין שלאף־צימער שעה'ן, איבער'חזר'ען יעדעס ווארט זיינס, צוקלערען וואס זי האט איהם געדארפט זאגען, וואס ער וואלט געענטפערט, און אזוי אהן אן אויפהער. די ערשטע טעג האט זי געהאט אפגעמאכט ביי זיך צו דערצעהלען אלץ דעם פאטער, לאז ער וויסען, אז זי וויל ניט ברוד'ען, און ער, דער פא־טער, דארף זיך זעהען מיט וולאדעק'ס עלטערען, זי וועט מיט אן אנדערען ניט חתונה האבען. און יעדעס מאל, ווען זי איז אהיים געקומען, האט זי געפיהלט, אז זי וועט דאס דעם פאטער קיינמאל נישט זאגען, ניט דערפאר, וואס איהר האט געפעהלט מוטה, נור זי האט איינפאך ניט געוואלט, אז אימיצער זאל וויסען, דאס זי זעהט זיך יעדען טאג מיט וולאדעק'ען, ווי דער גאנצער רייץ וואלט געלעגען אין דעם, דאס די שטוב־מענשען, צווישען וועלכע זי האט פערנומען דעם אויבען־אן האבען ניט געוואוסט, אז ווען ס'ווערט איהר אומעטיג, האט זי וואו צו געהן.

ברוד האט זיך אנגעשטויסען, אז זי זעהט זיך מיט אימיצען. זי אליין האט איהם געזאגט, אז די ביכער נעהמט זי ביי זייער שכנ'ס א זוהן, און אז ער האט זי נעפרעגט: ביי וועמען, האט זי ניט געענטפערט.

נאך די פיש האט דער פאטער זיך אויפגעשטעלט, הויך גע־מאכט א „בורא נפשות“, אויסגעטהון דעם לויזען, העלען כא־לאט און זיך געווענדעט צו שרה'קען:

— האסטו שוין אפגעגעסען?

ער האט נישט געווארט זי זאל איהם ענטפערען און ארויפ־געלעגט אויף ברוד'ן א האנד:

אויב דו פוילסט זיך נישט, ברוד, געה אריבער מיט זעליגען

צו דער אלשינע און צייכען אפ די הונדערט פערטעל האלץ. נעהם מיט ס'קלענערע העקעל.

— כ'וועל געהן.

שרה'קע האט געוואוסט, אז דאס רופט זי דער פאטער, זי זאל איהם פארלייענען די גאזעטע, וואס זיינען אנגעקומען איין מאל א וואך אין וואלד אריין. יעדען נאכמיטאג האט זיך מרדכי צו־געשפארט און די טאכטער האט פאר איהם געלייענט די טעלע־גראמען פון אלע טיילען וועלט, נייעס וועגען רויבערייען און די פאליטיק פון דער וואך.

ער האט אראפגעווארפען מיט א קרעכץ די לאטשען, זיך אויסגעצויגען אויף דער ווייכער אטאמאנע, פערלייגט איין האנד אונטער'ן קאפ, מיט דער צווייטער האט ער זיך בעקוקט די לאנ־גע בארד, זי אונטערגעטראגען צו דער נאז, געקוקט צו עס פער־וואלגערט זיך נישט אמאל א גרויע האר און א זאג געטהון:

— נו לייען טאכטערשי!

שרה'קע האט גענומען דעם „קוריער פאלסקי", פערלעגט א פוס אויף א פוס, זיך געמאכט בעקוועם און געלייענט:

— א שלאכט אויף'ן ים. אן אפטיילונג פון דער יאפאנע־זישער פלאטע, וואס איז בעשטאנען פון שווערע און לייכט קריי־צערס איז בעפאלען די רוסישע און נאך א שלאכט וואס האט אנגעהאלטען פיער שעה, זיינען דריי רוסישע שיפען געזונקען גע־ווארען און די איבעריגע שווער באשעדיגט זיינען אנטלאפען.

— אי, גוט, — האט מרדכי זיך געווישט די בארד — כ'האב תמיד געטענה'ט אז דעם רוסישען בער'ס גבורות זיינען איבער־טריבען, איצט מיט יאפאן וועט ער נאך כאפען א מפלה! נו, לייז ווייטער!

שרה'קע האט געלייענט איין טעלעגראמע נאך דער צווייטער, אלץ וועגען דער רוסיש־יאפאנעזישע מלחמה, געזעהן ווי דער פא־טער מאכט צו איין אויג, עפענט עס צוריק, חזר'ט איבער דאס ווארט, מיט וועלכען ער איז איינגדרעמעלט, וועלענדיג ווייזען דער טאכטער אז ער שלאפט נישט:

— אזוי, געוונטשען אזא שיף? נו, לייען! מיינסט כ'שלאף? כ'שלאף נישט!

באלד האט דער פאטער פערמאכט ביידע אויגען, געבליבען ליגען אויף די פלייצעס, געהאלטען א האנד אויף'ן הארץ און גע־שנארכט אויף'ן קול.

שרה'קע איז נאך געזעסען אביסעל, זיך איינגעקוקט צו ער שלאפט מיט אן אמת, איבערגעקוקט די גאזעטען און מיט שטילע טריט אריינגענאנגען צו זיך אין שלאף־צימער. זי האט זיך אפ־געשלאסען, ארויסגענומען די שקאטולקע מיט ציערונג וואס עס איז איהר געבליבען נאך דער מוטער, זיך אנגעמאסטען די שווע־רע גאלדענע ארבעס־קייטען, די לאנגע בריליאנטענע אוירינגען, וואס זיינען איהר געפאלען ביז איבער די אקסלען. זי האט גע־זוכט וואס זיך אנצוטהון, געוואלט אויסזעהן שעהנער ווען זי האט זיך געדארפט זעהן מיט וולאדעק'ען און נישט געוואלט טראכ־טען אז אין צוויי וואכען ארום ענדיגען זיך די וואקאציעס און ער פאהרט צוריק נאך ווארשא. כמעט יעדען טאג האט זי געביטען איהרע קליידער, אויסגעזוכט נייע סאמעטלעך, געקעמט די האר אנדערש. זי האט נאך געהאט עטליכע שעה צייט זיך צו טרעפען מיט איהם, האט זי זיך שוין גענומען פוצען, איבערגעווארפען אן א שיעור זיידענע זאקען, זיך אזוי פערגעסען, אז איהר האט זיך געדאכט דאס זי איז די העלדען פון „האמא־סאפיענס“, וואס וולאדעק האט איהר געגעבען צו לעזען, דאס קלייבט זי זיך אוועק־צופאהרען מיט פאלק'ען, נעהמט צונויף איהרע זאכען. מען קלאפט אן אין טהיר, זי עפענט. איהר חתן, דער הינקעדיגער מאהלער קומט אריין. דער מאהלער זעהט פונקט אויס ווי ברוגז, נור ער הינקט אויף א פוס.

— וואו קלייבסטו זיך? — פרעגט ער א בלאסער.

— כ'פאהר אוועק.

— אליין? — פרעגט ער ווידער און צוואווארפט בשעת־מעשה די לאנגע זיידענע זאקען.

— ניין, כ'פאהר מיט פאלקען.

— אה מיט פאלקען, מיט מיין חבר? כ'האב גאר פארגעסען! אזוי, פאהרסטו מיט פאלקען און וועסט אנטהון די ברוינע זיידענע זאקען, אט די? די זאקען וואס ביזט געגאנגען צו אונזערע תנאים? שרה'קע זעהט ווי די זאקען צוקריכען אונטער זיי־נע פינגער, ווערען נישט.

זי האט א צאפעל געטהון, זיך אומגעקוקט. זי איז געווען אליין אין צימער. א מיעדע האט זי זיך צוגעזעצט, זעהר געוואלט אז וולאדעק זאל איצט אריינקומען, אנקלאפען אין פענסטער, זי וועט איהם עפענען, אריינלאזען און ווייטער האט זי פערביסען די ליפען, פערקוועטשט די אויגען און גאר נישט געטראכט.

איהר איז איינגעפאלען אז מען דארף זיך ארומוואשען, מורא געהאט אז זי זאל נישט אויסזעהן ווי א דארף'ס שיקסע ווען זי זעהט זיך מיט איהר שייגעץ און גענומען קעמען די האר אין פערשיעדענע פריזורען. ס'האט איהר באלד דערעסען. זי האט זיך אווארף געטהון אויף איהר בעטעל, פערמאכט די אויגען און זיך געזעהן מיט וולאדעק'ען אין ווארשא, גע'חלום'ט וועגען זיין חבר, מאטעק, וועגען וועלכען ער האט איהר אזוי פיעל דערצעהלט. זי האט נישט געוואלט טראכטען דערפון און פונקט ווי ביי א פאקוסניק, וויפיעל מעסערס ער זאל נישט ארויסווארפען, קומען אלע צוריק אין דעם זעלבען פלאץ, אזוי זיינען די געדאנקען ביי שרה'קען צוריק געקומען צו'ם זעלבען פונקט. אז מאטעק האט זי צוגענומען פון וולאדעק'ען און ער געהט איהר נאך אויף טריט און שריט, ווינט, סטראשעט אז ער וועט זיך דאס לעבען נעהמען און מיט אמאל קומט מען איהר אנזאגען אז וולאדעק האט זיך געשאסען און מען גיט איהר איבער זיין לעצטען בריעף

שרה'קע האט זיך אויפגעזעצט. געפיהלט אז זי איז א מיאוס'־ער מענש, אז אזעלכע געדאנקען דארפען איהר נישט קריכען אין קאפ אריין. זי האט געעפענט א בוך, אנגעהויבען לייענען, נישט געקענט, געפיהלט ווי די זעלבע מעשה הויבט זיך אויף ס'ניי אן צו וועבען, זיך אין גאנצען איבערגעגעבען דעם פלאנטער און אזוי אפגעלעגען ביי זיך אין שלאף־צימער עטליכע שעה.

פאַרנאַכט האָט זי זיך אויסגעניכטערט, צוריק אַריינגעהאַנגען אַלע קליידער וואָס זי האָט געהאַט אָנגעגרייט. זיך אָנגעטהון אַ ווייסע מאַטראָז־אַנצוג מיט אַ בלויען קאָלנער, אַראָפּגענומען איין שנירעל פּעריל, זיך אָנגעטהון אויף'ן האַלז, גענומען אַ העל־זיידען שירעמיל און אַרויס פון שטוב.

זי איז געגאַנגען מיט'ן וואַלד. דער וואַלד איז געווען שיטער, זיך געצויגען בארג אַרויף. ניט ביימלעך האָבען זיך געפּלאַכטען און געפּלאָנטערט, נישט צוגעלאָזט קיין ליכט, איז אין וואַלד טונקעל געוואָרען און שרה'קע איז אַריין ווי אין אַ קיהלען קעלער. אַז זי איז צוגעקומען צו דער אַלשינע איז איהר ברוך אַנטקעגען געקומען מיט אַ קליין העקעל אין האַנד, מיט וועלכען מען בעצייכענט האַלבע קלאַפּטער. שרה'קע האָט זיך עטוואָס פערלוירען און זיך אָפּגעשטעלט:

וואוהין געהסטו?

זי האָט איהם געוואָלט זאָגען דעם אמת, געעפענט ס'מויל האָט זיך די צונג ביי איהר אַ דרעה געטהון:

—כ'געה זעהן ווי מען רייסט די קאָרע.

— די פויערטעס זיינען שוין אַהיים געגאַנגען — האָט ברוך זי מאַרנע אָנגעקוקט ווי ער וואָלט געשמייכעלט.

—טאַקע? — האָט שרה'קע זיך פערלוירען, געווען זיכער אַז ער ווייס אַלץ — וועל איך צוגעהן צו מאַריאַנען, זי שלאָפט דאָך אין „באַראַק", האַ? כ'האָב איהר צוגעזאָגט צו קומען.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט?

— כ'האָב זיך אויסגעפּוצט? — האָט שרה'קע בלומרשט מיט אַ שמייכעל בעקוקט איהר איינענעם הילוך — כ'געה דאָכט זיך שטענדיג אַזוי.

— אויב דו ווילסט וועל איך דיר צופיהרען — האָט ברוך זיך געבעטען מיט די אויגען.

— האָסט מורא כ'וועל אַליין נישט טרעפען?

— ניין, — האָט ברוך אָנגעהויבען שטאַמלען — נור אויף יענער זייט אַלשינע זיצט אַ סטודענט, כ'זעה איהם כמעט יעדען

טאג דארט, ווי ער וואלט געווארט אויף אימיצעו, רעכנו איך אז ס'פאסט נישט אליין צוגעהן, וואס זאגסטו?

שרה'קע האט דערפיהלט ווי ס'בלוט הויבט זיך איהר אין פנים אריין. זי האט זיך אויסגעדרעהט, זיך א ביסעל געשהון אין דער ליפ און זיך צושמייכעלט.

— דארפסט נישט מורא האבען, מיך וועט קיינער נישט טשעפען.

זי האט גענומען אוועקגעהן, געווען זיכער, אז ברוך קוקט איהר נאך, מאדנע געשפרייזט, ווי זיין בליק וואלט זיך געפלאנטערט צווישען איהרע פיס. זי האט דערהערט א רויש, ווי צוויגלעך וואלטען געקנאקט און זיך אויסגעדרעהט. ברוך איז אהיים געגאנגען. ס'איז איהר געווארען אומעטיג און די פריהערדיגע פרייד איז ערגעץ וואו פערשוואונדען. זי האט ברוך'ן נישט פיינד געהאט — בלויז רחמנות געקראגען אויף איהם.

פון דער ווייטענס האט שרה'קע דערזעהן וולאדעק'ען. ער איז געזעסען אהן א היטעל אויף א פיען און זיך געפיילט די נעגעל. א גלייכגילטיגע איז זי געשטאנען, געקוקט אויף איהם, ווי אויף א ווילד פרעמדען, געזעהן ווי ער שפיגעלט זיך, דרעהט די וואנסען, מאכט „פיסקעס" און שטיל, מען זאל נישט באמערקען, האט זי גענומען געהן אויף צוריק. זי האט זיך בעהאלטען הינטער ביימער און אז זי האט איהם פערלוירען פון אויג, האט זי גענומען געהן גיך, כמעט געלאפען, דעריאגט ברוך'ן.

אזוי געשווינד? — האט ער זיך געחדושט.

— מאריאנע איז געגאנגען אין שטאדט אריין.

זיי האבען געשוויגען. שרה'קע האט געריסען בלעטער, זיי צוריבען, אוועקגעווארפען, ווייטער געריסען, מיטברעכענדיג צווייגלעך. איז כעס געווען אויף זיך פאר וואס זי געהט אהיים. באלד וועט זי איהם שוין אין גאנצען נישט זעהן, ער פאהרט דאך צוריק נאך ווארשא און זי וועט דא בלייבען מיט ברוך'ן. וואס וויל ער פון איהר? זי איז נעבליבען הינטערשטעליג, זעהר חשק געהאט צוריקצוגעהן און געגאנגען ווייטער. ברוך האט געוואלט

עפּעס זאָגען, זיך אָפּגעשטעלט און אַז שרה'קע האָט זיך אויסגע־גלייכט מיט איהם, האָט ער דערפיהלט ווי די ווערטער זיינען צו־געקלעפּט צו דער צונג און ער האָט סתם אַ זאָג געטהון:

— האָסט איהם באַגעגענט?

— וועמען?

— דעם סטודענט.

— וואָס ליגט דיר אַלץ אין קאָפּ דער סטודענט? — האָט שרה'קע אויסגעלאָזט דעם כעס צו איהם — האָסט מורא אַז כ'בין פערליעבט אין איהם?

— איך האָב דאָס נישט געזאָגט — איז ברוך רויט געוואָרען—דאַרפסט זיך נישט בעליידיגען. כ'פרעג זיך סתם וואָס ער טהוט אין וואַלד?

— ער וואַרט אויף מיר! — האָט זיך שרה'קע אָפּגעשטעלט און איהם אָנגעקוקט.

— זעהר גוט! — האָט זיך ברוך צושמייכעלט און איז געווען זיכער אַז דאָס שפּאַסט זי מיט איהם.

— דו מיינסט כ'שפּאַס, הא? — האָט שרה'קע צונויפגעצויגען דעם שטערען און די שוואַרצע אויגען האָבען זיך ביי איהר אַ צונד געטהון — זאָג איך דיר נאָך אַ מאָל, אַז ער וואַרט אויף מיר!

— טאָ פאַרוואָס געהסטו נישט צו איהם? — האָט שוין ברוך אַ נעקרענקטער געענטפערט.

— ווייל איך וויל נישט!

— ער ווייס אַז דו ביזט אַ כלה — האָט ברוך אַרויסגעשטאַ־מעלט און באַלד חרטה געהאַט.

— פון וואַנען ווייסט ער?

— זעהסט דאָך ער ווייס!

— דו האָסט איהם געזאָגט?

— ניין — האָט ברוך נישט געוואוסט ווי ר'נאָך זיך אַרויס־צופּלאָנטערען — ער האָט זיך מיט מיר פונאַנדערגערעדט, זיך אויסגעפרעגט וועגען פעטער, מיר דערצעהלט וועגען זיינע עלטע־

רעז, כ'וויים נישט ווי ר'נאר, נור מיר זיינען צורייך געקומען וועגען דיר האב איך איהם דערצעהלט.

— וואס ?

— ווייסט דאך — — —

— האסט איהם געזאגט אז דו ביזט מיין חתן ?

— יא.

שרה'קע האט זיך צולאכט. צום ערשט שטיל, דערנאך העכער, העכער, ביז זי האט זיך אזש אנגעכאפט פאר א בוים. בשעת אין לאכען האט זי דערפיהלט א מארנע רציחה, אלץ אין איהר האט זיך געקארטשעט, זיך געריסען צו ברוך'ן, חשק געהאט איהם צורייסען אויף שטיקער, איהם אנכאפען פאר די נארישע אויערען און שרייען אין פנים אריין: בהמה! בהמה! אין איין רגע האט זי בעשלאסען צו לאזען ברוך'ן אליין, צוריקגעהן צו וולאדעק'ען, איהם זאגען פון היינט אז פערלאזט זי אלע און ווי זי געהט און שטעהט בלייבט זי מיט איהם. וועט טהון וואס ער וועט נור וועלען. זי האט אויפגעהערט לאכען, געפיהלט ווי עפעס פערקוועטשט איהר ארום הארץ, ווי מיט אן אייזערנער רייף, די ביימער רוקען זיך אלץ נעהענטער, רינגלען זי ארום, ווי די ווענט פון א שטייג, און מיט אן אראפגעלאזטע קאפ האט זי גענומען געהן א היים.

ברוך איז נעגאנגען נאך איהר מיט אן אפען מויל, געוואלט זי איבערבעטען. עס האט איהם געקלונגען אין די אויערען און פונקט ווי א טויבער וואס מיינט אז ער רעדט צו נידריג, טהוט ער מיט אמאל א הויב זיין שטימע אויף עטליכע טענער. אזוי האט אלץ אין ברוך'ן זיך געבעטען און ס'איז געקומען צום רעדען האט ער כמעט א געשריי געטהון:

— שרה'קע, אז כ'ביז נישט שולדיג, ווען איך וויים אז דיך וועט אארען, וואלט איך איהם אסור געזאגט... שרה'קע...

— מיך אארט נישט — האט שרה'קע געענטפערט — דו האסט געזאגט דעם אמת, כ'ביז דיין כלה...

זי האט מעהר מיט איהם נישט גערעדט. אויף דער ווערא[ndא]

האט דער פאטער, וואס איז געזעסן מיט'ן קאסירער, אפגע־שטעלט ברוד'ן און שרה'קע איז אריין צו זיך אין שלאף־צימער. זי האט זיך אפגעשלאסן, זיך אריינגעווארפן אין בעטעל און גע־וויינט אהן טרערן. זי האט געריסן מיט די צייהן דאס ציכעל, אומגעווארפן מיט א פוס א שטוהל, געשריען אהן קולות און זיך גע'חידושט וואס קיינער קומט נישט אנצולויפען, ווי אלע וואלטען מיט אמאל טויב געווארען. עס האט איהר פארדראסען וואס זי לאזט וולאדעק'ען דארטווארטען, זי דארף אהין געהן און איהם זאגען אז זי איז זיין כלה, אז צווישען זיי איז אלץ גע־ענדיגט, אז ער זאל מעהר אין וואלד אריין נישט קומען, אז — —

זי האט געהערט א לייכטען קלאפ אין טהיר:

— ווער איז?

— איך, שרה'קע, זיי אזוי גוט עפען!

— וואס ווילסטו?

— גאר נישט.

— כ'קען יעצט נישט עפענען.

ברוד האט זיך קיין ארט ניט געקענט געפינען. ער איז גע־גאנגען פון איין צימער אין צווייטען, עטליכע מאל געבליבען שטעהן הינטער שרה'קעס טהיר, זיך איינגעהערט, אריינגעקוקט דורך'ן שלאס־לעכעל און געזעהן ווי זי ליגט א צונויפגעדרעהטע אויף'ן בעט.

איהם האט זיך נישט געגלויבט אז זי זאל האבען עפעס צו טהון מיט'ן סטודענט, און וואס מעהר ער האט אפגעשטופט דעם געדאנק, נישט געוואלט טראכטען וועגען איהם, אלץ אפטער איז ער ארויסגעשוואומען, זיך איינגעגעסען אין די ביינער און יעדעס מאל מיט מעהר איינצעלהייטען.

ברוד איז פריה געגאנגען שלאפען. זיך געדרעהט אויף'ן גע־לעגער און וואס שטארקער ער האט פערקוועטשט די אויגען, גע־וואלט איינשלאפען, אלץ וואכיגער איז ער געווארען און געפיהלט ווי א שווערער אטעם לעגט זיך איבער איהם.

די לבנה [illegible], א קיילעכדיגע איז געהאנגען איבער'ן פענ־

סטער, ווי זי וואלט אריינגעקוקט און בעלויכטען יעדען ווינקעל פון צימער. ברוך'ן האט זיך נעדאכט אז ער הערט טריט. ער האט זיך אויפגעזעצט און זיך א ווײלע איינגעהערט. אויף איינעם פון די ביימער וואס זיינען געשטאנען נעגענאיבער דעם פענסטער, איז געזעסען א פויגעל און געפייפט. ברוך האט זיך צוריק איינ־געטוליעט. אריבערגעשלעפט די קאלדרע איבער'ן קאפ, נישט געוואלט הערען דאס פייפען און זיך געדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער. דאס פייפען האט איהם דענערווירט. ער איז אראפ פון בעט, ארויסגעשטעקט דעם קאפ און זיך איינ־געהערט פון וועלכען בוים דאס פייפען קומט. ער האט אנגע־כאפט ביי א צווייג און אנגעהויבען שאקלען. דער פייגעל איז אויף א רגע אנשווייגען געווארען, באלד זיך צוריק צופייפט. ברוך איז געבליבען זיצען אויף'ן פענסטער, און אויסגעמידען די פולע לבנה, וואס האט געקוקט איהם אין פנים אריין, ווי דער שטומער נאכט'ס אז אויג. ער האט ווידער דערהערט טריט, מעהר זיך ארויסגעבויגען און געזעהן ווי אימיצער גנב'עט זיך אויף דער לאנ־קע. ער האט צוריק אריינגעכאפט דעם קאפ אז מען זאל איהם נישט באמערקען און זיך איינגעקוקט ווער עס געהט. ביסלעכווייז איז די פינסטערניש געווארען שיטערער און ער האט דערקענט דעם סטודענט.

ווי א פערוואונדעטע חיה, וואס קען זיך נישט ריהרען פון ארט, איז ברוך געבליבען שטעהן ביים פענסטער. אלץ אין איהם האט זיך געקרעמפט, זיך געוואלט א וואַרף טהון אויף'ן פרעמדען, איהם האט זיך געדאכט, אז ער הערט ווי מען עפענט ס'פענסטער, זיך נאך מעהר ארויסגעבויגען, אנגעשפיצט די אויערען און בלויז געהערט ווי ארום און ארום זשומעט די נאכט. ער האט געדרעהט מיט'ן קאפ אין אלע זייטען, געזוכט דעם סטודענט, איהם מעהר נישט געזעהן, איז ברוך געבליבען שטעהן אהן אטהעם, און ארום איז מיט אמאל געווארען אזוי שטיל ווי דער דופק פון דער נאכט וואלט זיך אפגעשטעלט.

עס האט זיך געהערט ווי מען קלאפט לייכט אין א פענסטער.

ברוך האט קיינעם נישט געזעהן. די ביימער וואס האבען אפ־געטיילט איין פענסטער פון צווייטען זיינען געשטאנען ווי א שווארצע וואנד צווישען איהם און שרה'קעס פענסטער. ער האט דערהערט ווערטער, אנגעשפיצט אן אויער און זיך איינגעהערט:

— און איך האב נישט געקענט איבערטראכטען פארוואס דו ביזט נישט געקומען?

— דו פאהרסט דאך סיי־ווי־סיי אוועק!

אז דו ווילסט וועל איך נישט פאהרען?

— פאהר יא!

— וואס איז דער מעהר, שרה'קע? — פון נעכטען ביז היינט דערקען איך זיך נישט! ס'דיך אימיצער בעליידיגט, זאג?

— ס' איז נארנישט!

— ס'איז יא עפעס!

— איז!

— שרה'קע — — —

— פאהר אוועק מארגען, כ'בעט דיך.

— פאר וואס טרייבסטו מיך?

— ווייל — — גאר נישט, כ'וויל אז דו זאלסט אוועקפאהרען!

— פארוואס?

— ווייל איך בין א כלה! מיין חתן שלאפט איבער דער וואנד! אזוי ווי איצט — איז מיאוס!

— וואס ביזט א כלה?

— דו ווייסט דען נישט?

—ניין!

— זאגסט א ליגען, האסט היינט אלץ אויסגעפרעגט ביי מיין חתן!

— ביי דעם בחור'ל מיט דער לאנגער קאפאטע? כ'האב אויף מיין ווארט געמיינט אז ער שפאסט!

דאס בלוט האט ברוך'ן א שלאג געטהון אין די שלייפען. אלץ אין איהם האט געשריען אז איצט דארף מען עפעס טהון, אין א רגע האט ער זיך דערמאנט, אז דאס העקעל מיט וועלכען ער

צייכענט האלבע קלאפטער ליגט אונטער׳ן בעט, אז מיט׳ן הע־קעל דארף ער דעם סטודענט דעם מח צושפאלטען, זיך אבער נישט גערירט פון ארט,שארפער אנגעשפיצט די אויערן און זיך איינגעהערט וואס שרה׳קע וועט איהם ענטפערען.

— דאס בחור׳ל געפעלט דיר נישט? מיר געפעלט ער!

— כ׳וויים נישט פארוואס דו בעליידיגסט זיך?

— ווער בעליידיגט זיך?

— דו!

— א גוטע נאכט!

שרה׳קע!

— לאז מיך אפ! מיר זיינען נישט קיין פאר! פאהר מאר־גען אוועק, וועסט דיר אויסקלייבען א ווארשעווערין, מיך פאר־געסען — — — א גוטע נאכט!

— שרה׳קע!

קיינער האט נישט געענטפערט. א פענסטער האט זיך צוגע־האקט און ס׳איז געווארען שטיל.

— שרה׳קע — — — שרה׳קע — — — איין ווארט, כ׳בעט דיך!

דאס פענסטער האט זיך צוריק געעפענט. ברוך האט זיך אויסגעבויגען אין גאנצען, אויסגעזוכט א שיטערע צווייג, וואו די לבנה האט זיך דורכגעריסען א וועג און געזעהן ווי דער סטודענט איז געשטאנען ביי׳ם פענסטער, געהאלטען אין זיינע הענד שרה׳־קעס קאפ מיט די צופאטטעלטע האר. שרה׳קע האט זיך א ריס געטהון, ווי זי וואלט געקראגען א ביס און צוגעהאקט דאס פענ־סטער אהן א גוטע נאכט.

עס איז געווארען שטיל. דער סטודענט איז נאך געשטאנען א וויילע הינטער׳ן פענסטער, זיך אויסגעגלייכט, שטיל גערופען שרה׳קע נאמען, געזעהן אז קיינער ענטפערט נישט האט ער זיך געלאזט אז איינגעבויגענער איבער דער לאנקע.

ברוך איז געבליבען זיצען אויף׳ן פענסטער, זיך געוואונדערט

פאַרוואָס ער איז נישט אין כעס אויף שרה׳קען און געפיהלט אַז ער וואָלט איצט איהר די טריט געקושט.

די לבנה איז געוואָרען פולער, געשטאַנען איבער די ביימער אַזוי נידעריג, אַז מען האָט נישט געקענט זעהן, וואָס ס׳טהוט זיך צוויי טריט נאָך איהר. דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געטונקט אין שיין, האָט דער קאַסירער וואָס איז געשלאָפען אין אַ דאַך שטיבעל, נישט געקענט איינליגען, געוועזן בייז וואָס ער קען נישט שלאָפען, זיך געדרעהט, געהערט, דאַכט זיך, קולות, דער אַלטער בחור. אין איהם האָט געשריען אַז מען דאַרף נישט דערלאָזען. וואָס דערלאָזען? האָט ער אַליין נישט געוואוסט. ער האָט לייכט געעפענט ס׳פענסטער און זיך איינגעהערט.

— פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

— כ׳קען עפּעס נישט שלאָפען — האָט זיך ברוך פערלאָרען.

— זיצסט שוין לאַנג דאָ?

— נור וואָס — האָט ברוך געענטפערט און געפיהלט ווי זיין קול ציטערט.

— מיר האָט זיך געדאַכט אַז כ׳האָב אימיצען געזעהן אַרומגעהן הינטער׳ן פענסטער.

כ׳האָב קיינעם נישט געזעהן.

— דאַכט זיך אַז דאָרט שטעהט אימיצער?

ברוך האָט זיך איינגעקוקט:

— ס׳שטעהט קיינער נישט, ס׳איז אַן איבערגעבראָכען ביימעל.

— אַ שעהנע נאַכט.

— זעהר אַ שעהנע.

— קום אַריבער!

— וואוהין?

— צו מיר.

— ברענגע קען נאָך הערען.

— ביזט א שרעקעדיגער — האט שרה'קע צוגעלעגטביידע הענד צום מויל אז איהר קול זאל גלייך געהן צו ברוך'ן — ווען מען בעפאלט מיך, וואלסטו געשטאנען און געקוקט, הא?...

— ווי דאכט זיך דיר? — האט ברוך זיך פערלוירען.

— טא האב נישט מורא! שפרינג ארויס דורכ'ן פענסטער, אט אזוי! איצט גיב א האנד! נעדענקסט ווי כ'האב דיך גע־לערענט רייטען?

שרה'קע האט איהם געהאלפען ארויפקריכען אויף'ן פענסטער און ביידע זיינען שטיל פערשוואונדען אין פינסטערען צימער.

דער קאסירער איז געבליבען זיצען אויף'ן פענסטער, מיעד אראפגעלאזט דעם קאפ און זיך פערטראכט. די עטליכע ביימער ארום הויז, וואס האבען אויסגעזעהן, ווי דער געדיכטער וואלד וואלט זיך דא אנגעהויבען, דער הימעל מיט די אנגעשאטענע שטערען, די שטילקייט וואס האט איינטאניג געזשומעט, אלץ האט איהם בערוהיגט און ער האט זיך ארומגעזעהן אז מעהר ווי א האלב לע־בען איז ביי איהם אוועק מיט גארנישט. ער האט פארגעסען אז ער נעכטיגט ביי זיין בעל־בית, זיך דערמאנט אז מיט צוואנציג יאהר צוריק, איז ער פונקט אזא פארבענקטער געזעסען אין א פענסטער ביי זיך אין שטעדטעל און געזעהן ווי א פייערמאן פון דער „פאזשארנע קאמאנדע", האט זיך גע'גנב'ט צו מאגדען, זייער פויליש דינסט־מיידעל. ער האט ארייננעשטעקט די האנד אין זיינע שיטער האר, אנגעטאפט מיט די פינגער א גאלען פלאץ ווי א טעלעריל און אונבעוואוסט זיך דערמאנט אז ער האט שוין קיין איין באק־צאהן אין מויל. מיט צוואנציג יאהר צוריק איז פונקט געווען אזא אויסגעשטערענדער הימעל, אזא משוגענע נאכט. יונ־גע הערצער האבען פונקט אזוי געפלאטערט, קיין זאך האט זיך נישט געביטען, ער נאר האט אפגע'פטר'ט מעהר ווי א האלב לע־בען מיט גארנישט. ער איז געווען זיכער אז מיט צוואנציג יאהר שפעטער, ווען ער וועט שוין מסתמא נישט לעבען, וועט זיצען אויף דעם זעלבען פענסטער א צווייטער און טראכטען דאס זעל־

בע. דער אַלטער בחור האָט צו קיינעם קיין תרעומות נישט גע־
האַט, געוואוסט אַז ס'איז נאַריש זיך צו קלאָגן, זיך נישט אומ־
געקוקט ווען ער האָט געהערט ווי עמיצער איז אַרויסגעשפּרונגען
דורך אַ פענסטער, בלויז געפּיהלט אַז מיט מענשען ווערט בעגאַנגען
אַ גרויסע עולה.

— 10 —

שרה'קעס חתונה.

פון האלב פוילען האבען געהאלטען אין איין אנקומען מחותנים אויף שרה'קע חתונה. צעהן פאר פערד האבען זיך גע־טראגען פאר די לעצטע עטליכע טעג איבער די זאמדיגע וועגען וואס האבען געפיהרט צו מרדכי'ן. און וואס א בריטשקע האט זיך אפגעשטעלט ביי דער וועראנדע, זיינען ארויס קרובים מיט וועלכע מרדכי האט זיך נור געזעהן ביי א שמחה. דאס הויז, די שייערען, אלץ האט מען אויסגעליידיגט פאר די געסט און א טאג פאר דער חתונה איז שוין געווען אזוי ענג, אז העלפט פון דעם עולם זיינען געשלאפען אין די „סאפעס“ פון ברעטער וואס מען האט אויפגעשטעלט אויפ'ן הויף. מיט די נעהענטערע קרובים, וואס האבען געוואוינט ארום זיינען מיטגעקומען די רבנים און כלי־זמרים פון די שטעדטלעך — האט מען שוין עטליכע טעג פאר דער חתונה געשפיעלט אין די צימערען, אין די שייערען, אין וואלד.

דעם טאג פון דער חתונה זיינען פאר'ן הויז געווען געגרייט טישען און דאס פישער־פאלק, מרדכי'ס שכנים, זיינען געזעסען מיט זייערע ווייבער, געגעסען און געטרונקען.

מרדכי, אין א זיידענעם שלאפראק, איז געגאנגען צווישען די טישען, געזעהן זיינע שכנים זאל'ן עסען און אז ס'פישער פאלק האט גענומען שרייען מען זאל איהם ארויספיהרען די כלה, איז מרדכי א צופרידענער אריין אין שטוב:

— שרה'קעלע! שרה'קעלע!

— וואס איז

מרדכי האט ארויפגעלעגט זיין ברייטע, פאטערליכע האנט אויף שרה'קעס קאפ, איהר געגלעט די האר:

— טאכטער, געה ארויס צו די פישערס, זיי ווילען דורכ־אוים זאלסט טרינקען מיט זיי! טהו זיי צוליעב, ס'פיהרט זיך אזוי.

אז די פישערס האבען דערזעהן שרה'קען, זיינען אלע אויפ־געשפרונגען פון די פלעצער און מיט א „וויוואט נארושעטשאנא", האבען טייל געהויבען גלעזער ביער, אנדערע פלעשער, און ס'האט נישט אויסגעזעהן זיי זאלען זיך האבען צונויפגענומען אויף א אידישע חתונה, נור ווי זיי וואלטען נור וואס אויסגעקליעבען דעם עלטסטען פישער פאר א „וואיט" איבער דער גמינע.

שרה'קע איז געוועזן גלייכגילטיג, געטהון יעדע זאך, וואס מען האט איהר געהייסען און געהאט דאס געפיהל, אז ווען דער פאטער מאכט זי חתונה פאר א קאליקע, וואלט זי א ווארט נישט גע־רעדט און געגאנגען צו דער חופה. זי האט זיך פאר די לעצטע עטליכע וואכען געפיהלט זעהר מיעד. כמעט קיינעם נישט געזעהן און פיעל מאל, אז זי האט זיך דערמאנט אז וולאדעק'ן, האט זי לאנג געטראכט צי דאס האט מיט איהר פאסירט, צי זי האט עס געלייענט אין א ביכעל. איצט אז זי איז ארויס צו די פישערס איז זי געבליבען זיצען צווישען זיי, פארגעסען, אז די נייטארין מיט די ארויסהעלפערינס ווארטען אויף איהר אין שטוב, אז די פריזירערין גליהט די „רורקעס" וויל זי אויפקעמען, נישט געדענקט צעהנדליגע אנדערע זאכען איבער וועלכע יעדע כלה ציטערט.

אויף'ן הויף האט זיך געטומעלט. בריטשקעס זיינען אנגע־קומען, אפגעפאהרען. אלטע רבנים אין שטריימלעך זיינען גע־שטאנען אין א קופקע, זיך איינגעהערט צו א זקן, מיט א קלוג, איידעל פנים, וואו פון יעדען קנייטש האט ארויסגעשמייכעלט — אין כל חדיש תחת השמש. חסידים אין אטלעסענע קאפאטעס הא־בען שפאצירט שורות־ווייז, די גראבע פינגער אין די גארטלען, די קעפ פעררעסען. און ווען נישט די יונגע לייט מיט די מיידלעך וואס זיינען געזעסען אין די ווינקלען, וואלט מען געקענט מיינען,

אז דאס זיינען זיך חסידים צונויפגעקומען אויף ימים נוראים צום רבין.

אן עלטערער חסיד, מיט א ברייטען, סאמעטענעם קאשקעט איבער'ן אויער איז צו צו א קופקע יונגע־לייט, זיי געוויזען, אז ס'קליינע מקוה'לע, וואס מען האט קוים ארויסגעזעהן פון צווישען די צוצווייגטע נים־ביימער, הייצט זיך שוין. די יונגע לייט האבען זיך איינגעקוקט, געזעהן ווי שנירלער רויך ציהען זיך פון די צווייגען, ווערען דינער, ווי צודריוועלטע שטיקלאך וואלקען, זיך איבערגעקוקט מיט א וואוילערישען שמייכעל. דער חסיד מיט'ן קאשקעט האט עפעס איינגערוימט א יונגענמאן, אז אלע האבען געהערט. און אז דער עולם האט זיך הארציג צולאכט, האט ער ארייגנעלאזט א גראבען פינגער אין גארטעל, אראפגעלאזט דעם קאפ און א צופריעדענער געשמייכעלט:

— עה, איך מאך אז הלצה און איהר? — — נישט שעהן! ווי שטעהט דארט: „הכל יודעים למה כלה נכנסה לחופה...“ דעריבער?

די יונגע לייט האבען נאך הארציגער געלאכט און פארלעך־וויז זיך גענומען דרעהען ארום דער מקוה'לע.

בריינע מיט אן אריבערגעווארפען פארטוך מען זאל דאס אל־טע לייב נישט ארויסזעהן איז ארוים פון קיך א צופלאמטע, זי האט גענומען קוקען אין אלע זייטען, געזוכט און געשריען:

— שרה'קע! מען דארף דיך, שרה'קע! וואו ביזטו?

שרה'קע איז איהר אנטקעגנען געקומען.

— נו פרעג איך דיך — די נייטארין ווארט מיט'ן חופה קלייד און דו האסט געפונען א צייט צו שמועסען?

— די פריזירערין וועט מיר טאקע אפשערען די האר? — איז שרה'קע איהר אריין אין דער מיט.

— די שניידערין האלט דיך אין איין ארומזוכען, וויל דאס קלייד אנפאסען אויף דיר און דו — — —

— דאס וועט איהר נישט פועלן ביי מיר! — האט שרה'קע

גע׳טעה׳עט איהרם — כ׳וועל דאך אויסזעהן ווי אן אויסנעקראַ־כענע קאַץ!

— און דו לאָזט זי מיט א פול מויל שפּילקעס און אנט־לויפסט! צייט, צייט שרה׳קע צו ווערען א שטיקעל מענש!

— וואו איז זי, די פריזירערין? אין קיך?

— אז דו הערסט זיך ניט צומאל נישט איין וואָס כ׳רעד! — האט ברייגע זיך אפּגעשטעלט און צושפּרייט די הענד.

— ווער הערט זיך נישט איין? — האט שרה׳קע א שמייכעל געטהון — דו רעדסט וועגען חופה־קלייד.

— נעהמט נישט פאר אומגוט, פריילין — האט א מיידעל, אַן ארויסהעלפערין, מיט דרימען פאדעם איבער׳ן גאנצען קלייד, אננע־ריהרט שרה׳קען פאר אן ארבעל — די שניידערין דארף איהנען!

— אה — האט שרה׳קע זיך א כאפּ געטהון — כ׳געה שוין!

— טא געה שוין, געה! — האט ברייגע זי געטריבען פון זיך.

אויף׳ן הויף איז געווארען אלץ טומעלדיגער. די מחותנים זיינען געלאפען פון איין ווינקעל צום צווייטען, זיך געהיצט און פון אלע זייטען האט זיך בלויז געהערט:

— ווען וועט מען שוין געהן מקבל פנים זיין דעם חתן?

די פישערס האבען געהאלטען אין איין ברייננען זייערע ווע־געלעך, דער עולם זאל האבען אין וואס אנטקעגנען צו פאהרען דעם חתן. די געזעסען פון פרישע בונטען שטרוי, צוגעדעקט מיט געשטרייפּטע פלאכטעס, אלץ האט אויסגעזעהן ווי די פישערס וואלטען זיך געקליעבען אין „קאַשטשאל“ אריין.

מיטאג־צייט איז אריין אין הויף א שטאַפּעט און איידער ער האט אפּגעאָטהעמט האט דער עולם איהם אזוי ארומגערינגעלט, אז ער האט נישט געקענט אראָפּ פון פערד.

— וואס הערט זיך יוס׳ל? דער חתן פאהרט?

— מיר דארפען שוין אנטקעגנען פאהרען! — האט יוס׳ל זיך וויש געטהון איבער׳ן פנים און איבערגעלאָזט דארט זיינע

פינף פינגער — אבער באלד! איך האב זיי געלאזט ביי דער אל־שינע.

— מחותנים, מחותנים! מקבל פנים זיין דעם חתן! — האט זיך געהערט פון אלע זייטען.

— אין די פאדערשטע בריטשקעס די רבנים!

— וואו זיינען די רייטער?

— דער אמת'ער מחותן, וואו איז? ר'מרדכי מיין איך!

— נישט געשטופט, נישט געשטופט!

— אט קומען זיי!

— אמת'ע טערקען!

פון אלע זייטען הויף האבען זיך גענומען בעוויזען בחורים, איבערגעטהוענע ווי טערקען. אויף צוגאווע פערד, ביים ארוים־פאהר פון הויף איז אויסגעוואקסען א פאהן — דגל מחנה יהודה.

די רייטערס האבען זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטען פאהן אין צוויי לאנגע שורות און דעם חתן'ס מקבל פנים זיין האט זיך אנגעהויבען.

א פריהער אין בריטשקעס זיינען געפאהרען רבנים אין שווע־רע שטריימלעך, דערנאך מחותנים משפחה־ווייז. אז די בריטש־קעס זיינען ארריין אין וואלד, האבען די כלי זמרים א הויב געטהון די בוינענס און איבער'ן וואלד האט זיך צושאטען א פרעהליכעס. די אנטרייבער זיינען געווארען לעבעדיג, גענומען יאגען די פערד איבער'ן ברייטען, זאמדיגען וועג, האבען די פישער־וועגעלעך אי־בערגעיאגט די בריטשקעס, זיך באלד פערלוירען אין די וואלקענס שטויב וואס האבען זיך געלעגט איבער'ן וואלד.

דאס יונג־ווארג אויף די פערד האבען זיך צושאטען און יע־דער איז נאכגעריטען א וואגען וואו זיינס א בעקאנטע מיידעל איז געזעסען.

— א שעהנער חתן? — האט א מיידעל אויסגעדרעהט דעם קאפ צום רייטער און צוגעלעגט די האנד צום מויל די שטימע זאל זיך נישט פערלירען.

— אבי די כלה איז שעהן! — האט דער רייטער געענט־

פערט, א טרייב געטהון ס׳פערד אויף׳ן וואגען, אז ס׳מיידעל האט מיט א קוויטש זיך אויסגעבויגענע, אויסצומיידען דעם פערד׳ס מארדע.

— איהר פארהט דאך אויף מיר ארויף — האט ס׳מיידעל אויף איהם אנגעשטעלט א פאר אויגען, אז ס׳איהם ווארעם גע־ווארען.

— האט נישט מורא — האט דער רייטער זיך אויסגעגלייכט מיט׳ן וואגען.

פון שטויב האט זיך געהערט:

— כאטש, כאטש, כא—טש: נולה וסורה — — — — !

— פארט, פארט, פא—ארט: דמתה ל—תמר — — — — !

די פערד האבען זיך געטראגען גיכער, די אנטרייבער אויס־געבויגענע ווי זיי וואלטען געהאלפען שלעפען, האבען מיט אלע כוחות געוואלט איבעריאגען איינער דעם צווייטען און די כלי זמרים, ווי זיי וואלטען געווען צושאטען איבער אלע עקען וואלד האבען מיט אמאל א הויב געטהון די בויגענס און אלע ארום האט זיך צוזונגען:

— און ווידער א מעלה, און אבער א מעלה — — — — !

מיט אמאל האט מען אנגעהויבען אפשטעלען די פערד און איידער מען איז נאך געוואהר געווארען וואס עס האט פאסירט, האט מען שוין דערהערט:

— דרעהט אויס, דרעהט אויס, מאכט פלאץ פאר׳ן חתן!

די בריטשקעס, די וועגעלעך האבען זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטען וועג, דורכגעלאזט דעם חתן׳ס קאטש ארומגערינ־געלט מיט די בחורים אויף די פערד. די גאנצע צייט וואס די קאטש איז פערבייגעפאהרען האבען די כלי זמרים געשפיעלט א „דזשען דאברי“ און די לופט איז פול געווען מיט: „ברוך הבא, חתן, ברוך הבא!“...

— אז גאט העלפט און מען קען חתונה מאכען אזוי א קינד, איז זיך נישטא וואס צו שעמען — האט א ווייטער קרוב זיך אנגע־רופען.

— אז ר' דוד'ל ז"ל האט חתונה געמאכט די אינגסטע טאכ־
טער, זיינען אויך רייטערס געפאהרען מקבל פנים זיין דעם חתן —
האט אז עלטערער חסיד געקנייטשט דעם שטערען, ווי ער וואלט
זיך געוואלט עפעס דערמאנען — דארט זיינען נאך געווען מעהר
פעהנער! ס'איז געווען: דגל מחנה אפרים, דגל מחנה — —

— ס'איז א רבי'שער מנהג — האט א דריטער איבערגעריי־
סען — אין טשארטקאוו, זאגט מען, אז ס'איז א חתונה פיהרט
מען זיך קיסר'לעך! נאך דער חופה פאהרען חתן־כלה אין א
קאטש מיט גאלדענע האנטאבען, קיין עין הרע, אז עשירות דארט!

— פוילישע רביים פיהרען נישט אזא שטאאט! — האט דער
קרוב א שמייץ געטהון דאס פערדעל און געוואלט אויסדרעהען.

א בריטשקע איז אנגעלאפען, פארטשעפעט ס'ווענעלע, עס
שיער ניט איבערגעדרעהט און ביידע אנטרייבער האבען זיך אנגע־
קוקט ווי העהנער.

— וואס האט איהר זיך געשטעלט שמועסען אין מיטען וועג?

— מיר האבען צייט!

— יא צייט, נישט צייט, אבער אנטרייבען דארף מען קענען!

— מיר קענען!

— עסען, פעטער!

— דאס דארף מען אויך קענען — האט דער קרוב גלייכגילטיג
נענטפערט און ס'האט אויסגעזעהן, אז דאס וואס דער וואגען
מיט דער בריטשקע האבען זיך פארטשעפעט, אארט איהם נישט.

— וואס איז דאס? — איז אנגעקומען נאך א ווענעלע.

— וואס האבען זיי פאר שטעלט דעם וועג?

— הער, דו נעהם רעכטס!

— גיב א יאג ס'פערדיל!

דער אנטרייבער פון דער בריטשקע האט געזעהן, אז ער וועט
מיט דעם איד גארנישט מאכען, האט ער א ציה געטהון די לייי־
טשען און די בריטשקע האט זיך א רוק געטהון אויף צוריק.

די ווענעלעך מיט די בריטשקעס האבען זיך ווידער געיאגט
איבער'ן זאמדיגען וועג, געוואלט איינער דעם צווייטען איבעריא־

נען. ס'איז געווען שטיל, בלויז די שפּיצען פון די בוימער האבען זיך בעוואוינגען, און א פארשטיקט גערויש, ווי ס'וואלט געקומען דורך פארקוועטשטע ציינער, האט זיך געהערט פון וואלד.

דאס גערויש איז געווארען טעמפער, ווי דער שטויב ארום וואלט עס נישט דורכגעלאזט.

ברוך איז געזעסען מיט'ן רב, מיט זיין גמרא מלמד, געמאכט א מינע, ווי ער וואלט זיך איינגעהערט, וואס זיי ריידען און גאר נישט פארשטאנען. וואס נעהנטער די פערד זיינען צוגעקומען צום וואלד, אלץ אפגעהאקטער איז זיין אטהעם געווארען, די קניע האבען אנגעהויבען צו ציטערען פון פרייד. די משא וואס איז גע־לעגען איבער איהם, האט ביסלעכווייז אנגעהויבען נאכצולאזען און ער האט דערפיהלט, אז קיין זאך וועט ניט זיין פאר איהם צו שווער צוליעב שרה'קען. לאז ער נור איבערקומען די חתונה. דאס איז ביי איהם געווען דאס שרעקליכסטע. דאס בארעקענס, די חופה, די גאלדענע יויך, דאס מצוה־טענציל און — — — ער האט ווייטער נישט געוואלט טראכטען, בלויז געפיהלט, אז ער וועט עס שווין איבערקומען. האבען דאך חתונה א וועלט מיט מענשען. זיי־נע אייגענע ענטפערס האבען איהם נישט בעפריעדיגט, ווי שרה'קע וואלט געווען עפּעס אנדערש, ווי מען וואלט זי ניט געקענט פער־גלייכען מיט אנדערע כלות. נו, טאקע? זי איז כמעט מיט איהם ברוגז, זיך כמעט נישט געזעגענט מיט איהם ווען ער איז אוועק־געפאהרען, און דא מיר נישט, דיר נישט, וועט מען זיי איבער־לאזען אליין — — אזוי דארף נישט זיין! ניין! גלייך ווי זיי וועלען קומען איז הויף צריין געהט ער זי איבערבעטען. מען וועט איהם נישט צולאזען? פאר'ן בארעקענס זעהען זיך נישט חתן־כלה? די פרייד האט אנגעהויבען צו פארשווינדען און די משא וואס האט נור וואס נאכגעלאזט, האט איהם ווידער נעד־רוקט און פון פערדרוס און ווערטאג האט ער אזש פערמאכט די אויגען.

די פערד זיינען אריין אין קיהלען וואלד, זיך צוהירזשעט, ווי זיי וואלטען א קאלטען טרונק וואסער געטהון, געשמיסען מיט די עקען און אפגעווארפען מיט קאפיטעס שטיקער ווייכע ערד מיט מאך.

ס'איז געווארען קיהלער. פוןביידע זייטען וועג האט זיך געצויגען אן אלטער, געדיכטער וואלד. די ביימער זיינען געווען אזוי צואוואסען, אז די צווייגען פון ביידע זייטען וועג, האבען זיך אוש אנגעריהרט, נישט צונעלאזט די זון און זיך געפלאכטען איבער'ן וואלד, ווי א געוועלב. די זון האט זיך ערטערווייז פער־גנב'עט, זיך דורכגעבראכען א וועג און טיעף אין וואלד האבען זילבערנע זיילען פלינעלער זיך געוויעגט, זיך אויפגעהויבען אי־בער די ביימער. ס'איז געווען שטיל. ווען נישט ווען האט זיך א פוינעל צופייפט. און איידער ברוך האט צייט געהאט עפעס איבערצוטראכטען איז די קאטש אריין אין הויף.

ווייבער זיינען אנטקעגען געקומען מיט לעקעד און בראנפען און איידער וואס ווען האט מען א כאפ געטהון ברוך'ן אונטערן ארעם און איהם געפיהרט וואו דעם חתן'ס צד איז איינגעשטאנען. פארבייגעהענדיג די וועראנדע האט ברוך א צאפעל געטהון — שרה'קע איז געשטאנען אין פענסטער.

מען האט חתן־כלה איבערגעלאזט אליין ביי א סערווירטען טיש. ברוך האט זי אנגעריהרט מיט א פינגער ביים ארבעל, ווי ער וואלט מורא געהאט זי וועט ניט הערען, און הויך א זאג גע־טהון:

— מזל טוב, שרה'קעלע!

— מזל טוב — האט שרה'קע זיך צולאכט און אפגעאטהעמט, ווי זי וואלט געווען צופריעדען וואס מען האט זי אויף א ווײלע געלאזט אליין.

— ווי איז דיר געגאנגען דער תענית? — האט ברוך א גליק־ליכער געשמייכעלט און איהר אונטערגעטראגען א טעלעריל איינ־געמאכטס מיט טארט — נא, ביים איבער!

שרה'קע אין איהר ווייס־זיידענע חופה־קלייד, וואס האט לויז געהאנגען פון די אַקסלען און זי געמאכט אויסזעהן בויגינגער און העכער. די לאַנגע, ברייטע וואואל נאכלעסיג פערוואָרפען אַרום דעם ווייסען אויסגעבויגענעם האלז און די גירלאַנדע פון בלעטער אויף'ן שוואַרצען קאָפּ האָר. אַלץ האט איהר צוגעגעבען אַזאַ רייכ־קייט, אַז יעדער, ווער עס האט זי נאר געזעהן, אַפּילו אידען זקנים האבען זיך אָפּגעשטעלט, ווי אין די אַלטע אויסגעריבענע מוחות וואלט עפּעס אויפגעבליצט און פערגאַפּטע זי אָנגעקוקט. זי איז אין איהרע חופה־קליידער ווי עלטער און רייפער געוואָרען און ברוך האט געבען איהר אויסגעזעהן ווי אַ אינגעל וואס וויל אויס־זעהן עלטער, טוט ער אָן דעם פאטער'ס קאפּאָטע און שטריימעל.

שרה'קע איז דעם גאַנצען אבענד געווען אַזוי גלייכגילטיג, ווי ניט זי וואלט חתונה געהאט, נור איהר'ס עפּעס אַ נאָהנטע קרובה. ווער עס האט זי גערופען טאַנצען, איז זי געגאַנגען, אַז די מחותנת'טע, ברוך'ס מאַמע, האט איהר אַזש אויסגערעדט, דאָס פאַר אַ כלה פּאַסט ניט אַזוי פיעל צו טאַנצען. פאַר'ן בעדעקענס, ווען דער בדחן האט זי גענומען בעזינגען און די ווייבער האבען זיך צעוויינט, האט שרה'קע זיך אַזוי צולאַכט, אַז בריינע האט איהר געמוזט פערמאַכען ס'מויל מיט אַ טיכעל. און אַז ברוך איז אַריינגעקומען מיט צוויי רבנים בעדעקען די כלה, האט שרה'קע איהם בעגריסט און געגעבען די האַנד:

— ווי געפעלט דיר עפּעס די כלה?

ברוך האט זיך פערלוירען, ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען, און ווען ניט די רבנים, וואס האבען איהם גלייך אַ כאַפּ געטהון אונטער די אָרעמס, ווייס איין גאָט וואו ער וואלט זיך פון בושה אַהינגעטהון.

ער האט זיך זעהר געשראָקען שרה'קע זאָל עפּעס נישט אָפּ־טהון אונטער דער חופה, געשטאַנען מיט פאַרשטעלטע אויגען, נישט געהערט ווי דער רב האט געלייענט די כתובה, בלויז גע־דענקט ווי זיין קול האט געציטערט ביים „הרי את", זיך פער־פּלאָנטערט, אַז די אַרומיגע האבען איהם געמוזט אַרויסהעלפען.

ער האָט זיך נעפיהלט אַזוי קליין און נישטיג אין שרה'קעס נע־נענוואַרט. נעליטען וואָס ער איז אַזוי פיזיש שוואַך, נישט גע־הערט די ברכה איבער'ן וויין. זיך זעהר געשראָקען, אַז ער וועט דאָס גלעזיל נישט קענען צוברעכען און געווען זיכער אַז באַלד וועט זיך אַזאַ זאַך אַפּשפּיעלען, וואָס קיינעם פון די אַרומיגע הויבט זיך נישט אָן צו חלום'ען. ער האָט מיט'ן גאַנצען כח אַראָפּ־נעלאָזט דעם פוס אויף'ן גלעזעל, אַז די שטיקלעך האָבען זיך צר־שפּריצט אין אַלע זייטען, זיך עטוואָס בערוהיגט און נישט באַ־מערקט ווי די יונגע־לייט האָבען געשמייכעלט.

שרה'קע האָט זיך געלאָזט אַרומדרעהען זיעבען מאָל אַרום דעם חתן, נעבליעבען שטעהן אַ גלייכגילטיגע, געקוקט יעדען אין די אויגען, נעפּאַלגט וואָס מען האָט איהר געהייסען און אַז די מוהמע גיטעל האָט איהר פאַרשטעלט די אויגען מיט אַ טיכעל, האָט זי זיך פערדרויטעלט און געהאַט דאָס געפיהל ווי מען וואָלט זי פאַר אַלעמען אין די אויגען גענומען אויסטהון אַ נאַקעטע. די גאַנצע צערעמאָניע האָט ביי איהר אויסגעזעהן ווילד, אַז אַפּטר־מעניש, ניט פערשטאַנען ווי ר'נאָר אַז איינענער טאַטע קען זי צונויפּפּאָרען מיט אַ מענשען, וואָס איז איהר פרעמד און אַליין נישט נעוואוסט פאַר וואָס עס האָט זיך איהר אַ פּאָר מאָל אויס־נעדאַכט, אַז צווישען עולם איז דאַ וואָלאָדקע. ווען וואָלאָדקע וואָלט געקומען וואָלט זי נלייך פון אונטער דער חופּה אַנטלאָפען. נו טאַקע, ברוך איז דאָך איהר אַזוי פרעמד! דאָס קדושין פינגער־ריל, וואָס ער האָט איהר נאָר וואָס אָנגעטהון, קען זי יעדע רגע אויסטהון און זי איז צוריק פריי.

די כלי זמרים האָבען אַ כאַפּ געטהון די פיעדלען צו די גאַמ־בעס און אַ פרעהליכס האָט זיך צושאָטען איבער'ן הויף. פון אַלע זייטען האָט זיך נעהערט — מזל־טוב, כלה! מזל־טוב!

שרה'קע האָט נישט געוואוסט מיט וועמען זי קושט זיך, מע־כאַניש זיך נעבויגען און יעדע ווילע געפיהלט אויף'ן מויל, אויף די באַקען אַ פּאָר אַנדערע ליפּען. זי האָט דערהערט אַ בעקאַנטע שטימע, זיך אויסגעדרעהט, געווען זיכער, אַז דאָס איז וואָלאָדקע'ס.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט — איהם נישט געזעהן. די מחותנת.טעס האָבען זי גענומען אונטער'ן אָרעם און מיט געזאַנג און טענץ זי נע־פיהרט אין שטוב אַריין.

שרה'קע האָט זיך אומגעקוקט, ווי זי וואָלט איצט ערשט אויס־נעפונען אַז זי געפינט זיך מיט ברוך'ן אַליין און זיך געוואונדערט וואָס דאָ קומט פאָר.

די טהיר האָט זיך לייכט געפענט און אַ קוסט מיט ווייסע רויזען, אויסגעריסען מיט די וואָרצלען האָבען זיך געזעהן. פון די רויזען האָט אַ ווייך קול זי בעגריסט:

— מזל־טוב!

שרה'קע האָט זיך איינגעקוקט, דערזעהן וולאַדעקס שוועסטער און איהר אַנטקעגנען נעגאַנגען. זיי האָבען זיך לאַנג צוקושט.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — האָט זי שרה'קע געפרעגט און איהר גענומען אויסטהון דעם שאַל, פערשטויבט פון וועג.

— כ'בין געקומען פונקט צו דער חופּה.

— אַליין?

זי האָט באַלד נישט געענטפערט און אַראָפּגענומען דעם זיי־דענעם שאַל:

— יאָ — — — איך אַליין.

— אַ דאַנק פאַר די בלומען — האָט שרה'קע אַ שאַקעל גע־טהון מיט'ן קוסט רויזען — די שעהנסטע בלומען וואָס כ'האָב היינט געקראַגען...

— וולאַדעק האָט זיי נור וואָס אָפּגעריסען...

— וואָס, ער איז נישט צוריקגעפאָהרען נאָך וואַרשאַ? ער דאַרף די טעג פאָהרען.

די מחותנים האָבען איבערגעריסען דעם שמועס, אָנגעהויבען צו כאַפּען „שירים". פערזוכט די „גאָלדענע יויך" און אַריינ־געפיהרט חתן־כלה צו די געגרייטע טישען.

שפּעט אין אָבענד נאָכ'ן עסען האָט מען צונומען די טישען, באַזעצט חתן־כלה און דער מצוה־טאַנץ האָט זיך אָנגעהויבען.

דער עולם איז שוין געווען מיעדלאָד פון טאַנצען, פון לאַ

כען, מען האט זיך שוין מעהר נישט איינגעהערט צו די הייזעריגע בדחנים, צו די דורכגעווייקטע כלי־זמרים, מען האט זיך געהאלטען אין איין רוקען צו די אפענע פענסטער, צו די אויפגעפראלטע טיה־רען, וואו א ווינטעל איז יעדע ווייle אנגעקומען פון די לאנקעס, פון וואסער.

בלויז עטליכע פעטערס האבען זיך נאך געפלאנטערט קופקעס־ווייז און ווי א פייעריל וואס האלט ביים אויסגעהן, טהוט זיך א צופלאקער, אזוי האבען די פעטערס יעדע ווייle זיך צוטאנצט ווילד, קלאפענדיג מיט די אפצאסען, אריינגעכאפט ווער עס איז נור אונטערגעקומען אונטער די הענד, האט עס געמענט זיין א באבע, א ווייבעל, אפילו א מיידעל און דער ארומיגער עולם האט זיך נעשטיקט פון געלעכטער.

שרה'קע מיט די גירלאנדע ארום די שווארצע האר, מיט די אויגען וואס האבען געקוקט אידיש צוריקגעהאלטען, מיט דעם קוסט ווייסע רויזען, אויסגעריסען מיט די ווארצלען אויף דער האנד האט אויסגעזעהן ווי א פערבלאנזשעטע "וואלד־ליעבע" און וואס שפעטער אין דער נאכט אריין, אלץ שעהנער איז זי נע־ווארען.

דעם עלטסטען רב, א גראהען זקן, האט מען מכבד געווען מיט'ן ערשטען רקוד. ער האט ארויסגעשלעפט א קאלירטע פא־טשיילע, זיך געטרייסעלט און זיין גראהע שיטער בערדיל האט נע־ציטערט.

שרה'קע איז איהם אנטקעגען געגאנגען. דעם קאפ פעררייסען, פון דער גירלאנדע האט ארויסגעקוקט א ווייסע רויז, די אויגען ווייך און פערפיהרענד און אין גאנצען האט זי אויסגעזעהן ווי ס'וואלט איהר הנאה געטהון וואס דעם ערשטען טאנץ נעהט זי מיט א זיבעציג־יעהריגען זקן.

דער אלטער רב איז לעבעדיגער געווארען, דערמאנט אז אזוי דארף אויסזעהן אז אראבישער „שייך", ווען ער געהט אין הא־רעם אריין ס'ערשטע מאל אנקוקען זיין אינגסטע ווייב, וואס ער האט זיך איינגעהאנדעלט פאר שווערע געלד. דער רב האט פעו־

קוועטשט איין אויג, מיט'ן צווייטען האט ער פון א זייט גע־קוקט אויף שרה'קען, וואוילעריש פאַרגאַנדערגעוואָרפען זיין קאַ־לירטען שניץ־טוך, האט זי מיט א בויג אָנגעכאַפּט פאר א שפּיץ און דער טאַנץ האט זיך אָנגעהויבען.

דער אַלטער האט עטוואס פערבויגענע זיין זיידענע קאַפּאָטע צוגעקלאַפּט מיט איין פוס, דעם אַנדערען נאָכגעשאַרט צום טאַקט דער פידעל און ס'האט אויסגעזעהן, אז ער וויל געפעלען דער כלה. שרה'קע האט זיך אין גאַנצען פערגעסען, געריידט מיט איהרע פּלייצעס, מיט'ן בויגיגען קאָפּ האר, וואו די גרינע בלעטער פון דער גירלאַנדע, די צופּאָטעלטע לעפּלעך פון דער רויז, וואס זיינען געפאַלען איבער די אַקסלען, האבען איהר צוגעגעבען די פרישקייט פון די וועלדער. זי איז איבערגעגאַנגען פון איין רב צום צווייטען און די גלייכגילטיגע אידען, טרוקענע ווי אַלטע פאַר־מענט, זיינען אויפגערוימטער געוואָרען און א פערבאָרגענע שעהנ־קייט האט דורגענעסען דעם זשאַווער פון יאהרען און זיך צולעגט איבער זייערע בעוואַקסענע פּנים'ער. כמעט אַלע אַנריהרענדיג דאס טיכעל, זיינען ווי דורך א כשוף, אינגער געוואָרען.

שרה'קע האט ס'ערשטע מאָל אין איהר לעבען דערפיהלט אז אַלעמענ'ס אויגען פון יונג און אַלט וואַרטען אויף איהרם א בליק און זי געוואָרען קאַפּריזנער און שעהנער, געפּיהלט ווי זי הויבט זיך איבער אַלעמענס קעפּ, וואַקסט און וואַלט צו יעדער צייט געקענט שפּיעלען די ראָלעי פון שבתי־צבי'ס שרה, וואס האט מיט איהרע אויגען און האר פערפיהרט א וועלט מיט אידען לומדים.

דער עולם איז נישט איינגעשטאַנען. דער איינפאַכער טאַנץ האט אוועקגענומען די מיעדקייט, געמאַכט די פּיס לייכטער האַ־בען די יונגע־לייט זיך געשאַרט צו די ווייבער, געוואָרען אויפ־גערוימטער, מיטגעטאַנצט און קוקענדיג אויף שרה'קען האבען די פאַרלאָר זיך איינציגווייז אַרויסגעשאַרט, זיך בעזעצט איבער'ן הויף, אין וואַלד.

דער מצוה־טאַנץ איז אָנגעגאַנגען ביז א שטיק אין דער נאַכט,

געמאכט פון אלט יונג, פון יונג פערשיים און קיינעם איז נישט איינגעפאלען, אז די אלטע רבנים וואס האבען צעהנדליג הונדערטער יאהרען איבערגעגעבען פון טאטע צום זוהן אז „קול באשה ערוה", געפיינינגט דעם קערפער, די זעלבע אידען האבען נאך ביי היינטיגע צייטען געקענט האבען אזא טאנץ.

שרהקע האט אראפגעווארפען פון קאפ די גירלאנדע, אויסגעטהון דאס חופה־קלייד, וואס איז געבליבען ליגען ארום איהרע פיס ווי א בייגעל, עטליכע מאל זיך דורגעגאנגען איבער'ן פינסטערען צימער, וואוהין מען האט זי אריינגעלאזט און געפיהלט, אז עס פעהלט איהר אטהעם. זי האט געעפענט ס'פענסטער. א שארפער ריח פון פריש געשניטען גראז האט איהר א שלאג געטהון אין פנים אריין. צווישען די ביימער האבען צווינגלער געקנאקט. זי האט זיך איינגעהערט, דורכגענומען מיט שרעק און נייגעריגקייט, געזעהן ווי אימיצער בעוועגט זיך צווישען די בוימער, איהם דערקענט. פארגעסען אז ברוך קען יעדע מינוט אריינקומען, געמאכט מיט דער האנד ער זאל זי דערזעהן. קיינער האט זיך נישט בעוויזען. ס'איז געווען אן ארומגעהאקטער ביים. פון פערדרום האט זי גענומען רייסען די ווייסע ראזען. כמעט נישט געפיהלט ווי די שטעכערם בלוטיגען די פינגער, געריסען די לעפלעך, זיי צוקוועטשט און שפרייזענדיג צושאטען איבער דער פאדלאגע. זי איז געבליבען שטעהן ביים געבעטען בעט. וואס איז אזש געווען קיהל פון פרישקייט און זיך דערמאנט אז איהר'ס א שוועסטער קינד וועמען מיידלעך־קרובות האבען אויף דער נאכט פון דער חתונה אפגעטהון א שפיצעל און אריינגעלעגט אין בעט אריין א ליאלקע גרוים ווי א מענש. זי האט א שאר געטהון מיט דער האנד איבער'ן בעט און זיך הארציג צולאכט.

א מיעדע האט זי אראפגעווארפען די קליידער און דאס בעט האט אונטער איהר א קרעכץ געטהון.

ברוך איז אריין. ער איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר ווי אן אורח, וואס קומט בעטען א נדבה, ווארט מען זאל איהם צורו־

פען און פרעגען וואס ער וויל. שרה'קע האט איהם נישט גע־רופען. זי איז געווען בייז אויף זיך פארוואס זי רופט איהם נישט, געפיהלט ווי די ווערטער שטעהען ביי איהר אויף דער צונג, די קלענסטע אנשטרענגונג און ער שטעהט נעבען איהר און אין דער זעלבער צייט האט איהר פערדראסען פארוואס ער איז אזוי שעמעוודיג, אז א מאן וואס קען אליין נישט נעהמען וואס ס'קומט איהם, — דארף זי איהם נישט.

— שלאפסט, שרה'קע?

זי האט געזשמורעט מיט די אויגען, ווי זי וואלט מיט אן אמת אויפגעקומען פון שלאף, איהם מאדנע אנגעקוקט, ווי זי וואלט זיך גע'חידוש'ט וואס ער טהוט דא, געוואלט זאגען ער זאל זיך זעצען און אפגעהאקט א פרעג געטהון:

— ווילסט עפעס?

דער ענטפער האט ברוד'ן אפגעגאסען מיט אזא קאלטקיים, אז ער האט נישט געוואוסט וואס צו טהון מיט זיך. דער אנגענעמער ציטער וואס האט איהם בגנבה צוגעפיהרט צו שרה'קען איז פערשוואונדען און ער האט זיך נאך קיינמאל נישט געפיהלט אזוי פרעמד אין איהר נעגענווארט ווי איצט. ער האט זיך אפגערוקט עטליכע טריט אויף צוריק און געבליבען שטעהן אין מיטען צימער ווי א פערלוירענע קינד, וואס א מוטער נעהמט מיט אויף א יריד און עס פערבלאנזשעט. ביי דעם אבצעהן יעהריגען בחור איז נישט קלאר געווען וואס דא דארף פארקומען, וואס מען וויל פון איהם. ער האט זיך דערמאהנט אז איידער מען האט איהם דא אריינ־געלאזט, האט דער רב איהם אוועקגענומען אן א זייט, אויפ־געמיישט עפעס א ספר און געהייסען איבערקוקען. ער האט עט־ליכע מאל איבערגעקוקט דעם פלאץ, געכאפט אז ס'האנדעלט זיך וועגען איהם און שרה'קען, זיך ארומגעקוקט א נישט דרייסטער צי דער עולם קוקט נישט אויף איהם, זיך געדרויטעלט און נישט געגלויבט אז דאס אלץ וואס זיינע חברים פלעגען איהם דערצעהלען זיצענדיג ביי דער גמרא, דארף איצטער פארקומען מיט איהם. מעשיות, איינע גרעבער ווי די צווייטע, זיינען איהם געקראכען

אין קאפ אריין און וואס שטארקער ער האט זיי געוואלט פער־טרייבען, אלץ פעסטער האבען זיי זיך געוועבט ארום איהם, נובר געווען די בושה און ער האט געזינדיגט אויס צער.

שרה'קע האט זיך געדרעהט אין בעט, ווי די נכפה וואלט זי געגעסען, געווען זיכער אז זי וועט איהם שוין נים צורופען, לאז ער שטעהן דער „שלומיאל" אזוי א גאנצע נאכט. און צו־ריק נערעדט וואס וועט זי דא געווינען? ווען ער וואלט נישט געווען אזא שעמעוודיגער, אזא שוואכער, א מענש וואס קען קיין הויך ווארט נים ארויסרעדען, זעהט א הינטעל נעהט ער אן א זיים, א קינד קען דאך ביי איהם געווינען, טא צו וואס די גאנצע שפיעל? און פון דעסטוועגען האט זי זיך איינגעביסען מיט די צייהן אין דער אייגענער האנד, זיך אויסגעדרעהט און בעשלא־סען צו שלאפען.

ברוך איז נעשטאנען אין מיטען צימער ווי א גנב, וואס שטעלט זיך אפ ביים קלענסטען שארך. האלט איין דעם אטעם אוןווארט ס'זאל ווידער שטיל ווערען. ער האט געזעהן ווי זי דרעהט זיך אוים, האט עס איהם פארקלעמט אונטער'ן הארץ. ער איז צוגע־גאנגען אויף די שפיץ נעגעל צו דער טהיר און זיך נעזעצט אויף א קופערט.

עס איז געווארען פינסטערער — די לבנה האט זיך בעהאל־טען אונטער'ן וואלד. ברוך האט זיך געדרעהט אויף'ן קופערט, גענומען דעם קאפ אין די הענד, איהם אנגעשפארט אן דער וואנד, זיך איינגעקוקט. איהם האט זיך געדאכט אז אימיצער ליעגט ביי שרה'קעם בעט. ער האט אויפגעציטערט, מורא געהאט צו קוקען אהינצו, צונויפגענומען אלע כחות און גענומען נעהן צום בעט. ער האט אפגעטאפט — שרה'קעס חופה־קלייד וואס איז געלעגען ביים בעט האט אויסגעזעהן ווי א ווייסער מענש. ברוך'ן איז דער־עפען געווארען צו זיצען. ער האט אנגעשפארט דעם קאפ אן דער וואנד, אויסגעפונען אז עס איז הארט, אז ס'קוועלט איהם און פונקט ווי איינער, וואס כאפט זיך ביינאכט אויף מיט א צאהן־וועהטאג, דרעהט זיך און מיינט אלץ, אז אזוי איז לייכטער, פונקט

אזוי האט זיך ברוך געדרעהט. אלץ אין איהם האט געוואלט שלאָ־פען און פון פערדרוס וואס ער שלאפט נישט, איז ער בייז געוואָרען אויף שרה'קען, אפגעמאכט אז ער מוז זי אויפוועקען. לאז זי נישט מיינען אז די וועלט איז הפקר, זי איז זיין ווייב און מיט א מאַן ווארפט מען זיך נישט!... ער האט געהאט טויזענדער פלענער זי אויפצואוועקען, אז ער קען נישט שלאפען דארף זי אויך נישט און וואס טיעפער ער האט זיך גענומען פלאנטערען, און וואס שטארקער ער האט געפלאנט זי אויפצואוועקען, אלץ רוהיגער איז ער געווארען. דער וועהטאג וואס ער זיצט אליין איז אוועק און ער איז אויף די נעגעל צוגעגאנגען צום בעט, זיך איינגעקוקט אין שרה'קען, זיך אריבערגעבויגען, ברייטער געעפענט די אויגען און ס'מויל, האט שרה'קע אין שלאף דערפיהלט זיין בליק און זיך אויפגעכאפט:

— ווער איז דאס?

זי האט זיך אויפגעזעצט, אנגעכאפט ברוד'ן ביי א האנד. זיך דערמאנט אז דאס האט זי נור וואס חתונה געהאט, אז ברוך שטעהט שוין אזוי לאנג, גאנץ לאנג, און מיט א זיפץ זיך צוריק אוועקגעלייגט:

— וואס גיהסטו ניט שלאפען?

— וואו זאל איך שלאפען? — האט ברוך א ציה געטהון מיט די אקסלען, ווי ער וואלט אין דעם אלעם געווען שולדיג.

זי האט נישט געענטפערט, זיך אויסגעדרעהט צו דער וואנד.

— שרה'קע...... שלאפסט? שרה'קע... האט ער זי אנגעריהרט מיט א פינגער — וואס טרייבסטו מיך?

זי האט ניט געענטפערט.

אויב דו ווילסט, זאג, געה איך ארויס! כ'ווייס, דו האסט מיך פיינד! אז דו האסט ליעב א צווייטען צו וואס האסטו מיט מיר חתונה געהאט? קיינער האט דאך דיך ניט גענויט!

— כ'האב קיינעם נישט ליעב — האט שרה'קע שטיל גע־ענטפערט און זיך נישט אויסגעדרעהט.

— ... ... דיין הײַנט בייז?

— ווער איז ביין?

— דו!

— כ'בעט דיך, לאמיך איצט צורוה, כ'בין מיעד! געה בע־סער שלאפען! מיר וועלען זיך מארגען אויסשמועסען!

— כ'האב נישט וואו? — האט ברוך צושפרייט די הענד.

שרה'קע האט נישט געענטפערט.

ברוך האט נישט אפגעטראטען, געווארט שרה'קע זאל עפעס זאגען. ער איז מיעד געווארען, זיך איבערגעשטעלט פון איין פוס אויף'ן צווייטען, נעגעבען אנצוהערען מיט זיפצען אז ער שטעהט נאך און עטליכע מאל אויסגעשטרעקט א האנד, זי געוואלט אנ־ריהרען.

שרה'קע האט זיך עטוואס אונטערגעהויבען, איהם אנגעקוקט מיט אזא גלייכגילטינקייט, ווי זי וואלט געזאגט — וואס שטעה־סטו איבער מיר? זי האט אריבערגעצויגען דאס ליילעך איבער'ן קאפ און זיך אויסגעדרעהט.

ברוך'ן האט פערקלעמט אונטער'ן הארץ און א באליידיגטער ביז צו טרערען האט ער דערפיהלט אז דאס צימער ווערט איהם ענג, געוואלט וואס גיכער ארויס פון דארט. ער האט זיך גענומען גנב'ענען אויף די שפיץ פינגער, ביים קלענסטען שארך געבליבען שטעהן, ווי א גנב, אהן אטהעם, און זיך איינגעהערט ביי דער טיר צי מען שלאפט. ס'איז געווען שטיל. בלויז פון ווייטע צימע־רען האט זיך געהערט א שווער שנארכען. ער האט א שטופ געטהון די טהיר און זיך געכאפט אז חתן־כלה שליסט מען אפ. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז עס איז עק וועלט, זיין לעבען איז מעהר גאר ניט ווערטה און צומיינסטען האט ער זיך געשראקען פאר דער מוטער — ווי וועט ער זיך ווייזען פאר די אויגען אז זי וועט מארגען איין דער פריה אריינקומען? ער האט זיך צוריקגעזעצט אויף'ן קופערט, נישט געוואוסט פאר וואס די אלע צרות קומען איהם און געווען זיכער אז קיין אומגליקליכער ווי ער איז גאר נישטא.

פון די לאנקעס האט זיך געטראגען א קיהל ווינטעל, דורכ־

געלאָפֿן דעם צימער מיט אַ רויש, מיטגעשאַרט די אָבגעריבענע ר׳יזען־לעפֿלער און ביים ערשטען אײנענבליק האָט זיך געדאַכט אַז פֿייגעלער פֿאַטשען מיט די פֿליגעל.

ברוך האָט אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַן דער װאַנד, זיך אײנגעהערט װי די גרילען װערען ניט מיעד איבערצו׳חזר׳ען זײער טיורק־טיורק, װי װאַסער װאָלט געקאַפּעט, געהערט װי זשאַבעס קוואַקען הײזעריג, זאָגען אַז אַז דער זומער ענדיגט זיך, איז איהם פֿון בלויזען געדאַנק, אַז ער װעט מוזען אַזוי אָפּזיצען אַ גאַנצע נאַכט, אַזש קאַלט געװאָרען. ער האָט אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם זײגער, זיך לאַנג אײנגעקוקט, גיך מיעד געװאָרען און זיך דערמאַנט אַז אַזוי איז ער אָפּגעזעסען אַ גאַנצע נאַכט ביי זײן פֿעטער, װען יענער איז געשטאָרבען. אַז ער איז געקומען צום פֿעטער האָט ער נאָך געלעבט, געהאַלטען אַ תהילים׳ל, געקוקט דורך מעשענע שפּאַקולען, װאָס זײנען געלעגען אויף דער שפּיץ נאָז און קוים אונטערגעברומט. ברוך האָט גענומען פֿון טיש אַ ספר׳ל און אַרײנגעקוקט. מיט אַ מאָל הערט ער װי דער קראַנקער רופֿט איהם.

— ברוך, ברוך, זאָג לאה׳ן זי זאָל מיר געבען אַ שטיקעל געפּילטע פֿיש — — ס׳האָט מיר עפּעס אַזוי פֿערשמעקט — —

ער איז אויפֿגעשפּרונגען, געזעהן װי דער קראַנקער קוקט מיט׳ן רעכטען אויג אויף איהם, האַלט זיך ביים פֿונאַנדערװײנען. מיט׳ן לינקען קוקט ער אויף דער װאַנד, װי ער װאָלט געשמײכעלט. האָט ער זיך דערשראָקען און איבערגעפֿרעגט:

— װאָס װיל דער פֿעטער?

— גאָר־נישט, גאָר־נישט — — זײנען די אויגען זיך צונויפֿגעקומען, געקוקט אויף דער שפּיץ נאָז, װאָס איז לענגער און בלאַסער געװאָרען.

ברוך האָט צוריק גענומען דאָס ספר׳ל און מעהר נישט געקענט אײנזיצען. ס׳איז איהם עפּעס ניט געפֿעלען װאָס דעם קראַנקען האָט זיך מיט אַמאָל געװאָלט געפּילטע פֿיש און דוקא די מוהמע לאה, װאָס איז שוין יאָהרען טויט, זאָל אים געבען. ער האָט אַ הויב געטהון דעם קאָפּ און דערזעהן אַ פּאָר צושראָקענע אויּ־

ען, ווי ביי איינעם וואס מען גיט איהם א שטארקען קלאפ איבער'ן קאפ. די אויגען זיינען געווארען ווילדער. זיך איינגענעסען אין איהם ווי ענגבערס, איהם צוגענגעלט צום בענקעל, פאראליזירט. פון גרוים שרעק האט ער צומאל ניט געקענט שרייען, געפיהלט אז דאס איז א מלחמה אויף טויט און לעבען, אז דעם קראנקענס בליק ווערט שארפער, שארפער, בריהט, פערגליווערט אין איהם דאס בלוט, נאך א רגע און ס'הארץ וועט זיך ביי איהם ארויס־שפארען פון קאסטען, פלאצען. ער האט מעהר קיין כח געהאט אויסצוהאלטען דעם קראנקען'ס בליק, געזעהן רעדער פון די אוי־גען. די אנגשטרענגקייט האט נאכגעלאזט, צעשוואומען און ער האט זיך דערמאנט אז דעם פער'משפט'ען צום טויט דורך הענגען, וועמען מען האט פאר דער גסיסה צוגעבונדען צו א קלאץ, אוועק־געלעגט פאר איהם א פריש געבייטעלט ברויט, האט דער הונגע־ריגער זיך אזוי איינגענעסען מיט'ן בליק אין לאבען, ביז ער איז אויסגעגאנגען און ס'ברויטעל איז שווארץ געווארען.

אז אפגעגאסענער פון שוויס האט ער זיך א הויב געטהון, ניט געגלויבט אז ער האט זיך בעפרייט פון קראנקען'ס בליק, זיך א לאז געטהון צו דער טהיר און מיט ניט קיין מענשליך קול גע־וואלט בערוהיגען דעם קראנקען:

— כ'שיק גלייך אריין די מוהמע לאה!

אז ער איז צוריקגעקומען מיט נאך אידען, איז שוין דער פע־טער געווען טויט.

ברוך האט זיך גע'חידוש'ט וואס פונקט אין דער נאכט פון זיין חתונה קומען איהם אזעלכע מעשיות אויף'ן זינען. ער האט זיך איינגעטוליעט, פערמאכט די אויגען. ניט געוואלט מעהר טראכטען דערפון, און ווי אויף־צו־להכעיס האט ער דערזעהן אז אפענעם תהילים'ל מיט געלע פלעקען פון טאבעק און טרערען. אויף די בלעטער זיינען געלעגען א פאר מעשענע ברילען, מיט א פערלאפען־צושפאלטען גלעזעל, ווי אז אונטערגעהאקט אויג.

ס'איז איהם קאלט געווארען. ער האט זיך אויסגעצויגען אויף'ן קופערט און דערפיהלט די ווארצלען פון די איינענע האר־

דורכ'ן אפענעם פענסטער איז אריין א ווינטעל, מיטגעבראכט א טוכלען ריח פון אויסגעלאשענע ליכט און צופאלעקייט, ווי דער ריח פון טויט. פון אונבעהאלפענקייט און שרעק האט ברוך זיך צעוויינט אהן טרערען, געפיהלט ווי ביסלעכווייז ווערט אלץ ביי איהם אפגעטעמט, געבליבען ליגען מיט אן אראפגעלאזטען, צע־וויעגטען קאפ, ווי א שטום פערד בלייבט שטעהן מיט'ן וואגען אונ־טער א רעגען, קוקט טעמפ און רחמנות'דיג ווי דער רעגען פאטשט איהם אין דער מארדע אריין.

דער הארטער קופערט האט איהם א ציה געטהון, האט ער זיך נאך שטארקער איינגעטוליעט, געפיהלט ווי ווייט, ווייט ציהען זיך פעדים, גלעטען איבער די הענד, איבר'ן פנים, ווי ער וואלט געגאנגען צווישען צוויי פעלדער מיט צייטיגע זאנגען. אין זיין פערדרימעלטען מח האט די חתונה, דער מצוה־טאנץ מיט אלע קלייניגקייטען יעדע ווייל זיך א צינד געטהון, ווי דאס וואלט ניט פארגעקומען איצט, נור מיט יאהרען, יאהרען צוריק, ווען ער איז נאך א קינד געווען און געווען אין ספק צי ער געדענקט עס טאקע, צי עס איז געבליבען ביי איהם אין זכרון וואס אנדערע האבען דער־צעהלט.

דאס ערגערניש, דאס אנגעצויגענקייט ביז טרערען איז אוועק און ס'איז איהם לייכטער געווארען. דער פעטער האט איהם אפער־געפיהרט פון הינטערן טיש, ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף זיי־נע אקסלען, געקוקט ווא פאר זיך פון די מעשענע שפאקולען, וואו איין גלעזעל איז געווען דורכגעבראכען אין דער מיט אין דינע שפעטעלער, ווי ארערלער, האבען זיך געצויגען ארום און ארום דעם רעמיל און געמאכט אויסזעהן ווי ס'וואלט געווען אונטערגע־שלאגען. האט ברוך זיך געכאפט אז דאס וואס דער פעטער איז געשטארבען האט געמוזט זיין א חלום און פון גרוים שמחה נישט געהערט וואס ער רוימט איהם איין.

— נו, פארשטעהסטו.

— וואס ?

— נעה שוין, נעה, הערסט זיך צומאל נישט צו וואס מ'רעדט

צו דיר! איך פארזיכער דיך אז ס׳וועט דיר אסור אנטלויפען און מען דארף זיך נישט צוכאפען אזוי שטארק מיט אמאל, ס׳קאן פארשטאנען, כא, כא, כא! נו, גאה שוין, גאה, ברוך!

מיט א פערפלאמט פנים פון חרפה איז ער אריין אין שלאף־צימער. שרה׳קע איז איהם אנטקעגען געגאנגען מיט א פעררוסע־נעם קאפ, די האר ארומגענומען מיט בלעטער, זי איז געבליבען שטעהן מיט איהם פאר׳ן שפיגעל, א ווײלע הנאה געהאט פון זיך ווי שעהן זי איז, פון פרייד זיך צוגעטוליעט צו איהם, געקוקט מיט אזא פאר ווייכע אויגען, האט ער צעשפרייט די הענד, דערפיהלט איהר פולכען, ווייכען האלז, ווי די ווייכקייט ביי א פויגעל אונ־טער׳ן פליגעל.

— מיין שעהנע כלה!

— ביזט אויך שעהנער געווארען, ווייסט ברוך!

ער האט געקוקט אין שפיגעל, געזעהן אז ער איז פונקט אזוי הויך ווי שרה׳קע, זיך נישט גע׳חדוש׳ט וואס ער איז עפיס מיט אמאל צוגעוואקסען, ווי אנדערש וואלט נישט געדארפט זיין און געהערט ווי שרה׳קע זאגט:

— וואהר א שעהן פארעל?

זי האט איהם אנגענומען — ווי ער וואלט געווען די „דאמע“ און זי דער „העררר“, זיך פערמאסטען, געשטעלט די ערשטע טריט פון א וואלס:

— ווייסט, ברוך, מיר וואלט אזוי געפאסט צו זיין א איננגעל! דו מיינסט כ׳וואלט געווען צו פעט?

זי האט אייגעצויגען דאס זיידענע קלייד אונטער דער רעכ־טער האנד און געהייסען ברוך׳ן צעהלען איהרע ריפען. ער האט אנגעהויבען צו טאפען מיט די פינגער, גארנישט געפונען און גע־שמייכעלט:

— האסט נישט!

— כ׳האב יא — האט זי כלומרש געמאכט א ליפ.

זי האט אראפגעווארפען דאס זיידענע קלייד, עס געלאזט לי־גען אויף דער פאדלאגע, געבליבען שטעהן אין א ווייס

זיידענע אונטערקליידעל, וואס האט געהאנגען ביי די אקסלען אויף בענדער און לויז געפאלען ביז איבער די קניען. זי האט זיך אנגעצויגען, עטוואס אויסגעשטעלט א פוס און דער נאנצער קערפער האט אויסגעשניטען פון קאפ ביז'ן פוס איין בויגיגע, ווייכע ליניע, וואס האט צוגעצויגען דאס אויג ווי א זון אונטערגאנג. זי האט אנגעכאפט ברוד'ס האנד און גענומען פיהרען איבער די ריפען.

— איינס, צוויי, דריי, — נו, — האט זי נישט אפגעלאזט ברוד'ס האנד — ביז איך פעט? מען קען ביי מיר פונקט אזוי איבערצעהלען די ריפען, ווי ביי א אינגעל! זיי זיינען אנשווייגען געווארען, געהאלטען האנד איז האנד, זיך געקוקט אין די אויגען וואס האבען געשטראהלט פון גליק, פון פרייד.

— ווייסט נאר וואס? דיך שלעפערט?

— ניין.

— מיך אויך נישט. קום ס'איז א שעהנע נאכט, לאמיר ארויס, ס'איז אזוי שטיל יעצט אין וואלד.

— די טיר איז דאך פערשלאסען!

— וועל'ן מיר ארויס דורך'ן פענסטער!

— גוט!

ברוד האט זיך נע'חדוש'ט ווי ער איז מיט אמאל פלינק געווארען. מיט איין שפרונג איז אראפ פון פענסטער, אנגענומען שרה'קען פאר דער טאליע און זי לייכט ארויסגענומען.

זיי האבען זיך געהאלטען פאר די הענד, געגאנגען איבער'ן ווייכען מאך און די פיס האבען זיך ביי זיי געהויבען ווי זיי וואלטען געגאנגען אויף שטאלצען. דער וואלד איז געשלאפען, געאטעמט מיט טויזענדער ריחות, איינגעשלעפערט אלץ ארום.

ברוד האט זיך געכאפט אז שרה'קע געהט אין אונטערקליידעל און זיך אפגעשטעלט:

— מען קען אונז נאך טרעפען?

— טא וואס איז?

— זעה נור ווי דו געהסט?

— כ'האם היינט חתונה געהאט!

דער ענטפער האט ברוך'ן צופרידענגעשטעלט. בארוהיגט. זיי האבען זיך צוגעזעצט אויף'ן געשניטענעם גראז.

— האסט מיך ליעב?

— ניין — האט ברוך זיך אויסגעצויגען ארום איהרע פיס.

— כ'ביז דיין פרינצעסין?

— ביזט מיין כלה!

— ועסט טאקע ווערען רב?

— כ'ביז שוין.

— וואס מיינסטו?

— כ'מיין — כ'האב היתר הוראה.

— און דו וועסט געהען אין א שטריימעל פונקט ווי דער אל־טער רב. וואס האט מיט מיר היינט געטאנצט? אוי, וועסטו אויסזעהן מיאוס!

זי האט זיך א דרעה געטהון אויפגעהויבען דעם אלטען רב'ס שטריימעל. אנגעטהון עס ברוך'ן, זיך עטוואס אפגערוקט. איהם גענומען בעטראכטען פון אלע זייטען און ארויס מיט א הארציג געלעכטער.

ער האט זי א כאפ געטהון און זיך גענומען קייקלען מיט איהר איבער'ן גראז.

— און ווען מען בעפאלט אונז וואלסטו אנטלאפען?

— איך? ווי פאלט דיר איין?

— און אז יענער וואלט געווען שטארקער?

— וואלט איך אויך נישט אנטלאפען.

— דאכט זיך מען געהט?

זיי האבען זיך איינגעהערט. עפיס איז אראפגעפאלען און אפגעקלונגען.

— ס'איז א בלאט. ווער סען דאס געהן אזוי שפעט ביי נאכט?

— און איך זאג אז מען געהט — האט שרה'קע צוגעלענט דאס אויער צום גראז — עמיצער קומט מיט'ן וואלד

פון וואלד איז ארויס א שאטען. פערשוואונדען צווישען די

ביימער, באַלד זיך צוריק בעוויזען. ווי ער וואָלט זיך גע׳גנב׳ט.

שרה׳קע האָט זיך צוגעטוליעט צו ברוך׳ן, איהם גענומען קו־שען:

— ווייסט, ס׳איז וולאַדעק.

ברוך איז אויפגעשפּרונגען, פערשטעלט שרה׳קע און געוואַרט יענער זאָל צוקומען.

— ווילסט עפּעס?

— כ׳וויל צוריק מיין געליעבטע.

— אַז זי וויל דיך נישט!

— וועמען אַרט עס!

— פרעג זי! איבעריגענס, ביזט צו שפּעט געקומען. זי איז שוין מיין ווייב.

— וואָס?

— וואָס דו הערסט! און מאַרש—געה שוין אַוועק פון דאַ־נען!

— אַז נישט?

— אַז ניט וועט מען דיך אַוועקטראָגען אין פּלאַכטעס!

— דאָס וויל איך זעהן!

וועסט עס זעהן!

וולאַדעק האָט זיך אַ דרעה געטהון, אויסגעמיעדען ברוך׳ן און זיך אַ וואָרף געטהון צו שרה׳קען. ער האָט זי אַרומגענומען, ווי ער וואָלט זיך געקליבען זי אַוועקצוטראָגען:

— דערקענסט מיך נישט, שרה׳קע?

ברוך האָט זיך גענומען יאָגען נאָך וולאַדעק׳ן, ניט געקענט צו איהם צוקומען, און וואָס שטאַרקער ער האָט זיך געריסען, אַלץ איז דער שטח צווישען איהם און וולאַדעק׳ן געוואָרען גרעסער. ער האָט געזעהן, אַז מען טראָגט שרה׳קען אַוועק. האָט ער אויס־געריסען אַ בוים, איהם אַ וואָרף געטהון אויף וולאַדעק׳ן. גע־כאַפּט שרה׳קען אויף די הענד און גענומען לויפען וואָס נור כח ער האָט געהאַט. ער איז געלאָפען באַרג אַרויף. געפיהלט ווי שרה׳קע ווערט אַלץ שווערער, שווערער, לעגט זיך איבער איהם

אי אן אונגעהויערער מאסע, בוינט זיין קאפ צו דער ערד, ער האלט זי צו מיט די לעצטע כחות און די מאסע דרינגט אריין אין יעדען נערוו זיינעם, אין יעדען שפעלטעל און ער פאלט, פאלט צוריק פון בארג, ווייל זיך אנכאפען אן שטיקער מאך, אן גראז — אלץ צעריבט איהם צווישען די פינגער, ווי אפגעסמאליעט שטרוי, און ער פליהט, פליהט אן אויפהער, וויים אז ער האט שרה'קען אנגעוואוירען, אז ער וועט קיינמאל נים דערגרייכען קיין בארען, וועט תמיד פליהען, און פון גרויס צער האט ער זיך צואווייגט און געעפענט די אויגען.

ברוך האט זיך ארומגעקוקט, באלד נים געכאפט וואו ער געפינט זיך, און זיך ביסלעכווייז אריענטירט.ביידע פיס זיינען ביי איהם איינגעשלאפען. ער האט זיך אויפגעזעצט אויף'ן קופערט, געפיהלט א קעלט אין די ביינער, געזעהן פאר זיך דעם גאנצען חלום, און גוקט ווי א איגנעל, וועמען ס'חלום'ט זיך אז ער האט געפונען א סך געלד, כאפט זיך אויף מיט לעדיגע הענד און געהמט זיך פון פערדרוס שובערען, פונקט אזוי האט ברוך אריינגעלאזט די צעהן פינגער אונטער'ן היטעל און שווער אפגעזיפצט.

ס'איז שוין געווען טאג. שטיקער ליכט זיינען געלעגען אויף די פענסטער, אויף דער פארלאגע, איפ'ן בעט. שרה'קע האט זיך איבערגעצויגען א מיערע נאך א האסטיגען שלאף און זיך געוואונדערט ווי אזוי די נאכט איז אזוי געשווינד דורך. דאכט זיך זי האט נור וואס איינגעדרימעלט. זי האט פערלענגט די הענד אויף צוקאפענס, געזעהן פון דער זייט ווי ברוך איז געזעסען אן איינגעפארטשעטער אויף'ן קופערט, האט זי רחמנות געקראגען אויף איהם, איהם צוגערופען מיט דער האנד און געוויזען ער זאל זיך ועצען אויף'ן בעט:

— ביזט ביין אויף מיר, ברוך?

— כ'בין נים בייז, נו — — —

— כ'בין משוגע, אז כ'וויים עס! האסט חתונה געהאט מיט א משוגענע ווייב! — האט זיך שרה'קע צולאכט.

ברוך האט נים געענטפערט, גליקליך געשמייכעלט, ווי ער

וואלט נים געגלויבט זיינע אויערן, און זיין פנים האט, דאכט זיך געזאגט: אזא משוגעת אויף אלע אידישע טעכטער געזאגט.

— ביזט מיעד? — האט שרה'קע געפיהרט איהרע פינגער איבער זיין האנד.

— כ'בין נישט מיעד.

— ווערסט זיך אפשר צושפארען? ביזט דאך א גאנצע נאכט נים געשלאפען! אויב דו ווילסט, שפאר זיך צו! זעה נור ווי בלאס דו ביזט? זאג דעם אמת, ברוך, — האט שרה'קע אנגע־כאפט זיין קאפ איןביידע הענד, איהם עטוואס צוגעבויגען צו זיך און זיך איינגעגעסען אין זיינע צושראקענע אויגען — האסט מיך געשאלטען ביי נאכט?

— וואס פאלט דיר איין? איך וועל דיך שעלטען?

— נו, כ'ווייס, — האט שרה'קע געשטאמעלט — איך אויף דיין פלאץ, וואלט — — — וואלט — — — ווייסט, ביזט א שעהנערער מענש פון מיר! כ'פיהל, אז כ'הויב אן דרר־ארץ האבען פאר דיר.

— און ליעב?

זי האט נישט געענטפערט, ארומגעכאפט ברוך'ן מיט ביידע הענד, איהם א קוש געטהון, זיך א רוק אפ געטהון, ווי זי וואלט זיך אפגעשאקעלט דערפון, מורא געהאט איהם ווייטער נים צו בעליידיגען, האט זי צוגעשטעלט איהר האנד צו זיין מויל.

בשעת ברוך האט געקושט איהר האנד, האט זי מיט דער צווייטער זיך געשפיעלט מיט זיינע פאות און כלאחר יד א זאג געטהון:

— די מאמע דארף גארנישט וויסען — —

— וואס מיינכטו?

— כ'מיין, די מאמע דארף גאר נישט וויסען וואס צווישען אונז איז פארגעקומען.

— ווער נעהמ' איהר דען זאגען?

— אויב זי וועט דיך עפעס פרעגען — שווייג!

פון יענער זייט טהיר האבען זיך שוין געטראגען קולות, דער

עולם איז זיך שוין צונויפגעקומען פון די שייערן, פון די „סאַ־פעס", געקומען אָפגעבן חתן־כלה גוט מאָרגן. אונטער'ן פענ־סטער האָט אַ קאַפּעליע כלי־זמרים גענומען אָפּשפּילן אַ „דזשען־דאַברי".

שרה'קע האָט זיך אַרומגעקוקט, געהאַט ס'געפיהל ווי די ווענד, דער דאַך, די פּאָדלאָגע, אַלץ איז דורכזיכטיג. טויזענדער אויגן קו־קען אויף איהר פון אַלע זייטן, האָט זי אַ כאַפּ געטהון דאָס לײַלעך איבער'ן קאָפּ און זיך באַהאַלטן.

מען האָט אויפגעשלאָסען די טהיר און ברוך'ס מאַמע, די מוה־מע גיטעל, איז אַריין מיט אַ ברייטען גוט מאָרגן. זי האָט זיך צוקושט מיט שרה'קען, געבליבן זיצען אויף'ן בעט, כלומרשט בעוואונדערט די אויסגעהאַפטענע קאַרטשיקעס" אויף שרה'קעס נאַכט־העמד, געגלעט גלאַטיג, קיין זאַך ניט געמאַכט שווער און, ווי אַ מאַמע, איהר געהאָלפען אָנטהון.

שרה'קע האָט בעמערקט ווי די מוהמע גיטעל זוכט עפּיס אין בעט, געזעהן ווי די פרעהליכקייט פערשווינדט ביי איהר, געזעהן ווי די מוהמע האַלט אין איין עפענען און צומאַכען דאָס מויל. ווי זי וואָלט זיך עפּעס געקליבן זי צו פרעגען, איז שרה'קע אַ ברונז'ע אַרויס פון צימער.

די מוהמע גיטעל האָט צעוואָרפען שרה'קעס נאַכט־העמד, געהוי־בען מיט די אַקסלען און צוגעגאַנגען צום זוהן, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים פענסטער, און עפּעס אויסגעקלאַפּט מיט די פינגער אויף אַ שויב.

— וואָס איז דאָס, ברוך?

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין, דו ווייסט וואָס כ'מיין — — — ווייסט בעסער דעם דין פון מיר — — — ווייסט אַז ס'איז אַ חטא... ווי איז דאָס געהערט געוואָרען? אפילו ביי גוים, להבדיל.. כ'ביז, שרה'קען חס וחלילה ניט חושד, אייגען בלוט, כ'בין זיכער אַז ס'איז אַן ערה־ליך קינד... וואָס, ס'איז עפּעס געווען צווישען אייך? איהר האָט

זיך געקרינקט? א מאמען דארפסטו זאגען! וואס שווייגסטו עפעס האט דאך געמוזט זיין, אנדערש... זעה נור ווי ער שטעהט, ווי ער וואלט ניט געקענט קיין צוויי צעהלען! מען רעדט דאך צו דיר!

שרה'קע איז אריינגעקומען, זיך גענומען קעמען די האר, דער־קענט אז די בלאסע נעזער, אז דער מוהמעס האסטיגען ארומ־געהן, אז עפעס איז פארגעקומען צווישען דער מאמען און דעם זוהן.

— די מאמע האט דיר עפעס געזאגט? — איז שרה'קע צו־געגאנגען אזוי נאהענט, אז ברוך האט אויף זיינע באקען דערפיהלט איהרע האר.

— זי האט געזאגט, — איז ברוך רויט געווארען און ניט גע־וואוסט ווי צו ענדיגען.

— וואס האט זי געזאגט?

— זי האט געזאגט, אז ס'איז א זינד.

— וואס איז א זינד? — האט שרה'קע געשמייכעלט.

— דו מיינסט די מאמע איז ניט גערעכט — איז ברוך מיט א מאל געווארען ערנסט — כ'פרעג דיך, האט עס געלוינט?

— כ'האב דאך דיר געזאגט, אז דו האסט געקראגען א משוגע־נע ווייב, — האט שרה'קע זיך צולאכט — און זאג דער מוהמען, אז אויב זי וועט זיך צופיעל מישען, וועט זי ערגער מאכען. איך וויל דו זאלסט עס איהר זאגען!

— זי איז דאך א מאמע! — האט ברוך זיך געפונען באליידיגט.

— טא זיי מיט דער מאמען!

ברוך איז געשטאנען א פערלוירענער, ווי ער וואלט אלץ קאליע געמאכט, גרייט געווען אלץ נאכצוגעבען, אבי זיך נישט איינצוריי־סען מיט שרה'קען און איהר גענומען קושען די הענד:

— שרה'קע, זיי ניט בייז. דארפסט זיך ניט באליידיגען פון יע־דער קלייניגקייט.

— דו ווייסט, אז די מוהמע האט מיך איצט באליידיגט און מיאוס באליידיגט? דו האסט געזעהן מיט וואס פאר א נאז זי

איז ארויסגעגאנגען? וואס איז זי געקומען קוקען? צו איהר ברוך האט א כשר ווייב?

— דאס איז דאך א מנהג ביי אידען, האט ברוך פרובירט זי איינגעהמען.

— איז עס! און איך וויל אבער ניט מען זאל צו מיר קומען קוקען! נעה שוין און זאג דער מוהמע אז זי האט מיך בעליידיגט, לאז זי ניט אומגעהן מיט א נאז און מיינען אז מען האט זי בע־ליידיגט, אפגענארט, געגעבען איהר בן־יחיד כ׳וויים־וועמען פאר א ווייב!

ברוך איז ארוים פון שלאפצימער ווי א נעהארכזאם אינגעל. שרה׳קע האט זיך איבערגעטהון, אראפגענומען פון זיך דאס ציע־רונג, ארויפגעווארפען א קלייד ביז צום טרים און ס׳האט אויסגע־זעהן אז זי קלייבט זיך אין וועג אריין. זי איז געווען צופריעדען וואס זי האט אלעמען געמאכט פיהלען שלעכט, זעהר געוואלט מען זאל זי נעהמען אויף א פערהער, געווען זיכער אז ברוך וועט שווייגען, לאזען זיי וויסען אז ניט אלץ קענען זיי אויספיהרען, אז זי האט אויך א דעה ווען עס האנדעלט זיך וועגען איהר. זי האט זיך אויס־געקעמט גאר אנדערש ווי אימער, אויסגעזעהן עלטער און מיט א מינע, ווי זי וואלט זיך איבער נאכט אין גאנצען געענדערט, איז זי אריין צו די געסט.

פון ערשטען ב ליקהאט זי בעמערקט אז אלע געהען ארום ווי נעבטיגע, איז זי געווארען אויפגערוימטער און זיך צוקושט מיט׳ן פאטער:

— וואס איז, טאטע, וואס ווינשטו מיר גאר נישט?

— אז דו שאפסט מיר, טאכטערשי, ענגמת נפש!

— איך?

זי האט איהם ארומגעכאפט ווי א צופיעשטשעטע טאכטער און זיך גענומען בעטען ביי איהם:

— וואס מיינסטו, טאטע? כ׳בעט דיך — — —

די מוהמע גיטעל האט דערווייל א ציה געטהון ר׳ מרדכי׳ן פאר אן ארבעל און געהייסען האט עס ער זאל שווייגען.

זי האָט געטראַכט, אַז צווישען דעם יונגען פאָר פאָלק האָט מסתמא עפּעס פּאַסירט, מען דאַרף אָפּוואַרטען, ווען ס׳וואָלט מיט אַן אמת עפּעס געשעהן, וואָלט דאָך ברוך ניט געשוויגען און זי האָט אָרומגענומען שרה׳קען:

— ביזט דאָך אודאי הונגעריג, קום עפּעס איבערבייסען.

— 11 —

אויף'ן אייז.

נאך „שבע ברכות" איז זיך דער עולם צופאהרען. יעדער האט מיטגעפיהרט דאס שטיקעל נייעס וועגען שרה'קען, ווי זי האט זיך אויפגעפיהרט מיט ברוד'ן און אין די ארומיגע שטעדטלעך האט דאס שטיקעל נייעס אנגעמאכט אזא רושם, ווי ס'וואלט געווען עפעס א וויכטיגע וועלט־פאסירונג. וואכען־לאנג האט דער ארו־מיגער עולם זיך נעקוויקט דערמיט, לייכטע קעפ וואס האבען שבת ביים לייענען זיך ארומגעשארט אין פאלעש כאפען א שמועס, זיי־נען נישט מיעד געווארען עס איבערצוחזר'ען און יעדעס מאל אזוי געלאכט, ווי זיי וואלטען עס צום ערשטען מאל געהערט. מאן און ווייב, אז זיי זיינען געווען גוט אויפגעלעגט, האבען זיך פאס־מאקעוועט אין דער דריטער „אשמורה" און יעדעס מאל געענ־דיגט:

— וואס א גביר'ס בת יחידה קען אלץ איינפאלען!

אין וואלד איז געווארען שטיל ווי פריהער. ברײנע האט זיך ווי תמיד געפארעט, מיט יעדער קלייניגקייט געקומען זיך שואל־עצה זיין מיט שרה'קען, זי געוואלט מאכען פאר דער בעל־הבית'טע, איהר איבערגעגעבען דאס ווירטשאפט. שרה'קען איז עס אבער גיך דערעסען און זי האט זיך געבעטען מען זאל זי לאזען צורוה.

— ס'וואלט גוט געווען טאכטערשי, — האט ברײנע תמיד גע־האלטען אין איין שטופען דעם שפיץ פון קלייד אין סטאן אריין— ווען איך זאל אייביג לעבען, אבער קיינער ווייס דאך נישט ווע־מעס מארגען ס'איז און א ווירטשאפט אהן א בעל־הבית'טע,

פלעגט דיין זיידע צו לענגערע יאהר אונז, זאגען, (א קלוגער איד געוועזן) איז פונקט ווי א שיף אהן א רודער. צייט, שרה'קע, אויס־צוטהון די קינדער־שיכלעך, צייט!

יעדעס מאל נאך אזא שמועס האט שרה'קע ווי זיך ארומגע־זעהן, אז זי איז טאקע מעהר נישט קיין מיידעל, אז ברײנע ווערט עלטער פון טאג צו טאג, ס'איז איהר אין גאנצען נעבליבען אײן צאהן אין מויל און אז זי רעדט ציטערט ביי איהר די גאמבע און דער שטערען, די הויט האט זיך אויסגעצויגען, העגגט איבער'ן פנים, קנײטשט זיך. שרה'קע האט זיך געבעטען ביי איהר:

— ברײנע, טהו מיר צוליעב, נעהם אימיצען אריין אין שטוב, ווי לאנג איז דער שיער צו ארבייטען? ועסט נעהן און פאלען!

— וואס? איבערגעבען דאס גאנצע גוטס עפעס א פאנפא־ראנקע אין א קאפעליוש? — האט זי וואוילעריש א כאפ געטהון די הענד פארבאקעס — דו מיינסט ס'איז אמאליגע מוידען? א מויד, אז זי איז אנגעקומען צו א בעל הבית האט זי געוואוסט, אז צום ערשט גאט און דער נאך דער בעל־הבית. דער בעל הבית פלעגט זי חתונה מאכען און אפילו נאך דער חתונה האט מען גע־קענט ביים בעל הבית מאכען א בכבוד'יג לעבען, אבער די היינטיגע פאנפאראנקעס? צו משה קאסירער איז אנגעקומען א מויד, טראגט זי א קאפעליוש מיט הענטשקעס, רעדט מיט די קינדער פויליש און קלאגט זיך פאר מאריאנע'ן, אז איהר „פאן” איז א נאר — ער טשעפעט זיך נישט צו איהר. הא, אזא פאסקודע דארף איך אין שטוב?

שרה'קע האט געקוקט אויף ברײנע'ן, ווי זי האט זיך אין גאנ־צען געטרייסעלט בשעת אין רעדען און געטראכט, אז זי האט קיינ־מאל מיט קיין מאן נישט געלעבט. א האלב יאהר נאך דער חתונה איז דער מאן ביי איהר געשטארבען, זי האט מעהר נישט חתונה געהאט און פון דעמאלט אן געבליעבען ביי זיי. די ליעבע וואס א פרוי האט פאר א מאן, פאר קינדער, אלץ האט ברײנע אוועקגע־געבען זייער הויז און דאס איז אזוי ביי איהר אריין אין בלוט. אז זי האט זיך אויף א מינוט נישט געקענט שיידען מיט דעם פאך

שליסלען, וואָס איז געהאַנגען ביי איהר פאַרטוך. זי האָט זיי גע־האַלטען צוקאָפּענס, מיט פערמאַכטע אויגען געקענט אויפזוכען וואָס פאַר'ן מען האָט נור געדאַרפט. און ביים רעדען תמיד זיך געהאַלטען אין איין טאַפּען צו זיי היינגען. ביי די לעצטע „שבע ברכות" האָט ברײנע אין געגענוואַרט פון די מחותנים איבערגע־געבען דעם פּאַק שליסלען שרה'קען, איהר געזומען ווייזען וואו יעדער שליסעל בעלאַנגט. געדערט וועגען זיי מיט אַזעלכע אײנ־צעלהייטען, אַזוי וואַרעם, ווי דאָס וואַלטען נישט געווען קאַלטע שטיקלעך אייזען, נור קינדער.

די ערשטע פּאַר טעג ווען שרה'קע האָט גע'בעל־הבית'עוועט, איז ברײנע אַרומגעגאַנגען ווי אַן איבעריגע, געהאַט דאָס געפיהל, אַז זי פּלאָנטערט זיך יעדען צווישען די פיס, שטערט בלויז. פון געוואָהנהייט האָט זי זיך געהאַלטען אין איין טאַפּען צי די שליס־לען העננען, זיך אַפּט פערגעסען, גערערט צו זיך אַליין, געשיקט די שיקסע מעלקען די קיה, געהייסען אַריינטרייבען די היהנער, געשריען, אַז די פּאַדלאָגעס זיינען נישט גוט אָפּגעוואַשען. זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז זי איז מעהר נישט בעל־הבית'טע און אָפּגע־זיפצט. אין אַלעם וואָס מען האָט געטהון אין הויף האָט זי בלויז געזעהן חסרונות, גע'טענה'עט, אַז שרה'קע איז נאָך אַ קינד, נוצט זי יעדער אויס. זי האָט אָבער נים געוואָלט זיך מישען, זיך געער־גערט, וואָס איהר פּראַצע געהט פערלוירען. פון עגמת נפש האָט ברײנע זיך דערפיהלט שוואַך, אַריין אין בעט און קיינער האָט נים געוואוסט, וואָס איהר איז, און אַז שרה'קען זיינען די שליסלען דער־עסען, קיינמאָל נישט געקענט געפינען דעם ריכטיגען און זיי צוריק איבערגעגעבען ברײנע'ן, האָט די אַלטע זיך אויפגעהויבען.

אַז מרדכי האָט זיך דערוואוסט פון וואָס ברײנע איז געזונט געוואָרען, האָט ער אַ צופריעדענער געשמייכעלט און דערצעהלט, אַז ווען שרה'קעס מאַמע איז געלעגען אַז אָפּגעהויבענע און ברײנע האָט זיך געריסען די האָר, זיך געשלאָגען קאָפּ אָן וואַנד, האָט זי אפילו דעמאָלט נישט פערגעסען נאָכצושרייען מאַריאַנען, וואָס פאַר'אַ שליסעל זי זאָל נעהמען, זי זאָל נישט פאַרשימען דעם ווייז

און א האלבע זיפ וועט אויך גענוג זיין פאר די עופות. מרדכי האט געענדיגט און זיך גע'חדוש'ט:

— און ברײנגע איז דאך ניט קיין קארגע, זי וועט זיך טהיי־לען מיט'ן ביסען, אוועקגעבען אן ארימאן ס'לעצטע. נישט בחנם זאגט מען — הרגל נעשה טבע — יעדער מענש האט זיך זיין משוגעת!

שרה'קע איז געווען גלייכגילטיג צו אלעס, זיך מעהר מיט קיי־נעם נישט געוואלט איינרייסען, אפגעמאכט ביי זיך, אז איהר פער־זענליכער לעבען איז שוין סאי־ווי סאי גע'פטר'ט, צו וואס פאר־ביטערען אנדערע ס'לעבען. זי האט געטהון וואס מען האט פון איהר פערלאנגט, אויפגעהערט צו זיין קאפריזנע מיט ברוך'ן. זי איז געווארען בלויז פוילער, געזעסען גאנצע טעג אין שטוב און געלייענט. אין עטליכע חדשים האט זי איבערגעלייענט אהן א צאהל ביכער, איינגעשלונגען א וועלט מיט געדאנקען. יעדען טאג האט זי ארייגעשלונגען עפעס נייעס, געפיהלט ווי א נייער געדאנק באזעצט זיך אין איהר, נעהמט אן א בעשטימטע פארם. זי האט געלעבט אין אן אנדער וועלט.

טאטע, מאמ, הויז, אלץ האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, ס' איז געווען עפעס כאאטישעס, גרויסעס און פון דעם מיש־מאש האט זיך ארויסגעשיילט אן אנדער מענש, וואס איז גאר נישט עהנליך געווען אויף די אלע, וואס זי האט זיך פארגעשטעלט. און פונקט ווי אמאל פלעגט זי אוועקגעהן אין וואלד און מיט א כשוף אראפ־ברענגען א בויגיגען פרינץ מיט לאקען, אזוי האט זי איצט גאנצע טעג געזעהן פאר זיך דעם פרייען מענש, וואס איז גארנישט עהנליך געווען צו די אלע וואס זי האט געקענט, געזעהן פאר זיך קראנקע־בערגען.

ברוך איז געווען גליקליך. נישט געוואוסט, וואס מיט שרה'־קען קומט פאר, בלויז געזעהן, אז זי ווערט מיושב'דיגער. ווארפט אוועק די אלע קינדערשע שטיק און ער האט זיך געפיהלט ווי א ווארובעל, וואס דרעהט זיך ארום דעם בושעל'ס קאש, שלעפט שטיק־לעך קאנאפיעס און בעט אויס זיין נעסט, מאכט ווארימער, בע־

קוועמער פאר דער סאמקע. יעדעס מאל ווען ער איז געווען אין שטאדט האט ער געבראכט שרה'קען א שטיקעל ציערונג, א שטיקעל זיידענס, סאמעט. זי האט איהם געדאנקט פאר די מתנות, אלץ אוועקגעלעגט. קיין זאך נישט געטראגען, אנגעהויבען צו ווערען פולער און נישט אויפגעהערט צו לייענען.

אז ס'האט געכאפט דער ערשטער פראסט האט שרה'קע מעהר נישט געקענט איינזיצען אין שטוב. זי האט בעמערקט, אז זי הויבט אן ווערען פולער און כאטש זי האט אויסגעזעהן פיעל שעהנער האט זי א שליידער געטהון פון זיך דעם בוך, ווי דאס וואלט געווען שולדיג אן אלעס, אויפגעזוכט אן אלטע שובקע אויף פוטער, א קראקולעז היטעל און זיך געווענדעט צו ברוך'ן:

— זיי אזוי גוט, זוך מיר אויס די גליטשערס!

— מארגען וועלען איצט די פויערים פארגיסען די לעבער — האט זיך ברוך אפגערופען.

— דער וואס קען זיך גליטשען — האט שרה'קע אנגעהויבען, אנגעכאפט ברוך'ן פאר א האנד און איהם צוגעפיהרט צום פענ־סטער — קוק!

ווי ווייט ס'אויג האט געקענט כאפען, איז די ווייכסעל געווען אפגערייניגט. דאס אייז האט זיך געצונדען אונטער דער זונן אין גרין בלוי, געפינקעלט פאר די אויגען ווי בריליאנטענע שטערענד־לעך. די שטערענדלעך האבען זיך צונויפגעגאסען אין א בלענדענ־דען שפיגעל. ווייט אוועק האט מען געזעהן ווי מענשען גליטשען זיך, בויגען זיך ווי שאטענס פון אייז זייט אויף דער צווייטער. שרה'קע איז געווארען לעבעדיגער, אויפגעזוכט די גליטשערס און זיך געבייזערט:

— גערה, ברוך, דו קאנסט קיין זאך ניט! ס'איז אנגענעהמער זיך צו גליטשען מיט א מאן, ווי איינע אליין!

— אז דו ווילסט וועל איך זיך לערנען — האט ברוך א שול־דיגער זיך פערענטפערט.

— הויבט זיך אן!

זי האט איהם געכאפט אונטער'ן ארעם, ארויס, און געלאפען

מיט „יהם איבער'ן שמאלען וועגעל, וואו פון בײדע זײטען האבען געפינקעלט צוויי בײטען מיט שנעע, געבלענדט פון ווייסקייט די אוינען.

ברוך האט איהר געהאלפען אנטהון די גליטשערס, געהאט פער־דרוס, וואס ער קען נישט און זיך געבעטען ביי איהר:

— זעה, שרה'קע זיי נישט ווילד, גיב אכטונג זאלסט אמאל נישט אריין אין א לאך.

שרה'קע האט נישט געענטפערט, אויפגעשפרונגען, א מאך גע־טהון צו ברוך'ן מיט דער האנד און גענומען באלאנסירען איבער'ן אייז, אויסגעשניטען קרייזען. ער האט איהר נאכגעקוקט א גליק־ליכער, וואס זי איז זײנע, געזעהן ווי זי פאהרט אלץ ווייטער, וויי־טער, ווערט קלענער, ביז זי איז אין גאנצען פערשוואונדען. ברוך האט געווארט א לענגערע צייט, געזעהן, אז זי קומט נישט צוריק, האט ער זיך געלאזט מיט דער ווייכסעל און וואס מעהר ער האט זיך געוואלט בארוהיגען, אז ס'האט גאר נישט פאסירט, אלץ גרע־סער איז געווארען די שרעק. ער איז געלאפען, געפיהלט ווי טויזענדער געדאנקען בעפאלען איהם, רייצען זיך, אז מען לאזט נישט א מיידעל אליין איבער'ן אייז. עס איז איהם אויף'ן זינען געקומען שרה'קעס מוטער, ווי זי האט זיך אריינגעווארפען אין וואסער און א קאלטער שוויים האט איהם דורכגענומען. ער איז פערבייגע־לאפען אן עפנונג, זיך איינגעקוקט ווי פון דער וואסער געהט א פארע, ווי ס'וואלט געווען ווארעם. אריינגעשטעקט א האנד און זיך א טרייסעל געטהון. ס'וואסער האט געשניטען. ער איז געווען זי־כער, אז ווען א מענש פאהרט אן אויף דעם לאך, וואלט ער אריין איבער'ן קאפ און ס'וואלט פון איהם קיין זכר נישט געבליבען. עס האט איהם מיט אמאל פערקלעמט אונטער'ן הארץ צו וואס ער האט זי געלאזט געהן, ס'קאן זיין, אז פונקט איצט ליענט זי ערגעץ אין אן עפנונג, ראנגעלט זיך און וואס זי כאפט זיך אז פאר'ן אייז, ברעכט עס זיך און זי פאלט צוריק אין וואסער אריין. ער האט אנגעשפיצט די אויערען, געווען זיכער, אז ער הערט א קרעכצען, זיך גענומען ברעכען די פינגער און זיך געלאזט לויפען גלייך מיט

דער ווייכסעל, נישט געוואוסט, אז ער האט שוין שרה׳קען לאנג גע־
האט אויסגעמידען.

שרה׳קע איז געשטאנען ארום דער „קעמפע“, וואס האט זיך
געשניטען אין דער לאנקע אריין און גערעדט מיט וולאדעק׳ס
שוועסטער, וואס איז איהר אנטקעגען געקומען:

— איהר האט נישט מורא אליין זיך צו גליטשען? — האט
וולאדעק׳ס שוועסטער זיך אנגעהאלטען אן שרה׳קען — ארום די
לעכער ברעכט זיך דאס אייז, ס׳איז געפעהרליך!

און איהר האט נישט מורא? — האט שרה׳קע זי אנגעקוקט.

– איך גליטש זיך נישט אליין. וולאדעק איז דאך אויך דא.

— וואס, ער איז אין דער היים? כ׳האב געמיינט ער איז
איןווארשע.

— ער איז געקומען אויף ניי־יאהר — האט ס׳מיידעל געשמא־
קעלט מיט א פוס. אראפגעווארפען אייז גליטשער און נישט אויפ־
געהערט רעדען — ער האט שוין געענדיגט, מעגליך ער וועט פאה־
רען נאך פעטערבורג. כאטש מיין פאטער וויל ער זאל שטודירען
אין דייטשלאנד, ווייל דארט שטעהט מעדיצין העכער ווי ביי אונז.
און ער, וולאדעק, וויל נישט קיין מעדיצין, ער וויל בעסער ווערען
א יוריסט.

זי האט זיך ארומגעקוקט וואו דער ברודער איז און געווי־
זען מיט א פינגער:

— איהר זעהט, דארט שטעהט ער מיט קראנענבערג׳ען.

— מיט וועמען?

— איהר האט נישט געהערט פון קראנענבערג׳ען?

— געהערט!

— אי, איז ער אינטערעסאנט! איך האב מורא פאר איהם
— מען זאגט, אז ער גלויבט נישט אין גאט, ער גלויבט אין גאר
נישט! איהר ווייסט, צו צוואנציג יאהר איז ער שוין אנטלאפען
מיט זיין׳ס א שוועסטער־קינד, רעגינא האט זי געהייסען, גע־
וואהנט מיט איהר אזוי, ניט חתונה געהאט. מען זאגט, אז רע־
גינא האט אליין געוואשען, געארבייט אין א פאבריק, אזא רייכע!

איז זי געווען שעהן! זי האט איהם אזוי ליעב געהאט, אז זי האט טאטע, מאמע, אלץ פערגעסען, אבי צו וואהנען מיט איהם, ליידען הונגער, דערנאך דערצעהלט מען האט ער זי געשיקט שי־סען א גובערנאטאר, איז זי געגאנגען. פארשטעהט וואס פאר'א מענש דאס איז? יעצט זאגט מען, אז זי איז אין סיביר, ווען איהר וואלט זי געקענט, וואס פאר א רייך קינד דאס איז געווען!

ווי זיי האבען גערעדט איז אונטערגעקומען וולאדעק אין א טוזשורקע אהן קנעפ, א סטודענטיש היטעל. ער האט אויסגעזעהן פערשייט, ווי אלץ אין איהם וואלט געזאגט — דרך ארץ, א סטו־דענט געהט! נאך איהם האט זיך געגליטשט א מאן אין די דריי־סיגער, אין גאנצען געראזירט און אויסגעזעהן האט ער ווי אן ענג־לענדער. ער האט פון דער זייט א קוק געטהון אויף שרה'קען.

וולאדעק האט עלעגאנט אויסגעשניטען א קרייז, געצויגען דאס היטעל ביז צום אייז און ווי קיינמאל נארנישט בעגריסט שרה'קען:

— וואס מאכט איהר, מאדאם?

ער האט נישט געווארט אויף אן ענטפער און גלייך פארגע־שטעלט דעם צווייטען:

— בעקענט אייך: מאדאם קלענעץ — קראנענבערג.

דער פרעמדער האט לייכט אנגענומען שרה'קעס האנד, קוים א דריק געטהון און זי האט א לענגערע צייט געפיהלט זיינע ווארי־מע, טרוקענע פינגער. שרה'קע האט זיך פיעל אנגעהערט פון פא־טער וועגען קראנענבערג'ען. געוואוסט, אז ער איז געווען א גוט אינגעל, געקענט לערנען, געענדיגט גימנאזיום, דערנאך, אז ער איז אהיים געקומען אלס סטודענט פון ווארשע, איז ער געווארען אן אנדערער. ער האט צונויפגענומען אלע פאראבקעס, זיי געזאגט, אז די ערד וואס זיי בעארבייטען פאר זיין פאטער בעלאנגט צו זיי און נאך אזעלכע זאכען. צוערשט האט מען געמיינט ס'איז א שפאס, א יונג בחור'ל, דער האבער שטעכט, בריקעט ער. מען האט זיך באלד ארומגעזעהן, אז ער דאוועגט מעהר נישט, דער רוסישער קייסער געפעהלט איהם נישט און קיין שעהנערער מענש ווי דער פויער איז גאר נישטא. די עלטערען זיינען פון איהם אויסגעשטא־

נען אזעלכע בושות אז זיי האבען געדאנקט גאט וואס די וואקאציעס ענדיגען זיך און ער פאהרט צוריק. באלד נאך דעם איז ער אין גאנצען פערשוואונדען. וואס פארע צרות די עלטערען זיינען פון איהם אויסגעשטאנען! נישט איינמאל איז פאליציי בעפאלען דעם מאיאנטעק, געקומען זוכען צו דער יונגער קראנענבערג בעהאלט זיך נישט. זיי האבען גע'טענה'ט אז ער בונטעוועט זיך געגען קייסער און מען וועט איהם כאפען וועט מען איהם צושניידען אויף שטיקער. עפענטליך, פאר מענשען, האט עס געהייסען, אז די עלטערען האבען זיך פון איהם אין גאנצען אפגעזאגט, הינטער ארום האבען זיי גע־האלטען אין איין אונטערשיקען צו איהם מענשען מיט געלד, ער זאל זיך אפטראגען נאך אויסלאנד. ער האט ניט געוואלט הערען דערפון ביז מען האט איהם געכאפט אין טיעף רוסלאנד, איינ־געזעצט אין א פעסטונג און קיינער האט ניט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען. דער פאטער האט גע'פטר'ט א האלבען מאיאנטעק און נאך עטליכע יאהר זיך וואלגערען האט מען איהם ארויס־געלאזט. אין שטוב האבען איהם אלע אויסגעמיטען, איהם גע־לאזט טהאן וואס ער האט נור געוואלט, מורא געהאט פאר איהם און די בעדינטע האבען זיך גע'סוד'עט, אז דער יונגער „פאן“ האט גע'הרג'עט א גובערנאטאר.

אפט, אז שרה'קע איז געווען אליין, גע'חלום'ט וועגען דעם פרייען מענש, וואס דארף צו איהר קומען, זי אוועקפיהרען פון וואלד, איז איהר תמיד אין זינען געקומען דער יונגער קראנענ־בערג. און כאטש אלע האבען איהם געהאלטען פאר א משוגענעם, בעדויערט, אז נאך'ן פאטער'ס טויט וועט ער צוטרענצלען דעם גאנצען מאיאנטעק, זיך טהיילען מיט'ן פויער, איהם אויס־געמיטען ווי א פעסט, איז זי פונדעסטוועגען געווען זעהר צופריי־דען ווען ער איז אונטערגעקומען.

— כ'האב וועגען אייך, מאדאם, זעהר פיעל געהערט — האט קראנענבערג זיך ליכט פערנייגט.

— וואס האט איהר געקענט הערען וועגען מיר? — האט שרה'קע געגומען געהן אויף די שפיצען פון די גליטשערס. אויס־

געזעהן שטיפעריש — אז כ'עס אין צייט, שלאף אין צייט, וואהן ס'נאנצען לעבען אין וואלד?

— אלץ בעסער ווי אין שטאדט — האט קראנענבערג גע־שמייכעלט

— דארף מען דאך פריהער זיין אין שטאדט מען זאל עם וויסען — האט שרה'קע געענטפערט.

— מיר שיינט אז כ'האב אייך ערגיץ געזעהן? — האט קראַ־נענבערג פערקנייטשט דעם שטערען.

— ביי מיין פאטער אין הויז — האט שרה'קע געענטפערט

— נור כ'גלויב נישט איהר זאלט מיך פון דעמאלט געדענקען, כ'בין נאך געווען א קינד.

ברוך איז אנגעקומען נישט טוידט, נישט לעבעדיג, געווען אזוי אויסגעמאטערט פון לויפען, אז ער האט אזש נישט געקענט רע־דען, געסאפעט ווי א הונד, בלויז די אויגען זיינען געווארען מיל־דער, ווען ער האט שרה'קען דערזעהן.

— פון וואנען לויפסטו? — האט שרה'קע איהם געפרעגט.

— כ'בין דיך געגאנגען זוכען.

— האסטו אודאי געמיינט, אז כ'האב זיך דערטרונקען, הא?

ברוך האט זיך פארשעמט פאר די ארומיגע און גאר נישט גע־ענטפערט. שרה'קע האט איהם פארגעשטעלט און זיך פעררוי־מעלט:

— מיין מאן — אנווייזענדיג מיט א פינגער האט זי אויסגערע־כענט זייערע נעמען.

— פארוואס גליטשט איהר זיך נישט? — האט קראנענבערג געפרעגט ברוך'ן.

— כ'קען נישט — האט ברוך געענטפערט אין א שלעכטען פויליש.

שרה'קע האט באמערקט אויף וולאדעק'ס פנים א שמייכעל און זיך אנגערופען אין אידיש:

— בית המדרש בחורים גליטשען זיך נישט.

— אויב איהר ווילט — האט קראַנענבערג זיך געווענדעט אויף אידיש צו ברוך'ן — וועל איך אייך אויסלערנען.

— אַ שעהנעם דאנק.

דער שמועס האט זיך נישט געקלעפּט. זיי זיינען געשטאַנען אַ ווײַלע שטומע און וואס לענגער דאס האט געדויערט, אַלץ שווע־רער איז געווארען ארום. יעדער האט עס צונעשריבען ברוך'ן. די אייגענע הענד און פיס זיינען געווארען איבעריג און די מוחות האַ־בען נישט אויפגעהערט צו קלערען וואס צו זאָגען.

— איהר ווילט זיך אפשר איבערלויפען? — האט קראַנענבערג זיך געווענדעט צו שרה'קען און די איינפאַכע ווערטער האבען אַלע ארויסגענומען פון דער פארלעגענהייט.

— קומט האט שרה'קע אויסגעשטרעקט אַ האנד.

זיי האבען זיך איבערגעקרייצט מיט די הענד, זיך אַ לאָז געט־הון, צוערשט פאַמעלעך, אויסגעשניטען קרייזען רעכטס און לינקס, געגומען געהן גיכער, גיכער, ווי די גליטשערס וואלטען דאס אייז נישט אַנגעריהרט און זיך געטראַגען איבער דער ווייכסעל, ווי צוויי פייגעל. וולאַדעק האט אַ כאַפּ געטהון די שוועסטער און זיך אַ לאָז געטהון נאָכ'ן ערשטען פּאָרעל. ברוך איז געבליבען אַליין. איהם האט נישט פערדראסען וואס שרה'קע איז אוועק מיט קראַ־נענבערג'ען, עס האט איהם בלויז געארט, וואס זי האט זיך אזוי פארגעסען, צומאָל קיין ווארט נישט אויסגערעדט, צו זי וועט צוריק־קומען, צי ער זאָל ווארטען, ווי ער וואלט פאַר איהר נישט עקזיס־טירט. דער פערדרוס איז געווארען אַלץ גרעסער און אַזביידע פּאָרלאַך זיינען פערשוואונדען, האט עס איהם אַזש פערקלעמט אונ־טער'ן האַרץ. ער האט איצט נישט געקלעהרט וועגען דער עבירה, ווי זי שרה'קע, אַז אשת איש, קען זיך ערלויבען מיט אַ פרעמדען מאַנסביל זיך צו גליטשען. ער האט געפיהלט, אַז שרה'קע האט איהם נישט ליעב און זיך געוואונדערט, ווי נאַך וואהנט זי מיט איהם? ער האט אפגעמאַכט, אַז אַלע פרויען זיינען אזוי. די שיקסלעך וואס רייסען איז וואלד קאָרע, ווארפען אויף איהם אוי־גען און איז געווען זיכער, אַז יעדע וואלט זיך געפיהלט גליקליך,

ווען ער פארטשעפעט זי. ער האט נישט געוואלט דערלאזען, אז שרה'קע איז גלייך צו יענע שיקסלעך און א בעליידיגטער, א דער־שלאגענער האט ער זיך גענומען שלעפען אהיים. איהם איז איינ־געפאלען, אז שרה'קע וועט איהם זוכען און האט זיך אפגעשטעלט. זאל זי זוכען, זאל זי מיינען, אז כ'האב זיך עפעס אפגעטהון, האט ער נעטראכט און ווייטער געגאנגען. זאל זי וויסען א צווייטען מאל נישט איבערלאזען א מאן אליין.

שרה'קע איז דערווייל געפלויגען מיט קראנענבערג'ען אי־בער'ן אייז, אויסגעמיטען די לעכער געפיהלט ווי צעווארעמט זיך אלץ שטארקער, געפיהלט זיינע הענד, זיין אטהעם. ער האט געהאלטען אין איין רעדען, דערמאנט ווי ער האט איהר קליינער־הייט א קוש געטהון אין קעפעל, געמאלט אלץ אזוי שווארץ, אז פיעלע מאל האבען זיך שרה'קען געשטעלט טרעהרען אין די אוי־גען. ער האט גערעדט, אז דער מענש האט אין רוסלאנד קיין ווערטה נישט, ער איז א קנעכט, אלע זיינען קנעכט, ס'איז קיינעם נישט ערלויבט צו דענקען, קיינעם נישט. אז זיין פאטער איז גע־פאהרען נאך פלאצק צום גובערנאטאר בעטען מען זאל זיין זוהן בע־פרייען, האט דער גובערנאטאר דעם גרויען קראנענבערג געפאטשט אין פנים אריין, צובלוטיגט און דער אלטער האט איהם דערפאר געקושט די הענד, נישט געהאט פאראיבעל, ווי אנדערש וואלט נישט געדארפט זיין. טויזענדער מענשען שטארבען טאג טעגליך פאר הונגער און זיי זיינען צופריעדען. וואס פאר א ווערטה הא־בען אייערע אידעאלען? די מענשען פאר וועלכע איהר האט איינ־געשטעלט אייער לעבען, וועלען זיך פרייען ווען מען וועט אייך בעשטראפען, שרייען און געוואלדעווען. אז מען זאל פון אייך די הויט שינדען. איהר ווילט מקריב זיין אייער לעבען פאר חיות און זיי שארפען די צייהן אייך אויפצועסען.

אזוי האט קראנענבערג גערעדט די גאנצע צייט און איהר האט זיך געדאכט, אז זי הערט דאס נישט פון איהם נור לייענט א ביכעל, אז אלט, בעקאנט ביכעל, וואס זי האט שוין אמאל געלייענט. און כאטש ער האט גערעדט מיט אזוי פיעל גאל און ענטוישונג, האט

זי פונדעסטוועגען געפיהלט, אז זי וואלט געגאנגען מיט איהם וואוהין ער וואלט זי נור געפיהרט.

אז זיי זיינען צוגעקומען צו וואלדעק'ס הויז איז שוין געווען טונקעל. וואלדעק מיט דער שוועסטער זיינע צוגעשטאנען זיי זאלען אריינגעהן צו זיי און עפעס איבערבייסען. שרה'קע האט זיך ענטזאגט, זיך דערמאנט, אז זי האט ברוד'ן געלאזט איינעם אליין און ס'איז איהר געווארען באנגליך. קראנענבערג איז אויך צוגעשטאנען, האט שרה'קע זיך נישט געקענט ארויסדרעהען, מיט גענאנגען און אויסגערעדט מיט וואלדעק'ען, מען זאל הייסען שפאנען א שליטען און זי גלייך אפשיקען.

— נעוויס, געווים — האט וואלדעק זיך גענומען פארען — אפילו אין מיטען דער נאכט.

וואלדעק'ס שוועסטער האט געסארווירט אין א קליין צימערל הייסע טהעע און קוכען. דער עולם האט געשמאק געגעסען, כמעט געשווינגען און די בעל הבית'טע האט זיך אנגערופען:

— איך וואלט מיט קראנענבערגען נישט געפאהרען!

— פארוואס? — האט זיך שרה'קע געפרעגט.

— ביי איהם פאלען שיער נישט די פערד, די בריטשקע פאהרט נישט, זי פליהט און אויב די פערד זאלען איבערדרעהען, איז א זיכערער טוידט.

— אינטערעסאנט — האט שרה'קע דערזופט דאס גלאז טהע און זיך אויפגעשטעלט.

— כ'בין מיט איהם איינמאל געפאהרען — האט די בעל הבית'טע געגראזשעט קראנענבערג'ען מיט א פינגער — וועל איך עס תמיד געדענקען!

— אויב איהר ווילט, פאניע קלענצע — האט קראנענבערג גלייכגילטיג זיך אנגערופען וועל איך אייך אפפיהרען.

— מיט'ן תנאי איהר זאלט שנעל פאהרען!

— מיר וועלען שוין פאהרען — האט ער זיך אויפגעשטעלט און גענאגט צו וואלדעק'ען — כ'וועל נעהמען אייערע גניאדע.

וואלדעק האט זיך א קרים געטהון, זיך געפיהלט געערגערט,

וואס קראנענבערג האט ביי איהם צוגענומען דאס פערגעניגען אהיים צו פיהרען שרה'קען און נישט ווילענדיג געענטפערט:

— כ'האב מורא וועסט זיי פטר'ן!

— היים איינשפאנען מיינע — האט קראנענבערג געהאלפען שרה'קען אנטהון.

— אז דו ווילסט נעהם די גניארע — האט וואלדעק זיך גע־פיהלט ווי שולדיג.

— היים איינשפאנען מיינע — האט קראנענבערג נאך אמאל איבערגע'חזר'ט און ס'איז שווער געווען צו זאגען אז דער שטימע צי ער איז בייז.

זיי האבען זיך געזעגנט. קראנענבערג האט מיט א פוטער־נעם „קאץ" איינגעדעקט שרה'קעס פיס, זיך געזעצט דערנעבען און א פייף געטהון אויף די פערד. די פערד האבען א כאפ געטהון דעם שליטען און איידער מען האט זיך אומגעקוקט זיינען זיי שוין געווען אויף'ן וועג און זיך גלייך געטראגען איבער'ן נאך נישט גוט איינגעטרעטענעם שנעע. זיי האבען געשוויגען. שרה'קע האט באמערקט ווי קראנענבערג ווערט אויפגערוימטער. די בלויע אויגען צינדען זיך ווי קאלטער שטאהל. אליין ציהט ער זיך, ווערט דאכט זיך, דארער, לענגער און ווי א הונגעריגער וואלף ציהט ער אוים דעם קאפ, נעהמט פייפען אויף די פערד, שמייסט וואס כח נור. די פערד גלאנציגע, בויגיגע, ווי די הויט וואלט אויף זיי געווען ענג, ווארפען גאנצע וואלקענס שטעכיגע שנעלער, ווילען אריין איז טראט. ער הערט נישט אויף צו פייפען, קלאפען מיט'ן צונג, און די פערד, ווי זיי וואלטען פערשטאנען, ציהען זיך, ווילען דאכט זיך ארוים פון דער איינגענער פעל און דער שליטען פליהט, ריהר נישט אן דעם שנעע.

ס'איז געווארען פינסטערער. דא און דארט האבען זיך נענר־מען בעוויזען שטערען און באלד איז דער גאנצער הימעל געלעגען איבער זייערע קעפ אזא טיעפער, אזא אויסגעשטערנטער. שרה'־קע האט געזעהן פונקען פאר די אויגען, מעהר נישט געפיהלט, אז זי פאהרט, נישט געזעהן קיין פערד, קיין שנעע, איז הארצען איז

געוועז הויל, די שלייפעז האָבעז געקלאַפּט, און איהר האָט זיך גע־דאַכט, אַז זי פליהט באַרג אַרויף, העכער, העכער, העכער, אָט דער־גרייכט זי דעם העכסטעז פּונקט, נעמט פאַלעז שנעל, שנעלער, כאַפּט זיך אַן פאַר אַ פּאַר וואַרימע הענד, לאָזט אַרויס אַ קוויטש, בעט זיך מען זאָל זי צוהאַלטעז, פיהלט בלויז ווי איהר קאָפּ זינקט און מיט אַמאָל קריגט זי אַ שליידער, ווי זי וואָלט אַרויסגעפאַלעז, דערפיהלט אַ פּלאָם אין קאָפּ. זי עפענט די אויגעז, דערזעהט נעבעז זיך קראַנענבערג׳עז, קוקט זיך אַרום, אַז זיצט נאָך אין שליטעז און פרעגט זיך:

— וואָס איז געשעהן? וואָס איז?

— מיר זיינען שוין אין דער היים.

— שוין?

— שוין! — האָט קראַנענבערג זי אָנגענומען פאַר אַ האַנד און איהר געהאָלפען אַרויס פון שליטען — געפעלט אייך עפּעס אַזאַ פאָהרען? נישט אַלץ וואָס איז אינטערעסאַנט איז גוט!

שרה׳קע איז געשטאַנען אַ צוטומעלטע און איידער זי האָט צייט געהאַט איהם עפּעס צו זאָגען, האָט ער זיך געזעגענט מיט איהר און געהייסען גלייך אריין אין שטוב, זי קען זיך נאָך פער־קיהלען. ער איז אריין אין שליטען און מיט אַ פייף פערשוואונ־דען אין דער נאַכט אריין.

ביי שרה׳קען האָט עס אויסגעזעהן ווי אַ חלום, אַלץ איז עפּעס אַזוי בליצענהאַפט געשעהן, און אָט שטעהט זי ווידער פאַר איהר הויז, ווי נעכטען, ווי אייערנעכטען, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. און פאַר וואָס האָט ער גאָרנישט געזאָגט? אַ מיעדע נאַכ׳ן פאָה־רען איז זי אריין אין שטוב. ברוך איז איהר אַנטקעגען געקומען:

— כ׳האָב געקענט לאַנג וואַרטען אויף דיר?

— האָסט דאָך נישט געוואַרט.

— אַ נאַר וואָלט איך געוועזן!

זי האָט נישט געענטפערט און אַריין צו זיך אין שלאָף־צימער. זי איז לאַנג געשטאַנען ביים פענסטער, זיך איינגעהערט ווי אַ ווינד האָט געפּייפט צווישען די בוימער, און געטראַכט, אַז ער טראָגט זיך

איצט איבער'ן שנע איינער אליין, די פערד ווערען דינער, דאס פיי־פען לעננער, ציהט זיך ווי א רויטער פאדעם און אין די אויערען קלינגט אוה־ה, אה־ה!

שפעט אין דער נאכט איז ברוך אריינגעקומען, זיך געבעטען, געוויינט. זי האט איהם געטריבען פון זיך, נישט געקענט הערען זיין קול. ער איז נישט אפגעטרעטען, זי געהאלטען אין איין קושען און אין פענסטער האט דער ווינד געהאלטען אין איין שי־טען מיט א קרעכץ הויפענס שנעע. אנגעיאגט א קעלט. האט זי זיך אויפגעהערט ווערען, פערמאכט די אויגען און געפיהלט ווי זי ווערט פערברענט.

זי איז מעהר יענע נאכט נישט געשלאפען, געלעגען, געריסען דאס ציכעל, די אויבער דעק, געפיהלט, אז נאך דער נאכט וועט עפעס געשעהן. נישט ווילענדיג, איבער־סגעוואלד און זי וועט זיין אונגליקליך אויף'ן גאנצען לעבען.

— 12 —

אהן דער מוטער'ס ווילען.

א פער'עקשנ'טער געדאנק האט זיך געדרעהט ביי שרה'קען אין מח, ווי א ווערעמקע אין א שטיינעל. זי נישט מיעד געמאכט און וואס טיעפער זי האט דעם געדאנק געוואלט בעגרייפען, אלץ איינגעקארטשעטער איז ער געווארען, פערשוואונדען צווישען די פינגער און זי איז תמיד צוריק געקומען צום אנהויב — אז זי טראגט.

זי איז געוועזען איבערצייגט, אז א קינד וואס האלט ביים גע־בארען ווערען אהן דער מוטער'ס ווילען, עפעס דורך א צופאל, מוז זיין אן אידיאט, א פערזעהעניש — האט זי זיך איינגעשנורע־רעוועט אין א קארסעט מיט שטאהלענע סטאלקעס, גענומען הייסע מושטארד בעדער, געשלעפט משא, זיך געקייקעלט אין שנעע — קיין זאך האט נישט געהאלפען.

זי איז געלעגען אויף'ן בעטעל א פערוויינטע און יעדעס מאל, ווען די טרערען האבען זיך ביי איהר א גאס געטהון, האט זי גע־האט דאס געפיהל, אז ס'קינד וועט געבארען ווערען אהן אויגען. און אז זי האט זיך גוט אויסגעוויינט, געבליבען ליגען אהן כחות, איז איהר תמיד לייכטער געווארען, און זי האט אנגעהויבען צווייפ־לען, צי זי טראגט, אז דאס רעדט זי זיך אליין איין. ווען זי וואלט געטראגען, וואלט זי זיך מסתמא נים גוט געפיהלט, עפעס וואלט זיך אין איהר גערודערט, געשטויסען און דא — ווי קיינמאל גארנישט. און אפשר טראגט זי א פערזעהעניש וואס באוועגט זיך נישט? זי האט דאך אליין געהערט ווי א פישעריז האט גע־

בארען... ס'איהר קאלט געווארען, נישט געוואלט טראכטען דער־
פון און זיך טיעפער איינגעגראבען אין די קישענס.

זי איז געווען נור מיט זיך, פארגעסען אז א חוץ איהר עקזיס־
טירט נאך א וועלט, אז מענשען אין שכנות, מענשען איבער דער
וואנד אינטערעסירען זיך מיט איהר, האלטען זי אין איין דערמאַ־
נען, אז זי, שרה'קע, פילט אוים זייער לעבען. ברוך'ן האט זי
מעהר נישט צוגעלאזען צו זיך, נישט געקענט קוקען וואו ער איז
געשטאנען, פיינט געקראגען זיין קול, זיין גאנג, נישט געוואוסט
וואס ער האט פון איהר געוואלט און בעשלאסען, אז זי מוז זיך
מיט איהם פאנאנדערגעהן. וואס ער האט נישט געטהון, צוגעזאגט,
אלץ האט זי דעגערווירט, געזעהן, אז ער איז נאריש, אומגעלומ־
פערט, אז ווי ר'נאך האט זי זיך געקענט פערגעסען? אויב ס'זאל
אמת זיין, וועט זי ניט ארוים פון דעם צימער, זיך קיינעם אויף
די אויגען ניט ווייזען, אפילו ניט ברייגען! נו, טאקע, ווי וועט
זי זיך ווייזען בריינע'ן אויף די אויגען מיט א בויך? נישטא
קיין מיאוס'ערע בעשעפעניש ווי א טראגעדיגע פרוי! די פלייי־
צעס איינגעפאלען, די פים דיק, ריהרען זיך ווי קלעצלעך, ס'פנים
צושוואומען, ווי ביי א טראגעדיגע קאץ, די נאז־לעכער גרעסער, צי־
טערען — — — זי האט א קוק געטהון אין שפיעגעל וואס האט
געהאנגען איבער איהר בעט, געמאכט גרימאסען מיט'ן פנים, מיט
דער נאז, נישט געפונען קיין ענדערונג און איז אראפ פון בעטעל.
זי האט זיך אפגעשלאסען, אראפגעווארפען די מלבושים און גע־
בליבען א נאקעטע שטעהן פאר'ן שפיעגעל. א טראגעדיגע קאץ,
וואס איז געלעגען אין דעם אפשיין פון צוברעננטען קאבעל־אווי־
ווען און זיך געווארעמט, האט זיך איבערגעצויגען און מיט איין
ציה זיך גענומען רייבען מיט דער אנגעוואו ימטער פעל אן שרה'־
קעס נאקעטע פים. שרה'קע האט פעררייסען די הענד, ארומגענו־
מען דעם שווערען קנויל מיט האר וואס איז נאכלעסיג געלעגען ביי
איהר אויף'ן קארק, און געזעהן אין שפיעגעל ווי א בויגיגע ליניע
שניידט זיך פון איהר האלז ביז איבער די קנעבלעך. מיט יעדען
דרעה פון קערפער, מיט יעדען בויג, האט די ליניע אנגענומען

פערשיעדענע פאָרמען, זיך נישט צושוואומען און ס'איז איהר לייכ־מער געוואָרען. דאָס האָט אנגעהאַלטען אַ רגע. טיעף אין דער נשמה האָט זיך עפּעס גערעגט, אונטערגעזאָגט, אַז פרויען אין די העכערע מאַנאַטען ווערען אַזוי צוּיאָוירען, אַז די ליניען פערליי־רען זיך, צושווימען, ווערען פערגאָסען מיט געשווילעכץ.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער קאַץ, זי געגלעט איבער'ן נאַרישען קעפּעל, איבער'ן צו ברייטען רוקען, האָט די קאַץ גע־דרעהט מיט'ן עק, אונטערגעהויבען אַ פּיסעל, געוואַרטשעט פון נחת און זיך אויסגעצויגען אין דעם אפשיין פון צוגליהטען אויי־ווען. די קאַץ איז געבליבען ליגען אויף'ן רוקען, פאַרוואָרפען די פּיס און אויף'ן אנגעצויגענעם בויך האָבען זיך אַרויסגעפּרעסט קעפּלעך, פּיסלעך, זיך געפּאָלדערוועט, צוריק איינגעפאַלען. די קאַץ האָט פון גרויס הנאה ברייטער פאַנאַנדערגעריסען די פּיס, פער־זשמורעט די אויגען, געוואַרטשעט פון פערגעניגען און אונטער־געשטעלט דעם בויך אונטער דער היץ וואָס האָט זיך געפּאַקט פון אויווען.

שרה'קע איז לאַנג געשטאַנען איבער דער קאַץ, געקוקט אין די פערזשמורעטע אויגען וואָס האָבען נישט אויפגעהערט צו ציטער־רען, געווען דורכגענומען מיט אַ רחמנות געפיהל און איהר בע־שלום נישט צו האָבען אַ קינד איז געוואָרען שטאַרקער.

צייט ברײַנע האָט באַמערקט אַז שרה'קע מיידעט אויס די שטובינע איז זי אומגעגאַנגען ווי אהן אַ קאָפּ. זי האָט זיך אָנ־געשטויסען וואָס ס'איז, געווען אָבער אַזוי בעשיידען, אַז כאָטש זי איז שוין געווען איבער די זיבעציגער האָט זי זיך נאָך אַלץ געשעהמט צו פערפיהרען אַ שמועס מיט שרה'קען. עטליכע מאָל אַ טאָג איז זי אַריינגעקומען צו איהר, אהן ווערטער זיך גענוצט אויף'ן בעטעל, כלומרשט געפרעגט צו זי וועט נישט נעהמען עפּעס אין מויל אריין. איצט האָט זי זיך געמאַכט האַרץ און אַרויפגעי־לעגט אַ האַנד אויף שרה'קעס קאָפּ:

— וואָס איז, שרה'קע ביזט עפּעס נישט מיט אַלעמען? איך מיין, מען דאַרף אפשר אַריבערשיקען נאָכ'ן דאָקטאָר?

— איך וויל קיין דאקטאר נישט! — האט שרה'קע זיך א נערוועזן ווארף געטהון.

— און אפשר גאר אריבערשיקען נאך דער אלטער מינאצקין? וואס אנבעלאנגט פרויען וויים זי פונקט וויפיעל א דאקטאר!

שרה'קע איז רויט געווארען, זיך געכאפט אז ברײנע ווײס דאס זי טראגט, אנדערש וואלט זי נישט געהייסען שיקען נאך דער אלטער באבע, וואס נעהמט אפ קינדער איז דארף און מים אמאל זיך א פרעג געטהון:

— דער טאטע וויים אויך?

— וואס מיינסטו?

— כ'מיין — האט שרה'קע נישט געוואוסט ווי זיך צו האלטען, מורא געהאט אז זי אליין זאל זיך נישט פער'מסר'ען, טאטער וויים ברײנע פון גאר נישט און איז רויט געווארען — צו וואס הייסטו עפעס שיקען נאך מינאצקין?

— איך זעה אז דו פאלסט אפ פון טאג צו טאג, טראכט איך, א יונגע ווייבעל, איך וויים — האט די אלטע אראפגעלאזט די אויגען — וואס מיינסטו קען עס דען שאדען אז זי וועט אריבער קומען?

— מיינסט אז כ'טראג? — האט שרה'קע אויסגעשאסען.

— ס'איז חס וחלילה קיין פארברעכען — איז די אלטע געווארען דרייסטער — האסט זיך נישט וואס צו שעהמען, לויטערע רבנים האבען דיר אפגעגעבען חופה־קדושין, אויף אלע אידישע טעכטער געזאגט!

— כ'וויל נישט — האט שרה'קע זיך א קרום געטהון ווי א קראנק קינד, ווען מען שטעהט איבער עס ס'זאל איינגעהמען א רפואה.

— וואס ווילסטו נישט, נארעלע דו? — האט ברײנע זי נעגלעט איבער'ן קאפ.

— כ'וויל נישט טראגען!

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט די אַלטע זיך צולאַכט — טראַנסט דען?

— כ'ווייס נישט!

— נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכען — האָט די אַלטע זיך געווישט די אויגען — אַנדערע מאַמעס לאָזען זיך קאָסטען אַ פאַרמעגען צו האָבען אַ קינד, מען דאָקטערט זיך, מען פאָהרט צו רביים און דאָ אַז גאָט גיט אַז מען האָט צום יאָהר אַ קינד איז אַן אומגליק? אוי, שרה'קע, שרה'קע, זיי מיר מוחל, ביזט געבליבען די זעלבע ווילדע ציעג ווי ביזט געוועזן! כ'האָב געמיינט, כ'ווייס וואָס? און דאָ אַ יונג ווייבעל, דאַרפסט ליבען דעם אויבערשטען פאַר זיין חסד. און דו שווייגסט! ס'זאָל זיין אין אַ מזל'דיגע שעה, הערסט שרה'קע, כ'געה שוין אַריין צום טאַטען, לאָז ער אויך האָבען נחת!

— געה נישט! — האָט שרה'קע זיך אויפגעזעצט.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט געהן — אַז דו וועסט געהן — — — האָט שרה'קע נישט געענדיגט.

— טאָ וואָס וועט זיין?

— כ'וועל נישט האָבען קיין קינד! — האָט זי זיך צוריק אויסגעצויגען אויפ'ן בעטעל.

— וואָס? — איז די אַלטע צוריק צוגעגאַנגען צו איהר — ווילסט נישט האָבען קיין קינד, האָסטו נישט געדאַרפט חתונה האָבען! אַ נייע משוגעת! וואָס פאַר אַ מענש וויל דאָס נישט האָבען קיין קינד? כ'רעד שוין פון מיין גאַל, מענשען פון דער אַלטער וועלט, דו האָלסט נישט פון זיי, נעהם דיינע מענשען — האָבען נישט אַלע קיין קינדער? אפילו אַ קייסערינע האָט אויך קינדער! געהערט? דאָס האָט זיך מיר נאָר נישט געחלום'ט! האָסט געוואָלט זיין קלוגער פון דער גאַנצער וועלט, האָסטו נישט געדאַרפט חתונה האָבען!?

— איהר האָט מיך חתונה געמאַכט!

— טאכטערשי, ס'האט דיר קיינער נישט געגייט! איבע־ריגענס, זעהסטו דאך, האסט געוואלט זיין קליגער פון אלעמען און טראגסט אויך. אזוי איז שוין דער סדר פון דער וועלט. ווייבער זיינען בעשאפען געווארען אז זיי זאלען טראגען, אז נישט וואלט געווען אוים וועלט! אז גאנצע טעג ביזטו פערטהון אין דיינע פוילישע ביכער, ווען דו וואלסט אריינגעקוקט אין א טייטש־חומש וואלסטו אפשר צו דעם נישט געקומען. צו וואס מיינסטו האט גאט בעשאפען חוה'ן? אדם האט דאך געקענט זיין אליין? זאגט די הייליגע תורה, אז א מענש אליין איז סמוטנע, ער דארף האבען אן ארויסהעלפער, דארף געבוירען קינדער, אנדערש וואלט דאך די וועלט קיין קיום נישט געהאט... וואס לאכסטו? ביזט שוין קלוגער פון דער הייליגער תורה אויך? אויב אזוי — האט די אלטע א ציה געטהון מיט די אקסלען — אי שרה'קע, שרה'קע, זינדיג נישט...

נאכ'ן שמועס מיט בריינען האט שרה'קע באמערקט אז אלע אין שטוב ווייסען דאס אז זי טראגט. מען האט אנגעהויבען צו רעדען מיט איהר וזייכער, איהר נאכגעטראגען וואו זי איז געגאנגען א שטוהל, א פוסען־בענקעל, זי נישט געלאזט הויך רעדען קיין זאך נישט אויפהויבען און שרה'קע האט געהאט ס'געפיהל אז מען וועט זי באלד ארייגשטעלען אין שויבען־שענקעל צווישען דעם זילבער, אז מען זאל נור קוקען אויף איהר און נישט אנריהרען. אפילו ברוך וואס איז די גאנצע צייט געווען אנגעבלאזען ארומגעגאנגען אן אנגעשטויסענער אויף דער גאנצער וועלט, אפילו ער איז איצט געווארען וזייכער, זיך געפיהלט דער שולדיגער אין אלעם און געגלויבט, לאז שרה'קע נאר האבען דאס קינד וועלען איהרע אלע נארישקייטען ארויס פון קאפ און זי וועט ווערען אן אנדערע.

פארטאג האט ער איהר שוין צוגעטראגען אין בעט אריין באווארקע מיט קאניאק, געגאנגען אויף די שפיץ־נעגעל, ער זאל זי נישט אויפוועקען, פלייסיגער געארבייט אין וואלד, געפיהלט אז ער פונדעוועט זיך איין, אז מיט'ן קינד'ס געבוירען ווערט ער אן

אמת'ער בעל הבית. ביי נאכט האט ער זיך אפט געבעטען ביי איהר:

— שלאפסט, שרה'קע!

— וואס איז?

— ביזט נאך אלץ ברוגז?

— כ'וועל אייביג זיין ברוגז.

— וואס בין איך שולדיג?

— אז כ'האב דיך נישט ליעב.

— זאג, וואס זאל איך טהון אז דו זאלסט מיך ליעב האבען?

— כ'ווייס נישט — — —

— וועסט זעהן, שרה'קע קרויז, וועסט ווערען אנדערש..... דארפסט אויסטהון די קינדערשע שיכלעך, געהסט דאך באלד ווע־רען א מאמע...

— רעד מעהר נישט דערפון!

— גוט, כ'וועל מעהר נישט רעדען, אבי ערגער זיך נישט!

— אז כ'וועל נישט ווערען קיין מאמע!

— וואס דען וועסטו ווערען? — האט ער כלומרשט געשמיי־בעלט.

יי האט נישט געענטפערט, זיך אויסגעדרעהט, זיך געמאכט שלאפען. ער איז געבליבען זיצען אויפ'ן בעט, זיך געפיהלט דער אומגליקליכסטער, געציטערט פון קעלט. אין שטילען צימער האט זיך געהערט ווי עס קלאפען ביי איהם א צאהן אן א צאהן.

— וואס געהסטו נישט שלאפען? — האט זי זיך מיט אמאל אויסגעדרעהט.

— כ'וועל אזוי זיצען א גאנצע נאכט.

— וועסט דאך זיך צוקיהלען?

— כ'וויל קראנק ווערען אויף לונגען אנצינדונג.

— כ'בעט דיך, ברוך, געה שלאפען — — —

— כ'וועל נישט געהן!

— פארוואס?

— ווייל — — — —

— גנוג, ברוך, — האט זי איהם געגלעט א האנד.

— טא לאמיך אריין...

זי האט ניט געענטפערט, זיך א רוק געטהון צו דער וואנד, ווי זי וואלט פאר איהם געמאכט פלאץ, זיך נעדרעהט אונטער דער פוכאווער איבערדעק און זיך פארגעסען.

— 13 —

קראנענבערג.

אזוי איז אוועק א חודש נאך א חודש. זי האט זיך ביסלעכ־וויים צגעוועהנט צום געדאנק, אז זי טראגט און אז זי האט צום ערשטען מאל דערפיהלט ווי עפעס לעבעדיגעס טהוט זיך א ריהר ביי איהר אונטער'ן הארץ, איז איהר אזוי ווארעם געווארען, גע־ווארט אז עס זאל זיך נאך אמאל איבער'חזר'ן און אליין נישט פערשטאנען פארוואס ס'איז איהר ביז איצט געווען אזוי דער־ווידער. יעדעס מאל ווען ס'קינד האט זיך א ריהר געטהון, האט זי געהאט דאס געפיהל, ווי זי וואלט אויף א רגע א כאפ געטהון אין דער האנד אריין א לעבעדיג פישעל, ס'פישעל טהוט זיך א צאפעל, גליטשט זיך ארויס און פערשווינדט. זי האט געבענקט נאכ'ן צאפעל, און ווי א פערליעבטע וואס זיצט שעה'ן אין פענסטער און קוקט זיך די אויגען אויס דער געליעבטער זאל אנקומען, אזוי האט שרה'קע געווארט אז דאס פרעמדע נפש'ל, וואס עס האט זיך איהר אנדערש נישט פארגעשטעלט ווי אין דער פארמע פון א פישעל, זאל זיך א ריהר טהון, צעווארעמען ביי איהר אלע גליעדער. ווי פון זיך האט זי גענומען חלום'ען אז ס'וועט דוקא זיין א אינגעל, מיט א קאפ שווארצע האר, און ס'איז איהר דורך דער נאנצער צייט ס'ערשטע מאל אויף זינען געקומען קראנענבערג. ווען נימ ער וואלט זי אפשר צו דעם אלעם נים געקומען. ער האט זיך א שפיעל געטהון מיט איהר אהן ווערטער, איהר פערדרעהט דעם קאפ מיט א שעהנעם זשעסט און אז זי איז גרייט געווען נאכצוגעהן וואו ער וועט נור וועלען, האט ער זי אפגעשטעלט צוריק צו'ם מאן,

קיין ווארט נישט אויסגערעדט, ווי זיי וואלטען געווען ווילד־פרעמדע, האט זי פון ערגערניש און אפשר קראנקענבערג'ן אויף צו להכעיס זיך פערגעסען. א פערלאנג האט זי איצט ארומגענומען אז זי מוז זיך זעהן מיט איהם, אז זי וועט זיך ניט שעהמען וואס זי טראגט, וועט איהם גלייך קוקען אין די אויגען, זיך רייצען, אז שולדיג אין אלעמען איז ער. זי האט געשיקט רופען וואצעקען:

— מיר האבען א זאטעל?

— ס'ארען?

— א דאמסקען.

— ניין, טהייערע פאני.

— טא פאהר אריבער צום יונגען קראנקענבערג און זאג איהם אז איך האב געבעטען ער זאל מיר אנטלייען א זאטעל.

— שוין?

— יא. ווארט! — האט שרה'קע גענומען זוכען טינט און פעדער — כ'וועל דיר מיטגעבען א בריוועל.

זי האט אנגעהויבען שרייבען, צוריסען איבער א טוץ ביינעלער פאפיער און א דענערווירטע זיך געווענדעט צום פויער:

— פאהר אזוי!

אז דער פויער איז ארויס פון הויז האט איהר באנג געטהון דער גאנצער עסק. זי האט זיך כלומרשט געדרעהט, איהם געוואלט צוריקרופען, עטליכע מאל צוגעלאפען צום פענסטער, וואס איז ארויסגעגאנגען אין סאד אריין, דורך וועלכען זי האט געוואוסט אז זי קען איהם נישט זעהן, זיך אזוי לאנג געפארעט, ביז דער פויער איז פערשוואונדען פון הויף אויף א שליטען. פון חרטה איז איהר אזש ווארעם געווארען, געפיהלט אז זי איז שוין מעהר קיין מיידעל, זי דארף נישט דעם זאטעל, וועט נישט רייטען, אז אין דעם שטעקט עפעס, וואס זי אליין ווייס נישט, און נים וויר־לענדיג ארייגעגאנגען זיך איבערטהון. צום ערשטען מאל זייט זי האט אנגעהויבען טראגען האט זי זיך איבערגעטהון. זי האט זיך איינגעצויגען אין א ווייכען קארסעט, זיך אנגעטהון א קלייד

ביז צום טריט, און קוקענדיג אין שפיגעל האט זי זיך געוואונ־
דערט ווי יונג זי זעהט אויס, קיינעם וועט נישט איינפאלען אז זי
שוואנגערט.

— וואס האסטו זיך עפעס אזוי אויסגעפוצט? — האט בריי־
נע פערביינעהענדיג זיך אפגעשטעלט.

— זעה איך נישט אויס ווי א מיידעל? — האט שרה׳קע זיך
א שטעל געטהון, און געוועזן גליקליך וואס זי פוצט זיך פאר קרא־
נענבערג׳ען.

— טהו שוין אויס דעם קארסעט, — איז ברייגע צו איהר צו־
געשטאנען — וואס! ווילסט דיר דוקא א מעשה אנטהון, זעה נור
ווי זי האט איינגעשנורעוועט!

ברייגע האט גענומען לויז מאכען די טאשמעס פון קארסעט.
איהם אראפגעשלעפט, איהם געהאלטען מיט צוויי פינגער, ווי זי
וואלט זיך געמיגעלט און צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ:

— דער וואס האט אויסגעטראכט אזא נשמה קוועטשער וועט
אויך פון גיהנום ניט ארויס!

שרה׳קע האט זיך איבערגעטהון, ארויפגעווארפען אויף זיך א
שווארץ זיידען קלייד, מיט לויזע, ברייטע ארבעל, ווי א יאפאנעזי־
שע גאברעלא און אליין זיך געוואונדערט פאר וועמען זי פוצט
זיך אזוי. ס׳הארץ האט איהר געזאגט אז נאך היינט וועט זי זיך
זעהן מיט קראנענבערג׳ן.

אין א שעה ארום איז א שליטען פערפאהרען און זיך אפגע־
שטעלט נעבען דער ווערענדע מיט א קנאק. שרה׳קע איז געבלי־
בען זיצען אהן אטעם און זיך ניט גערירט פון ארט. זי איז
געווען זיכער אז קראנענבערג איז דא, פערביסען די ליפען, געטא־
מעוועט אין זיך יעדען סימן פון בעגייסטערונג. ווי ס׳וואלט איהר
קיין זאך ניט אנגעגאנגען. און א רוהיגע, ווי א געטין, איז זי
איהם אנטקעגען געגאנגען.

— כ׳האב געוואוסט אז איהר וועט קומען — האט שרה׳קע
איהם געגעבען די האנד.

— אז איך האב ניט געוואוסט, פון וואנען האט איהר גע־

קענט וויסען? — האט קראַנענבערג זיך צוגעבויגען צו דער האַנד און לייכט אַ קוש געגעבען.

— זעהט איהר דאָך! — האט שרה׳קע קוים אַ שמייכעל געטהון, זיך וואוילעריש אויסגעדרעהט און געוואָרען ערנסט — דעם זאַטעל האט איהר געבראַכט?

— איהר רייט דען?

— כ׳רייט.

— כ׳האב געבראַכט אַ דאַמסקען זאַטעל, נור די וועגען זיינען אַזוי אויסגעטרעטען, אַז כ׳וואָלט אייך נישט געראַטען צו רייטען.

שרה׳קע האט דערפיהלט זיינע אויגען אויף איהר בויך, געוועזען זיכער, אַז דאס רעדט ער איהר אָפּ פון צו רייטען, ווייס מסתמא אַז זי איז אין די העכערע מאָנאַטען. און איז רויט געוואָרען. אַ פער׳עקשן׳טע האט זי פון איהם קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, ווי זי וואָלט געזאָגט — נו, אַז איהר ווייסט, טאַ וואס איז? — פערפלאָמט געוואָרען ביז איבער די וואָרצלען פון די האָר. זי האט געוואוסט אַז זי מוז נאַריש אויסזעהן, דאַרף שווייגען, און אויף צו להכעיס זיך געפרעגט:

— און אַז דער וועג איז שלעכט טאָר מען נישט רייטען?

— פערד האַלטען אין איין פאַלען.

— איז וואס?

ער האט אַ שמייכעל געטהון, ס׳איז איהם אָפּגים געפעלען איהר קינדערשע איינגעשפּאַרטקייט און ער האט זיך אָנגערופען:

— אויב איהר ווילט, וועל איך אייך בעסער מיטנעהמען אויף מיין שליטען.

— וואו פאָהרט איהר דען? — האט זי איהם איבערגעהאַקט?

— כ׳פאָהר בעזוכען אַ קאָלעגע — ער איז געפעהרליך קראַנק.

— טאַ ווי קום איך אַהין?

— אַז איך לאָז אייך איין, — האט קראַנענבערג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, נישט דערענדיגענדיג, ווי ער וואָלט זיך געאיילט — טהוט אייך וואַרעם אָן און קומט.

— ניין, כ'וועל נישט פאהרען.
— וועל'ן מיר זיך אזוי דורכשליטלען.
— דאס יא.
אז זיי זיינען געזעסען אין שליטען האט שרה'קע כמעט ווי זיך געבעטען:
— נור פאהרט ניט אזוי שנעל.
— בייטאג פאהר איך קיין מאל ניט שנעל — האט ער שטיל געענטפערט און איבערגעקניפט די לייצען.
אויף'ן שאסע האבען זיך די פערד צוהירזשעט, זיך פערנאנ־דערגעטרייסעלט און דער שליטען האט זיך געהאלטען אין איין וויעגען ארויף און אראפ, איבער דעם ערטערווייז אויסגעטראטע־נעם שאססע.
— אייער קאלעגא איז טאקע אזוי געפעהרליך קראנק?
— האט סוכאטע. זיך געוואלגערט יאהרען אין סיביר, אונ־טערגעהונגערט, זיך צונעקיהלט אין טורמע און איצט אז מען האט איהם בעפרייט...
— ביי וועמען איז ער? — האט שרה'קע איהם ניט געלאזט ענדיגען.
— ביי פריינד. ס'איז א גאנצע געשיכטע — האט קראנענ־בערג איינגעדרעהט די פערד' צום וואלד צו — ער איז געקומען צור־ריק פון סיביר מיט א פרוי, זעהר א וואויל מיידעל, א אידישע — — — —
— און ער?
— ער איז א פאלאק. ווען איהר קענט איהם איידער מען האט איהם אוועקגעשיקט נאך סיביר! דאס איז געווען די גוטסקייט אליין! היינט אויף'ן טויטען־בעט ליעגט איהם נור איין זאך אין זינען — דאס פוילישע פאלק. ער גלויבט, אז דאס פוילישע פאלק קומט אפ, פונקט ווי יעזוס, פאר די זינד פון אלע דריי פעל־קער, טענה'ט, אז פאלאקען, אידען פראנצויזען, די דריי פעלקער, וואס ליידען אם מייסטען, וועלען ברענגען משיח'ן. ער איז געווא־רען אן אנהענגער פון טאוויאנסקי'ן, וואס האט א וועלט פער־

פיהרט מיט זיינע נביאות וועגן משיח'ן און מערקווירדיג, מיין קא־לענגא האט דעם זעלבען טאוויאנסקי'ן ביים לעבען געהאלטען אין איין פערפאלגען.

— וועמען?

— טאוויאנסקי'ן. ער האט מיט זיין מעסיאנסטווא בעאיינ־פלוסט די גאנצע פוילישע אינטעליגענץ פון ערשטען העלפט פון ניינצענטען יאהרהונדערט. מיצקעוויטש, קראשינסקי און סהייל־וויין סלאוואצקי האבען איהם פארגעטערט, זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט זיין'ס און איהם בלינד געפאלגט ווי א פרומער איד די תורה. ס'קען זיין אז דאס איז געווען דער לעצטער נביא פון אונזער צייט.

— פאר וואס ווערען מענשען אויף דער עלטער פרום? — האט שרה'קע מיט אמאל א פרעג געטהון — אוים מורא פאר'ן טויט?

— כ'גלויב נישט, מיין קאלעגא זאל מורא האבען פאר'ן טויט — האט קראנענבערג געשמייכעלט ווי ר'נאך שרה'קע האט אוועק־געשטעלט די פראגע — אויף א מענש וואס האט נישט איינמאל געקוקט דעם טויט אין די אויגען, קען מען דאס נישט זאגען. כ'וויים, יאהרען געווען א רעוואלוציאנער, געשאסען א פאר מענ־שען, איז עס זעהר מענשליך מען זאל סוף כל סוף חרטה האבען, מען זאל זיך ענטטוישען אין די ארומיגע און ווערען א בעל־תשובה. כמעט די שעהנסטע טהוערס פון יעדער רעוואלוציע, אויב זיי זייר־נען נור נישט גע'הרג'עט געווארען, זיינען געבליבען בעלי־תשו־בות. נור א דעמאגאג און א נאר קען ס'גאנצע לעבען גלויבען, אז די ישועה וועט און מוז קומען פון פראלעטאריאט. איהר דארפט מעהר, נעמט אייער פאטער? — האט קראנענ־בערג א בליץ געטהון מיט די אויגען און דאס פולע מויל מיט שארפע צייהן האט דערמאנט עפעס אדלערשעס.

ער איז אנטשוויגען געווארען, א טרייב נעטהון די פערד, גע־עפענט ס'מויל, ווי ער וואלט זיך עפעס דערמאנט און זיך אויס־געדרעהט מיט'ן פנים צו שרה'קען.

— כ'וועל אייך עפּעס דערציילען, וועט איהר זעהן וואָס פאַר אַ מענש מיין קאַלעגא איז. אַז ער איז צוריקגעקומען פון סי־ביר, אַ צובראָכענער, אַ קראַנקער, האָט רוטקאָווסקי, דער רימאַ־קער שרה, אויך אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער, איהם פערבעטען מיט'ן ווייב צו זיך. (זיי האָבען אָפּגעוואוינט אַ פּאָר וואָכען צו־זאַמען), האָט מיין קאַלעגא באַמערקט ווי צווישען זיין יונגער ווייב און רוטקאָווסקי'ן פּלאָנטערט זיך עפּעס. וואָס וואָלט אַ צווייטער געטהון? געמאַכט סקאַנדאַלען, אַוועק מיט דער ווייב, אויב ער וואָלט זיך געקענט העלפען, זיך געשלאָגען מיט רוטקאָווסקי'ן ווי ס'פיהרט זיך. מיין קאַלעגא האָט אָפּגעוואַרט אַ צייט, ווען נאָהנ־טע בעקאַנטע זיינען געזעסען אַרום טיש, צוגעפיהרט זיין ווייב צו רוטקאָווסקי'ן און דורכאויס פערלאַנגט, קושענדיג זיי די הענד, זיי זאָלען זיך נישט פיהלען שלעכט אין זיין געגענוואַרט, בלייבען פריינד, אַז ער וועט זיי נישט זיין אין וועג, פערקעהרט, ער וועט זיין דער גליקליכסטער, וואָס ער האָט געקענט פערשאַפען זיינע פריינד פערגעניגען. און ער האָט דאָס געטהון אַזוי קינדיש, אַזוי הארציג, אַז אַלע זיינען געבליבען זיצען שטומע אַרום טיש, מיט טרערען אין די אויגען. כ'ווייס ניט וואָס ביי איהם אין הארץ האָט זיך געטהון, איך וואָלט אויף דעם אפשר ניט פעהיג געווען, נור פון יענעם אבענד אָן פערהאַלט ער זיך צום געוועזענעם ווייב און צו רוטקאָווסקי'ן, ווי צו אַ ברודער און אַ שוועסטער, פיהלט זיך פריי אין זייער געגענוואַרט. גאַנצע טעג לייענט ער די ביבעל, טאָווי־אַנסקי'ס נביאות און אויסצוגען פון מיצקעוויטש'עס „דזשאדי".

שרה'קע איז געווען געריהרט, געטראָכט, אַז דאָס דאַרף מען קענען, מען דאַרף האָבען כח צו טהון אַזאַ זאַך. און פאַר וואָס זאָל עס זיין אַנדערש? ער איז קראַנק, צובראָכען, ס'ווייב איז יונג, די אידעאַלען פאַר וועלכע זיי האָבען צוזאַמען געאַרבייט, זיינען לאַנג פערשוואונדען, רוטקאָווסקי איז מסתמא אויך יונג און אַז זיי האָבען זיך ליעב, פאַר וואָס זאָל מען זיי שטערען? זי האָט זיך נור ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז דאָס זאָל זיין אַ אידיש מיי־דעל.

זיי האבען מעהר נישט גערעדט, זיך נעהנטער צוגערוקט איי־נער צום צווייטען. דער שליטען האט זיך האסטיג געטראגען און וואס טיעפער ער איז אריין אין וואלד אלץ טונקעלער איז געווא־רען. דאס געשריי פון די וואראנעס וואס זיינען געזעסען אויף די נאקעטע, פערשנעעטע ביימער, פעריסען די שנאבלען און גע־קראקעט, האט אונהיימליך געקלונגען איבער'ן וואלד.

שרה'קע האט דערפיהלט אויף זיך קראנענבערג'ס בליק, גע־הערט ווי ער פרעגט:

— איהר האט געווארט אויף מיר?

— ניין.

— איהר ווילט נישט צוגעבען.

— וואס פאלט אייך איין?

— כ'ווייס אליין נישט. כ'בין אבער זיכער — — —

— אז וואס?

— אז — — — וואראנעס זיינען פערשאלטענע נשמות!

— זאגט, אז וואס? — האט שרה'קע זיך געפיעשטשעט און איהם אנגענומען פאר א האנד.

ער האט נישט געענטפערט, צוגעלייגט איהר האנד צום מויל און לאנג געקושט.

זי האט די האנד נישט צוגענומען.

קראנענבערג האט אויסגעדרעהט. זיי האבען כמעט דעם גאנ־צען וועג אהיים געשוויגען און דאס שווייגען האט שרה'קען נאך מעהר דערנעהנטערט צו איהם. געפיהלט אז טויזענדער פעדים אונזעהבארע, בינדען זי מיט איהם. ער האט זי צוגעפיהרט צום הויז, זי אראפגענומען און זיך פערנוינט:

— איצט וועל איך צופאהרען צו מיין פריינד.

— לאזט איהם גריסען.

— אויב איהר האט נישט דאגעגען, וועל איך נאך אפשר היינט אין אבענד צו קומען.

— קומט צו.

— צו'ם ווידערזעהן.

ברוך האט זיך גארנישט געקענט העלפען. כמעט יעדען אבענד ווען ער איז אהיים געקומען פון וואלד, האט ער ביי זיך געטראפען קראנענבערג'ען. ס'ערשטע מאל, אז ער איז אריין צו שרה'קע און איהם דערזעהן זיצען אין בלויזען קאפ, האט ער זיך אזוי פערלוי־רען אז ער האט אנגעהויבען צו שטאמלען, געוואלט צוריק ארויס און פון גרויס צורודערקייט אראפגענומען דאס היטעל.

— דו קענסט דאך הערר קראנענבערג'ען? — האט שרה'קע איהם ארויסגעהאלפען.

— געוויס, מיר קענען זיך איז ער אונטערגעגאנגען און איהם געדריקט די האנד.

ער איז געווארען אויפגערוימטער. מעשה בעל הבית איבער־געדוקט א שטוהל,געזעסען א רגע. באלד זיך ווידער אויפגעשטעלט און קוקענדיג אויף שרה'קען, זיך סתם א פרעג געטהון:

— וועם מען אפשר טרינקען טהעע?

— גוט, — האט שרה'קע זיך געטוליעט אין א טערקישען שאל

— זיי מאקע אזוי גוט און היים אריינברייגגען.

ער איז אויפגעשפרונגען, ווי א לעהר־אינגעל וואס וויל אוים־נעהמען ביים בעל הבית, זי מעהר נישט איבערגעפרעגט און מיט גיכע טריט ארויס פון צימער.

שרה'קע האט באמערקט ווי קראנענבערג קוקט אויף איהר. זוכט איהר בליק, האט זי אויף צו להכעיס זיך געמאכט נישט זע־הענדיג, געצופט די פראנזען פון שאל, מיט אמאל א הויב געטהון אייז אויג, זיך אנגעטראפען מיט'ן קראנענבערג. זיך געמאסטען א ווייל. צוזאמען נאכגעלאזט אוןביידע האבען זיך דערפיהלט קאמיש.

ברוך האט אריינגעבראכט טהעע, איינגעמאכץ. זיך ברייט אוועקגעזעצט און אפגעהוסט.

— מיר קענען נישט צוקומען צו דער אלשינע!

— וואס מיינט איהר?

— ס'איז אזוי גליטשיק אז מען קען זיך נישט דערהאלטען אויף די פיס.

— ס'וועט לאזען, נאך א וואך צוויי.

— איהר געהט טאקע פערקויפען דאס שטיקעל וואלד הינ־טער'ן בית־עלמין? — האט ברוך געוואלט אנהאלטען דעם שמועס.

— כ'וויים נישט.

— אייער לעשניק האט מיר נור וואס דערצעהלט.

— ס'קען זיין.

דער שמועס האט זיך נישט געצויגען, ברוך איז אנשווינגען געווארען, געטראכט אז ער קען נישט פארברענגען מיט קיין מענ־שען, געוואלט עפעס זאגען און וואס לענגער דער שווייגען האט זיך פערצויגען, אלץ שווערער איז געווארען אנצוהויבען. ברוך האט דערזופט דאס גלאז טהע, געווארפען מיט די אויגען פון שרה'־קען אויף קראנענבערג'ען, געקלאפט מיט'ן לעפעלע אז לעדיגען גלאז זיך געפיהלט, אז איבעריגער. אפגעמאכט ביי זיך נישט אוועק־צוגעהן. ער איז דער בעל הבית און אז איינער קומט צו איהם, מעג עם אפילו זיין דער קייסער אליין, דארף ער נישט זיצען אז אנ־געבלאזענער און ער האט זיך אויפגעשטעלט:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, הערר קראנענבערג, ס'טהוט מיר זעהר לייד וואס איך דארף אוועקגעהן, זייט נישט ביי אונז קיין גאסט — און ער האט זיך געווענדעט צום ווייב — אז מען האט א גאסט איז מען מכבד, נישט מען זיצט ביי א ליידיגען טיש, וואס זאגט איהר הערר קראנענבערג?

— ס'מאכט נישט...

— א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט.

אז ער איז ארויס, האט זיך ביידען א לענגערע צייט אויס־געדאכט אז ער שטעהט הינטער דער טהיר, הערט זיך איין וואס דא קומט פאר. זיי האבען געשוויגען א פאר מאל זיך איבערגע־

קוקט, איבערגעגאנגען אין א שמייכעל און ווידער געשוויגען. אין א ווײלע ארום האט זיך קראנענבערג אויפגעשטעלט.

— איהר געהט שוין?

— צײט.

— וואס איז ס'געאייל?

— כ'ווײס אליין נישט.

— זיצט נאך.

— ניין, כ'געה. מיר זײנען דאך עפעס שטימונגס מענשען. און ער צוגעגאנגען צו שרה'קען און איהר געגעבען די האנד — א גוטע נאכט.

זי האט געענטפערט מיט'ן קאפ, נאכגעקוקט, ווי ער איז ארויס און א לאנגע צײט געהאלטען די אויגען אין דעם חלל פון דער טהיר. ווי ס'וואלט עפעס נאך איהם פערבליבען. ס'האט איהר באנג געטהון וואס ער איז אוועק, געהאט פערדרוס פאר וואס זי האט איהם נישט געבעטען קומען און דערפיהלט ווי זי טרייסעלט זיך אין גאנצען. ס'איז איהר מיט אמאל געווארען אזוי ענג, דושנע, ווי ס'וואלט איהר אויסגעפעהלט אטהעם. אלץ ארום האט געדריקט, געוועזן דערווידער און ס'האט זיך געוואלט א געשריי טהון. ברוך האט געעפענט די טהיר אריינגעשטעקט דעם קאפ, געזעהען שרה'קען אזא פערזארגטע איז ער צוגעקומען:

— וואס איז? פיהלסט נישט גוט?

זי האט נישט געענטפערט אנגעשפארט דעם קאפ אין ווענטעל פון דעם שטוהל און זיך צעוויינט.

ברוך האט איהר געקושט די האר, געפאלען צו די פיס, זיך געבעטען:

— שרה'קע, כ'באשווער דיך, זאג מיר וואס איז דיר? שרה־קע, ס'האט דיך אימיצער בעליידיגט?

— לאמיך אליין.

— טא זאג מיר פארוואס דו ווײנסט?

— כ'וועל דיר נישט זאגען!

— וועסט מיר יא זאגען!

זי האט נישט געענטפערט, זיך העכער צעוויינט. ברוך האט נישט געוואוסט וואס צו טהון, געשטאנען אז אונבעהאלפענער און זיך געבראכען די פינגער:

— שרה'קע, שרה'קע... וואס ווילסטו פון מיר? זאג, כ'וועל אלעס טהון, אבי וויין נישט!

— גט מיך.

— שפאסט? — האט ער צועפענט א פאר אויגען.

— ניין, כ'מיין ערנסט — האט זי אויפגעהויבען דעם קאפ.

— ווי זאל איך דיר גט'ען אז כ'האב דיר ליעב?

— איך האב אבער דיך נישט ליעב!

— ווערסט מיך ליעב האבען.

— קיינמאל נישט!

— וועמען דען האסטו ליעב?

— קיינעם נישט.

— האסט ליעב א י ה ם?

זי האט פערשטאנען אז ער מיינט קראנענבערג'ען, געוואלט זאגען יא און איהם אנגענומען פאר א האנד:

— כ'שווער דיר אז כ'האב קיינעם ניט ליעב!

ער איז געווארען פון בלויזען בעריהרונג פון איהרע פינגער ווייכער, זיך צוגעזעצט אויף דער זעלבער שטוהל:

— איצט, ווען דו געהסט ווערען א מאמע?

— איצט!

— האסט גאר קיין רחמנות אויף מיר?

זי האט נישט געענטפערט, אנגעשפארט דעם קאפ אין זיין אקסעל. זיי האבען זיך ארומגענומען און זיך צעוויינט

פון יענעם אבענד אז האבען זיי זיך כמעט ווי זיך אויסגעמי־דען, נישט גערעדט צווישען זיך און אז ברוך האט זיך באגעגענט מיט קראנענבערג'ען איז ער געווען אזוי פרעהליך. אז קראנענ־בערג האט זיך תמיד פערלוירען, געבליבען זיצען אין זיין געגענ־ווארט ווי א שולדיגער און זעלטען געקענט א ווארט אויסרעדען ברוך איז יעדעם מאל צוליעב עטיקעטע געבליבען זיצען מיט קרא־

גענבערג'ען עטליכע מינוט און תמיד פערפיהרט כמעט דעם זעלבען שמועס:

— און איהר האקט אלץ נישט אייער וואלד?

— מען האקט נישט זאגט איהר? — האט זיך קראנענבערג'ען אזוי דערעסען דער שמועס אז פיעל מאל האט זיך איהם אויסגע־דוכט אז דער חסידישער יונגער מאן איז גאר נישט אזא נאר, אז דאס מאכט ער פון איהם חוזק, וויל איהם דענערווירען, שמו־עסענדיג וועגען געשעפט.

— וואס דען, מען האקט יא?

— כ'וויים נישט.

— איהר אינטערעסירט זיך נאר נישט מיט אייער אייגען געשעפט?

— כ'מיש זיך ווענינ.

— טשיקאווע, טשיקאווע — האט ער יעדעס מאל געענדיגט. זיך מעהר נישט ענטשולדיגט און זיך ארויסגעשארט ווי א שא־טען.

אזא שמועס איז גענוג געווען קאליע צו מאכען ביי שרה'קען און קראנענבערג'ען די שטימונג אויף א גאנצען אבענד.

— וואס איז, פאניע קראנענבערג? וואס זיים אהר אזוי צוטראגען? — האט שרה'קע איהם באגעגענט א פרעהליכע — טהוט אוים ס'פוטער!

— כ'אייל זיך.

— וואס איז?

— מייז קאלעגא האלט זעהר שמאל.

— וועל איך אייך נישט פערהאלטען.

— איהר וועט אפשר מיטפאהרען?

— כ'וויים?

— פאהרט מיט.

גוט.

אז זיי זיינען אריינגעפאהרען אין הויף, געזעהען ווי פויערי[illegible]

שטעהען אין קופקעס מיט אראפגעלאזטע קעפ, שושקען זיך, איז שרה'קען קאלט געווארען, זי האט מורא געהאט צו טראכטען, אז זיי זיינען געקומען צו שפעט.

רוטקאווסקי, אין בלויזען קאפ, אין א שווארצען פראק, איז זיי אנטקעגען געקומען, א צוטראגענער צוגענומען זייערע מלבושים און איינגערוימט קראנענבערג'ען, אז ס'איז נאך אלעמען. קראנענבערג האט פארגעסען פארצושטעלען שרה'קען, ניט באמערקט ווי אין די צימערען זיינען געזעסען יונגע לייט, אלע אין שווארצע, זיך געלאנגווייליגט וואס ס'נעהמט אזוי לאנג און פון ערנסטע שמועסען וועגען טויט, האט מען זיך אנגעהויבען צו וויצלען, איבערגעגאנגען איז רכילות, און איינער האט אנגעוויזען אויף'ן צורודערטען רוטקאווסקי'ן, וואס איז פערבייגעלאפען:

— איבער איהם איז ער געשטארבען!

— מיינסטו עס מיט אז אמת?

— ער האט איהם צוגענומען ס'ווייב.

— כ'וואלט זי אויך צוגענומען?

— זי איז טאקע אזא שעהנע?

— האסט שוין געזעהן א פאלאץ זאל זיך פערליעבען אין א מיאוס'ע זשידאווקע?

— נו, פארמאכט די מיילער, פארמאכט — איז א יונגער גלח, זייערער א קאלעגע אנטקעגענגעקומען — אין אנוועזענהייט פון טויט מוזען זיי אויך טרייבען רכילות.

— ווער איז דאס? — האט אימיצער געוויזען אויף שרה'קען.

— זעהט ניט אוים ווי א פאלקע.

— אפשר איהר'ס א שוועסטער.

— ס'קען זיין ס'דא אז עהנליכקייט.

— זי איז אבער שעהנער!

— אינגער!

— ר'ווייסט, א ווייב איז גוט צו האבען א פאלקע און פאר א געליעבטע דארף יעדער אנשטענדיגער מענש האבען א זשידאווקע!

— בראווא, יאן!

— שא־א־א! — דער קשאנרז געהט!

אלע האבען זיך אלאז געטהון אויף די קניה און דער גלח, אז עלטערער, א דיקער אין א ווייסען קיטעל איבער די שווארצע מלבושים, מיט א גרויסען צלם אין דער האנד, איז פערביינגעגאנגען.

— די נישט גלויביגע ווערען נאך פאר'ן טויט פרימער ווי אנדערע!

— ס'לעבען איז נאריש.

— וואס מיינסטו?

— אט האט א מענש אפגעלעבט איבער פערציג יאהר, אויפגערודערט א וועלט, געמארדעט ווער עס איהם געשטאנען אין וועג, געוואלט די וועלט בעסער מאכען און יעצט?

— סטאר פילאזאפירט שוין?

ס' איז געווארען מיט אמאל שטיל. פון די צועפענטע טהירען, וואו דער טויטער איז געלעגען אין א געוועהנליכע טרומנע, האט זיך געטראגען א באסאווע שטימע. דער ווירוד, וואס האט זיך געהויבען פון א זילבערנעם קעסעלע, האט אנגעפיהלט די צימערען און אלע האבען זיך צורוקט, שטום געווארען, ווי דער שרעק פאר'ן טויט וואלט זיי פאראליזירט.

שרה'קע איז געשטאנען אין דער אפענער טהיר, געזעהן ווי רוטקאווסקי קניהט, ווי א דאמע אין שווארצען, נאך א יונגע, שטעהט מיט פערבראכענע הענד צוקאפענס די טרומנע, האט זי פערשטאנען, אז דאס איז זיין געוועזענע ווייב. ס'איז איהר מיט אמאל געווארען אונהיימליך, געהאט דאס געפיהל ווי זי וואלט געשטאנען אין א פיילישען קאשטשאל בשעת דער גאטעס־דיענסט. אלע ארום האבען געקניהט, בלויז זי, די דאמע אין שווארצען, און קראנענבערג זיינען געשטאנען. זי איז בייז געווען אויף זיך, נישט געוואלט טראכטען און אין קאפ איז איהר אלץ אין איינעם געקראכען, אז קראנענבערג מיט דער דאמע וואלטען געווען א פאר. ביידע פון דערזעלבער הויך, ברונעטען, ברוינע אויגען, ווי דורכזיכטיג ביירייש ביער. זי האט זיך באגעגענט מיט דער דא־

מע'ס בליק, צוטומעלט געווארען, ווי יענע וואלט ארויסגעלייענט איהרע געדאנקען און בייז געווען פארוואס זי קניהט ניט, ניט ניט אפּ איהר געוועזענעם מאן דעם לעצטען כבוד. דער ווייזוד, דעם גלח'ס געזאנג, די דאמע אין שווארצען, אלץ האט אויף איהר אזוי געווירקט, אז גלייך ווי דער גלח האט געענדיגט איז זי צוגעגאנגען צו קראנענבערג'ען און איהם געבעטען ער זאל זי גלייך אפּפיהרען א היים, זי פיהלט נישט גוט.

רוטקאווסקי איז צוגעשטאנען; זיי זאלען בלייבען. קראנענבערג האט צוגעזאגט: באלד צוריק צו קומען, ווען נור אפּפיהרען די דאמע, און ער איז ארוים מיט שרה'קען.

זיצענדיג אין שליטען האט זי אפּגעאטהעמט, זיך געוואונדערט פאר וואס דער בית הקברות ריח פיהלט זיך פון יעדען טויטען און געטראכט וועגען איהר מוטער.

זי האט זיך איינגעטוליעט, אראפּגעלאזט דעם קאפּ:

— נאריש:

— וואס, ס'לעבען?

— אלץ!

— ווען מענשען וואלטען געוואוסט ווי צו לעבען, וואלט נישט געווען קיין גרעסערער פרייד ווי דער טויט. נאך א טאג, ווען מען איז זעהר מיעד, קען זיין עפּעס בעסער ווי א ווייך בעט? די צרה איז וואס מיר האלטען זיך אין אייז ערגערען, ווערען קיינמאל נישט צייטיג, דען נור צייטיגע פּירות ציהט צו דער ערד. איהר אליין, נאך אזא יונגע, כמעט א קינד און וויפיעל צרות האט איהר שוין אריינגעכאפּט? איהר האט אריינגעכאפּט נעגען אייער ווילען, — — —

— שווייגט! — האט זי איהם איבערגעריסען.

— כ'האב אייך נישט געוואלט וועה טהון.

זי האט נישט געענטפערט, געשלונגען אין זיך די טרערען, געוואלט איהם זאגען אז ער האט קיין רעכט, ער איז איהר פרעמד, זעהט ער דען נישט אז זי איז אין גאנצען זיינע, אז זי שלאפט נישט קיין נעכט, ווארט ער זאל נאך איהר קומען, און ער? — — —

ער האט געדארפט זיין דער לעצטער איהר דאס צו זאגען. ער חיים אז זי ווארט אויף איהם יעדען אבענד מיט הארץ־קלאפע־ניש. ווארט ער זאל איהר זאגען אז ער האט זי ליעב, ער זאל זי אוועקפיהרען אין זיינע וועלדער. וואס שווייגט ער? זיצט לאנגע ווינטער אבענדען, טענה'ט וועגען אלעם און מיידט תמיד אוים וועגען זייערע בעציהונגען. און ווי שטארק שרה'קע האט נישט געוואלט אנריהרען זייערע פארהעלטעניסע, האט דער עקשנות און איינגעבארענער שטאלץ, זי תמיד צוריקגעהאלטען, נישט געוואלט אנריהרען זייערע פארהעלטניסע, האט דער איז תמיד געווען, האט איהר אימיצער אלץ אין איינעם אונטער־געזאגט אז קראנענבערג וועט זי ארויסנעהמען פון דער הויז, וועט מיט איהר אוועק.

איצט האט זיך איהר געדאכט אז זי לעבט אין א טעות, אז קראנענבערג איז גלייכגילטיג, אז דאס רעדט זי זיך איין, נישט געקענט הערען מיט סארע עקשנות ער האלט אין איין פייפען אויף די פערד, האלט נישט פאר וויכטיג צומאל א קוק צו טהון אויף איהר, האט עס איהר פארקלעמט אונטער'ן הארץ, זיך דער־מאנט אין דעם געשטארבענעם, זיך דערמאנט אז זי געהט א מו־טער ווערען, וועט מסתמא שטארבען און אלץ אין איהר האט גע־שריען. — צו וואס איז דער מענש געבוירען געווארען אז ער וועט שוין מעהר נישט זיין?

דעם חודש ווען שרה'קע איז געלעגען געווארען, איז קראנענ־בערג כמעט נישט געקומען. זי איז ארומגעגאנגען א געערגערטע, צעהן מאל א טאג איהם געשריבען בריעף, געזידעלט, אלע צוריסען. געוואהר געווארען הינטען ארום אז ס'איז איהם גאר נישט, איז זי נאך מעהר דערשלאגען געווארען און פון גרוים ערגערניש און עגמת נפש, פריהער געבוירען ס'קינד.

דעמזעלבען טאג האט זי ערהאלטען פון איהם א קאש מיט רויזען. זי האט געווארט אז ער זאל קומען יעדע מינוט. ער איז נישט געקומען. ס'איז אוועק א טאג, צוויי, עטליכע וואכען, ער

איז נישט געקומען. אז ברוך איז געווען גוט אויפגעלעגט, זיך געשפּיעלט מיט'ן זוהן, האָט ער איינמאָל אַריינגעוואָרפען אַ וואָרט:

— וואָס זעהט מען עפּעס נישט קראַנענבערגען?

— כ'ווייס — איז שרה'קע רויט געוואָרען.

— אפשר איז ער קראַנק?

זי האָט נישט געענטפערט.

— אויב דו ווילסט וועל איך אַריבערשיקען פרעגען?

— מען דאַרף נישט.

— פונדעסטוועגען, אַ בעקאַנטער...

— אויב דו ווילסט, שיק!

זיי האָבען זיך נאָך דעם זעלבען טאָג דערוואוסט אַז קראַנענבערג איז שוין דריי וואָכען נישט אין דער היים. די עלטערען ווייסען נישט וואו ער געפינט זיך. שרה'קע האָט געפיהלט אַז זי איז שולדיג אין אַלעם, אַז איהר עקשנות האָט צו דעם געפיהרט, זי האָט איהם געדאַרפט זאָגען, נישט וואַרטען און ווער ווייס? ער איז פעהיג אויף אַלעם! זי האָט אַליין מיט די אייגענע הענד צושטערט דעם גליק און איצט געהט זי אַרום און וויינט! גוט אַזוי! זי איז געזעסען מיט'ן קינד אויסגעקוקט אַ־מיצען דורכ'ן פענסטער, געגלויבט אַז איהר איז באַשערט אָפּ־צוקומען אויף דער וועלט, אַז זי וועט שוין אַזוי פּטר'ן איהר לע־בען אין די שטילע, גרויסע צימערען. תמיד פיינד האָבען ברוך'ן און קינדלען ווי אַלע אידישע טעכטער.

ס'קינד האָט זיך צושריען. זי האָט געקוקט אויפ'ן רויטען קינד מיט די פערוויינטע אויגעלעך, נישט געגלויבט אַז דאָס האָט זי געבוירען און עס געלאָזט שרייען. ברײנע איז אַריינגע־קומען:

— וואָס איז? וואָס שרייט ער, דער פרעסער?

— כ'ווייס נישט.

— זעה נור ווי דו האַלטסט איהם? וועסט דאָך איהם איבערברעכען?

— האלט דו איהם.

— ווי זי ווארפט זיך מיט'ן קינד? וואס, א „בבל" איז ער? גיב איהם אהער! האץ־צא, האץ־צא, האץ־צא־צא! דו פרעסער, דו! — פארוואס שרייט ער ביי מיר נישט? איך ווייס פארוואס ס'קינד שרייט!

— פארוואס?

— ער זעהט אז די מאמע האט א זויער פנים.

זי האט נישט געענטפערט, צוגענומען ס'קינד, עס אנגעזויגען און געלייגט שלאפען. זי איז אפגעלעגען א גאנצען אבענד אויף דער אטאמאנע, געקוקט אין פענסטער און געווארט ס'זאל אימיצער אנקומען. ברוך איז אריין מיט א פרייד:

—ווייסט וועמען כ'האב היינט געזעהן?

— וועמען?

— קראנענבערגען.

זי האט זיך איינגעהאלטען, כלומרשט נעווען גלייכגילטיג און אזוי כלא ידע א פרעג געטהון:

— וואס מאכט ער?

— געזונד ווי א גוי, געווען זאגט ער אין אויסלאנד, קלייבט זיך צו אונז, ער האט דיך געלאזט גריסען.

— וואו האסט איהם געטראפען?

— א משוגענער, שלעפט זיך מיט א ביקס איבער'ן וואלד!

זי איז פריהער ווי תמיד געגאנגען שלאפען, געוואלט זיין מיט זיך, איינע אליין, געווען גליקליך. בעשלאסען איהם אלץ דא דערצעהלען. געווען זיכער אז ער ליעבט זי, מסתמא פון פערדרוס אוועק, געהט איבער'ן וואלד און חלום'ט וועגען זיין שרה'קען. זי איז אזוי אפגעלעגען ביז א שטיק אין דער נאכט, נישט אויפגעהערט צו חלום'ען און אז זי איז איינגעדרימעלט האט מען לייכט אנגעקלאפט אין פענסטער. זי האט געהערט אין שלאף אז מען קלאפט, געוואלט עפענען די אויגען, נישט געקענט, זיך געערגערט, א צאפעל געטהון און אויפגעקומען. ס'איז געווען שטיל. זי האט זיך געוואלט דערמאנען וואס זי האט געהערט אין שלאף,

נישט נערענקט און זיך גערדעהט אויף׳ן גע׳לענער. מען האט ׳לייכט א ק׳לאפ געטהון אין שויב, ווי מען וואלט אן ארבעס געוואר־פען, האט זי זיך דערמאנט אין חלום און זיך אויפגעזעצט. זי האט געקוקט אין פענסטער, קיינעם נישט געזעהען און אז זי האט זיך ׳לאנג איינגעקוקט אין דער פינסטערניש, האט זי באמערקט א פנים. זי האט געוואוסט אז דאס איז קראנקענבערג, כאטש זי האט איהם נישט געזעהן, מיט הארצק׳לאפעניש זיך גענומען אנטהון, ארויפ־געווארפען אויף זיך א פוטער מיט שיך, פארגעסען אז ס׳נאכט העמד זעהט זיך ארויס און שטי׳ל ארויס אויף׳ן גאניק. זי האט דערפיהלט קראנקענבערגען ארום זיך, א ציטער געטהון. די ׳ליכט־׳לעך אייז וואס האבען געהאנגען ארום זיינע האר האבען אנגע־ריהרט איהר צו־ווארימט פנים. זיי זיינען געשטאנען א ווייל׳ע אהן ווערטער, איינער אין צווייטענס ארעמס און געפיהלט ווי זיי־ערע אטהעמס ווערען שווערער, אפגעהאקטער.

— האסט געבענקט נאך מיר?

— ניין!

— כ׳נלויב דיר נישט!

— טא וואס האסטו מיך אזוי ׳לאנג גע׳לאזט ווארטען?

— אז דו האסט מיך נישט ׳ליעב?

— איך?

— טהייערע!

— ׳לאז מיך נישט אליין!

— כ׳בין געקומען נאך דיר!

— גוט!

— טא קום.

— אזוי? — האט זי געוויזען אויף איהר הילוך.

— ס׳מאכט נישט.

— וואוהיז וועל׳ן מיר געהן?

— מיין ש׳ליטען ווארט אויף אונז:

— און ס׳קינד? — איז זי געב׳ליבען שטעהן מיט צושפרייטע הענד.

— ס'קינד מוזטו לאזען.

זי האט נישט געענטפערט, אויף די שפיץ פינגער אריין אין שטוב, אנגעשריבען א פאר ווערטער, עס געלאזט ליגען אויפ'ן טיש, געשטאנען א ווײַלע איבער'ן קינד וואס איז געשלאפען, ווי א קליין פויגעלע, נישט געפיהלט קיין פערדרוס וואס זי לאזט עס איבער און צוריק ארויס. אהן ווערטער, שטיל, האבען זיי זיך גע'גנב'עט צווישען די בוימער און וואס טיעפער זיי זיינען אריין אין וואלד אלץ באנגער האט שרה'קע אנגעהויבען צו פיהלען, זיך נישט געגלויבט אז זי זאל האבען איבערגעלאזט ס'קינד און אי־מיצער האט איהר אונטערזאגט אז ס'איז נאך ניט שפעט, זי קען נאך חרטה האבען און צוריקגעהן. קראנענבערג האט זי ארומגענומ־מען, ארויסגעשלאגען אלע ספקות פון קאפ, זי אריינגעזעצט אין שליטען, פעסט איינגעטוליעט און זיי זיינען פערשוואונדען אין געדיכטען וואלד.

— 14 —

דער לעצטער אין דער משפחה.

גלייך ווי דער פריהמארגען האט זיך גענומען פון וואלד ארויס־שניידען, בעזילבערט די שפיצען פון די בוימער, די דעכער פון די שטאלען, איבערלאזענדיג שטיקער ליכט דא און דארט, האט זיך ביינע אויפגעכאפט.

זי האט געוואוסט אז היינט איז שבת, מען קען אביסעל לענ־גער שלאפען, אויסרוהען די אלטע ביינער, האט זי אבער פון גע־וואהנהייט מעהר נישט געקענט ליגען און איז אראפ פון בעט.

ביינע האט זיך אפגעגאסען די נעגעל, געזאגט א פאר אידי־שע ווערטער און געעפענט א קופער מיט וועש. פון צועפענטען קופער האט געשלאגען מיט עפעל־ריח, מיט שמעקענדיגען קיהן — האט ביינע א צופרידענע פונאנדערגעווארפען די פרישע, ווי די בלעטער, אויסגעמאנגעלטע שטיקער וועש און געקוקט צו זיי זיינען גאנץ. זי האט געוואוסט אז מרדכי האט נישט ליעב פער־ריכטע וועש און געטראכט בשעת־מעשה, אז אם ירצה השם, אויף סוכות וועט מען דארפען קויפען א שטיקעל וועב, דען די העמדער רייבען זיך אויס.

ביינע האט געמאכט צוויי פעקלעך, פערמאכט דעם אנגע־פראפטען קופער און געווען גליקליך וואס אין שטוב איז אזא שפע, וואס היינט אז שבת און וואס דער שבת שמעקט ארויס פון יע־דען ווינקעלע; פון די זילבערנע לייכטערס וואס שטעהען אויף'ן טיש, פון מעשענעם בלישטשענדען הענג־לייכטער, פון די היה־נערשע ביינדלעך וואס וואלגערען זיך אויף דער פאדלאגע נאך דער

נעכטיגער סעודה און אפילו פון וואלד. שבת רוהט אויך דער וואלד.

ברײנע איז ארײנגעקומען זעהן צו דאס קינד שלאפט. פײגעלע איז געלעגען אן אפגערעקטע מיט'ן רעכטען הענטעל אונטער'ן קעפעל און לײכט געשלאפען. ברײנע האט זי נישט געוואלט איבערוועקען און געטראכט אז אפילו די האר זײנען שרה'קעס. גלײכע, שווארצע, פאלען אין די אויגען ארײן ווי פאסמעס. און וואס לענגער ברײנע האט געקוקט אויף פײגעלען מיט די פרישקײט אין די מאטע באקען, מיט דעם שמײכעל ארום די ווינקלען פון מויל, אלץ ווארימער איז איהר געווארען.

— פונקט די מאמע, ס' זאל פעהלען א טראפען — האט די אלטע שטיל געזאגט און זיך מיט אמאל צופינטעלט — מען דארף דאך האבען א הארץ פון א מערדער איבערצולאזען אזא שוואלב. און ווער האט זיך געקענט ריכטען אויף שרה'קען, בײ אזא וואוילטאג?

זי האט פאמעלעך אונטערגעהויבען דאס קישען און היגטערגעלעגט די וועש. פײגעלע האט זיך דורכגעווארפען, צועפענט אויף א רגע די אויגען:

— שפעט, ברײנע?

— שלאף, שלאף! מעגסט נאך שלאפען, קינד מײנס! דאס האב איך דיר וועש אנגעגרײט — האט די אלטע פײגעלען בערוהיגט און זי ארומגערעקט מיט דער קאלדרע.

פײגעלע האט זיך אויסגעדרעהט, אײנגעטוליעט און פערשלאפענערהײד זיך געפיעשטשעט:

— טא לעג ארונטער די וועש אונטער דער קאלדרע! אז ס'איז קאלט!

— גוט, גוט, קינד מײנס! בריליאנט מײנער, שלאף! — האט די אלטע זיך בײ איהר געבעטען, אונטערגערוקט די וועש אונטער דער קאלדרע און אפגעשפראכען אן עין־הרע.

זי האט ארויפגעווארפען אויף זיך איהר ווײסען שבת'דיגען קאפטען מיט שפיצען און, ווי א ווײב, איז ברײנע ארײן אין דער

סאליע, וואו מרדכי איז געשלאָפען און איהם אָוועקגעלעגט צופו־
סענס די וועש.

מרדכי'ס שווארצע באָרד, דורכגעוואָרפען מיט גרויע האָר, איז
נגיד'יש געלעגען איבער דער ווייסער קאָלדרע, דאָס גאַנצען פּנים
האָט געשמייכעלט — האָט די אַלטע ברײנע אויפגעהויבען איהרע
פייכטע, פרומע אויגען און אַ גליקליכע אָפּגעזיפצט:

— אוי, טאַטע־פּאַטער, כ'בין דאָך נישט מעהר ווי אַ זינדיגע
אשה, געלויבט זאָל זיין דער הייליגער נאָמען רערפּאַר!

ברײנע האָט נאָך געדיענט ביי מרדכי'ס טאַטע, וועלכער האָט
איהר געגעבען פינף הונדערט גילדען מיט אַ קוה נדן און זי
חתונה געמאַכט פאַר אַ דאָרף־שניידער. באַלד נאָך דער חתונה
האָט מען דעם שניידער צוגענומען פאַר אַ זעלנער און ער איז
דאָרט געשטאָרבען. ברײנע איז צוריק געגאַנגען אויף איהר אַלטער
שטעל, שפּעטער איבערגעגאַנגען צו מרדכי'ן, וואו זי איז פערבלי־
בען די איינציגע בעל־הבית'טע, געפיהרט דאָס ווירטהשאַפט לויט
איהר אייגענעם שכל.

און אַז ס'האָט געטראָפען מרדכי האָט איהר עפּעס אויסגע־
רעדט, האָט זי זיך צושריען אויף איהם, געשטראַשעט אַז זי וועט
אָוועקגעהן, אַז ביי מרדכי'ס טאַטען, עליו השלום, האָט זי אויך אַזוי
געפיהרט, דאָרף מרדכי נישט קליגער זיין!

מרדכי'ן האָט הנאה געטהון וואָס זי שרייט אויף איהם, ער
האָט זי איינגענומען מיט גוטע רייד און איהר תמיד דערמאָהנט,
ווי זי האָט איהם איינגעלוויז געשמיסען.

די אַלטע האָט זיך געגרויטעלט ווי אַ מיידעל און פאַרשעמט
געשמייכעלט:

— זייט איהר טאַקע אויסגעוואַקסען אַ מענש!

ברײנע האָט זיך אָנגעטהון די שפּאַקולען, גענומען דעם קרבן־
מנחה סדור און אַרויס אויף דער ווערענדע. אַלץ האָט געלויכטען,
געבלישטשעט, ווי אָפּגעגאָסען מיט זילבער. די ווייכסעל, אַ קלאָה־
רע, האָט געבלענדעט די אויגען, אָנגעיאָגט אַ פרייד.

פון וואַלד זיינען אָנגעקומען אַ מחנה ווראָבליעס, זיך צושאָטען

אין מיטען הויף ארום דער קאריטע מיט וואסער. די פייגעלעך האָ־בען זיך געפליעסקעט אין וואסער און פרישע, אויסגעצוואָגענע האָ־בען זיי זיך גענורעט אין דעם ווייסען זאמד וואס ארום דעם ברו־נען און געצווישטשערט.

פון מאל צו מאל האט זיך א האהן א שטעל געטהון אין זיין גאנ־צער גרויס, צושפרייט די פליגעל און זיך צוקרעהט. פון אלע זיי־טען האבען זיך צו איהם גענומען טראגען וואקלענדיגע היהנער מיט נארישע קעפלעך. די היהנער האבען געשארט מיט די פיס־לעך, געזוכט. און דער האהן א שטאלצער האט זיך אפגערוקט אן א זייט און געקוקט ווי די ווייבער עסען.

ברײנע האט געלאזט ליגען דעם סדור אויף א בענקעל. זי האט גענומען אין פארטוך אריין אביסעל ווייץ, אראפ פון דער וועראנדע און גענומען רופען:

— ציפ, ציפ, ציפ, ציפ, צי — — — פפ!

די היהנער האבען זיך געווארפען איינע איבער דער אנדערער, געפאלען, זיך געיאגט צו ברײנען פון אלע זייטען.

ברײנע איז געשטאנען אין דער מיט, די שפאקולען אויף דער נאז און הנאה געהאט ווי די היהנער עסען. זי האט די שפיצען פון פארטוך אריינגעמאכט אין גארטעל, געכאפט יעדעס מאל אנ־אנדער הוהן, געטאפט אונטער'ן פליגעל, געבלאזען — — — —

— קיין עין־הרע א הייטעל!

— אן עוף, א שטום באשעפניש און ווי דאס פיעסטשעט זיך! אסור, להבדיל א מענש! נו, „שונדא, שונדא" האט ברײ־נע גערופען און אויסגעשטרעקט א קליין, ציטערדיג הענטיל.

דאס היהנדעל האט צושפרייט די פליגעל, זיך צונעזעצט און זיך געלאזט כאפען. ברײנע האט דעם היהנדעל אונטערגעט־טראגען א האנד מיט ווייץ:

— נו, עס, עס! ס'פיסעל וועט זיך אויסהיילען! ווילסט נישט? ביזט חולה? — האט די אלטיטשקע גע'טענה'עט און צו־געטוליעט דאס היהנדעל צו דער ברוסט — אז ס'איז א צער בעלי־חיים!

דער קאַלטענעוואַטער הונד מיט'ן דרענגעל צווישען די פיס איז אַרוים פון דער בודע, באַשמעקט די אַלטע ברײנע, זיך געזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, געקלאַפּט מיט אַ פאָדערשטע לאַפּע זיך איבער אַן אויער, אַרויסלאָזענדיג בשעת־מעשה אַ געניץ און ערגעץ וואו פערשוואונדען.

ברײנע איז צוריק אַרויף אויף דער וועראַנדע, זיך אַנגעריבען אַן דעם שויב די הענד און געזאָגט אַ שבת'דיגע תחינה. זי האָט יעדע ווײלע אויפגעהערט זאָגען, זיך אײנגעהערט צו מען שלאָפט נאָך, זיך אַרומגעקוקט און אָפּגעזיפצט:

— אוי, טאַטע־פאָטער, מען טאָר דאָך נישט זינדיגען!

„— — — און דו זאָלסט אַנטפאַנגען מײן תפילה, אַזוי ווי דו האָסט אַנטפאַנגען די תפילה פון אונזער מוטער חנה — —

די היהנער זײנען אַרײן אין גאָרטען צואוואָרפען מיט די לאַפּעס די בײטען, אויסגענראַבען דאָס גרינס.

„— — — און אַזוי ווי דו האָסט אַנטפאַנגען די תפילה פון דבורה'ן — — — אַשאַ, אַשאַ! — — — האָט ברײנע געלאָזט ליי־גען דעם סדור, אַראָפּ פון דער וועראַנדע און גענומען אַרויסיאָגען די היהנער.

פון פערד־שטאַל איז אַרוים דער פּאַראַבאָק, אַ יונגער פויער, מיט אַ בײטש אין דער האַנד. ער האָט זיך אַרומגעוואַשען ביי דעם ברונען, זיך צוקנאַלט מיט דער בײטש און אַרײנגעקוקט צו די בהמות.

אַ יונגע שיקסע מיט אַ קײלעכדיג פּנים, ווי אַ רויטער צײטי־גער עפּעל, איז געזעסען אויף די קיטשקעס, ס'קלײד צווישען די פיס און געמאָלקען אַ קוה. זי האָט יעדע ווײלע נאָך געמאַכט די פינגער אין דער מילך, זיי זאָלען זײן גליטשיג, געאַרבייט מיט בײדע הענד און פאַריגע מילך האָט זיך געשוימט פון עמער אַרוים.

— גוט מאָרגען! ביזטו שוין אויפגעשטאַנען, מאַנדא? — האָט דער פּאַראַבאָק זי געפרעגט און אָנגעשטעלט די בײטש ביי דער טהיר.

— נאָך נישט! — האָט די שיקסע זיך צולאַכט, אונטער־

נעהויבען א ווארצעל און א מעלק געטהון דעם שייגעץ אין פּנים אריין.

א צופרידענער האט זיך דער פאראבאק אפּגעווישט, אראפּ־גענומען פון דער וואנד די „פּאטשארקעס“, אנידערגעקניעט אויף א בונט־שטרוי און תפילה געטהון. ער האט געהאלטען אין איין איבעררוקען די „פּאטשארקעס“ , געמאכט מיט די ליפּען און געקוקט אויף דער שיקסעס פולע פּלייצעס, אויף דער שוימענדער מילך — האט עס דעם יונגען פויער צונומען און ער האט די שיק־סע א קיצעל געטהון מיט דער בייטש אין קארק.

די שיקסע האט זיך א טרייסעל געטהון, אנגעווארען דאס גלייכגעוויכט, זיך קוים דערכאפּט און זיך געבעטען:

— טשעפּע נישט, וואצעק! כ'וועל נאך די מילך אויסגיסען!

וואצעק האט געהאלטען אין איין זאגען ברכה, זיך שוין גע־נומען קלאפּען אין הארץ אריין, געזעהן ווי מאגדא שטעלט זיך אויף, איז ער אויך אויפגעשפּרונגען, ארומגעכאפּט די שיקסע און זי צוגעקוועטשט צו דער וואנד.

בריינע האט אריינגעקוקט, באמערקט דאס פּארעל און אויס־געשפּיגען: — באלד אין דער פריה, ווי בהמות!

די שיקסע האט זיך א ריס געטהון, זיך פארשעהמט און זיך גענומען קלאגען פאר בריינען:

— וואצעק לאזט נישט מעלקען די קוה, ער טשעפּעט זיך!

— געה, געה, טרייב בעסער ארויס די פערד אויף דער לאנקע! נור צו ראמאנסירען ליגט דיר אין קאפּ! — האט די אלטע גע־שריען אויף'ן פאראבאק און זיך געווענדעט צו דער שיקסע — און דו ביזט נישט בעסער פון איהם, מען דארף אייך ביידע ארויס־טרייבען! נו, באלעמוטשע נישט, כ'האב נישט קיין צייט צו ווארטען!

א נישט צופריעדענע איז בריינע געשטאנען אין שטאל, ווי מען וואלט איהר פארשטערט דעם שבת־קודש, געווארט ביז די שיקסע האט אויסגעמאלקען אלע קיה און איז ארויס אויף'ן הויף.

עס איז געווען שטיל. פון וואלד האט זיך געטראגען א שטיל זשור־

מעריו. אַז זי איז צוריק אַרויף אויף דער וועראַנדע, האָט זיך פון שטוב מיט אַ שבת'דיגע רוהיגקייט געטראָגען.

„— — — — אוי, מלבוש ערומים!“

ברײנע האָט אָנגעריבען די הענד אַז דער וואַנד:

— ברוך הוא, ברוך שמו, אמן!

ר' לייב מוכר ספרים האָט געדאַווענט פון פאַרענט. ר' לייב, אַ קליין, דאַר אידעל מיט אַ שיטער בערדעל האָט זיך אַרומגע־שלעפּט מיט אַ פערד און וועגעלע איבער די אַרומיגע שטעדטלעך, אויסגעשטעלט זיינע ספרים אין יעדען בית המדרש און אויף שבת, אויב ס'איז נור געווען מעגליך האָט ער פערקירעוועט צו מרדכי „שרייבער“ אין וואַלד אַריין. אי מרדכי, אי דער מוכר־ספרים זיינען געווען צופריעדען. מרדכי'ן איז פּשוט היימליכער געווען, ס'האָט דערעסען דער ישוב, ס'האָט זיך געוואָלט דורכשמו־עסען מיט אַ אידען. דער מוכר־ספרים ווידער האָט זיך איינגע־בראַכט אַ שבת און מיטגענומען אייער מיט פּוטער אויף אַ גאַנצע וואָך.

— גוט־שבת, ברײנע — האָט דער מוכר־ספרים אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ אויף דער וועראַנדע — האָט איהר אפשר אַ גלאָז־טהעע?

— כ'האָב, אודאי האָב איך — האָט זי אַ צופריעדענע גע־ענטפערט און איז אַריין אין שטוב.

דער מוכר ספרים איז זיין ווייס אויסגעמאַנגעלט העמד, לאַנ־גען טלית־קטן און סאַמעטענעם קאַפּעל איז אַרוים אויף דער ווע־ראַנדע. ער האָט געהאַלטען אין ביידע הענד אַ גלאָז טהעע און געזופּט מיט אַפּעטיט, ברײנע מיט די ברילען אויף'ן שטערען, מיט אַ פוסען בענקעל אין דער האַנד, איז איהם נאָכגעגאַנגען.

— נו, ר' לייב'על, וואָס הערט זיך? — האָט ברײנע גע־פרעגט און זיך אַוועקגעזעצט — איהר האָט גערעדט מיט מרדכי'ן וועגען דעם שידוך?

— וואָס וועט העלפען רעדען — האָט ר' לייב אַ ציה געטהון מיט די דאַרע אַקסלען — גלויבט מיר, ברײנע, אַז עס וואָלט פאַר

איהם געווען, ווי געוואונשען! א וואויל מיידעל, א בעל־הבית'טע, אפילו שקאלעם געענדיגט! און די משפחה? א קליינינקייט! ר' בונם'ל, דער כלה'ס פאטער, דאווענט ימים־נוראים אין גער, איהר פארשטעהט? מוסף דאווענט ער! וואס זאל מען זיך נאר־רען, ברײנע, כ'האב טאקע גערעכענט כ'וועל אבשוימען ביי מרדכי'ן א פאר רובעל, נור טענה מיט איהם, שטארקער פון אייזען בין איך נישט!

— כ'וויים — האט ברײנע געשטאמעלט — איהר האט איהם געדארפט זאגען — — — מען דארף דאך אייך נישט לערנען? ווי קומט עס טאקע, כ'וויים — — א איד, א בן־תורה — — טאקע, ווי איז מען דאס אהן א ווייב?...

— וואס רעדט איהר, ברײנע, מיר האבען זיך שוין שיעור נעכטען נישט צוקריגט. ער האט א נדר געטהון, טענה'ט ער, צייט דער אומגליק האט איהם געטראפען מיט דער טאכטער, מיט שרה'קען מיין איך, מעהר נישט חתונה צו האבען.

— הייבט זיך אן? — האט די אלטיטשקע זיך א קרום געטהון נישט פאר אונז געדאכט, נישט פאר אלע ווייסטע וועלדער גע־דאכט, ווען לאה, צו לענגערע יאהר, איז דערטרונקען געווארען, האט ער דאך אויך א נדר געטהון נישט חתונה צו האבען, גענומען האדעווען שרה'קען און איצט אז די טאכטער איז אנטלאפען הא־דעוועט ער דאס אייניקעל!

— ס'איז טאקע אמת, אז שרה'קע איז אין אמעריקא? — האט ר' לייב א נייגעריגער זיך נעפרעגט.

— און אז נישט אין אמעריקא? ס'איז א שטראף פון גאט, ר' לייבעל — האט די אלטע אפגעזיפצט.

— נו פארשטעה א וועלט, — האט דער מוכר־ספרים צונור־מען די הענד — מען זאגט אז עלטערע מויד, כ'וויים — — — מוז עוקר־מדינה זיין, אז דא ביי אזא רייכטהום, וואס האט איהר געפעהלט? און ברוך? א רחמנות אויף'ן יונגען מאן!

מיט א ברייטען גוט־שבת איז מרדכי ארוים אויף דער ווערא־נדע איז א פאר שטיק שיד און אין א געקעסטעלטען שלאף־ראק.

ער האט צוגומען זיין לאנגע שווארצע בארד, מיט די גרויע האר, אפגעהוסט און אראפגעהענדיג פון די טרעפלעך האט ער א פרעג געטהון: — נו לייב׳על, ביזטו עפעס גוט געשלאפען?

— שוין לאנג אזוי נישט געשלאפען, ר׳ מרדכי!

— גוט, גוט — — —

מרדכי איז געגאנגען צו׳ם וואלד, געזעהן ווי ער ווערט שי־טערער פון יאהר צו יאהר און ס׳האט איהם עפעס באנג געטהון. איהם האט זיך געדאכט אז ער איז דער לעצטער אין דער משפחה, איז א פערצווייגטער בוים, זיצט ערגיץ טיעף אין וואלד און וואס מעהר מען האקט דיביימער, אלץ מעהר דעקען זיך זיינע ווארצ־לען אפ און ער וועט איינדארען. מרדכי האט געקוקט אויף די אראפגעלאזטע ביימער, געזעהן אויף טריט און שריט ווי דער וואלד ווערט חרוב, האט איהם א צער ארומגענומען. ער האט געוואוסט אז ביי אזא האקען, קען דער וואלד מעהר נישט געדויע־רען פון פינף, זעקס יאהר. און דעמאלט? ער האט נישט געוואלט און נישט געקענט טראכטען דערפון. אלע האבען איהם צוגע־רעדט ער זאל זיך ציהען אין שטאדט אריין, ער זאל חתונה האבען און מיט אן אמת איז שווער געווען צו זיין אהן א ווייב, שלעכטע מחשבות זיינען געקראכען אין קאפ אריין, נישט געלאזט שלאפען. איז זיין איינציגע טאכטער פון איהם אוועק, איהם איבערגעלאזט אן אייניקעל. ווי ס׳רערעל דרעהט זיך. דאס זעלבע וואס האט פאסירט מיט איהם, חזר׳ט זיך איבער מיט זיין טאכטער. פון דעם טאג ווי שרה׳קע איז אוועק, האט דער פאטער מעהר איהר נאמען נישט דערמאנט צווישען מענשען, נישט געוואלט וויסען וואו זי געפינט זיך, נישט געלייענט איהרע בריעף. מיט וועהטאג האט ער זיך צוגעקוקט, ווי די אלטע אידישע קייט געפלאכטען פון גאט, דער תורה און ישראל ראסטעט און צעפאלט. ביי זיין פאטער איז נאך געווען א גאנץ אידיש לעבען, נישט געוואוסט אז ערגיץ וואו האט א „הויקער" ארויסגעווארפען פון דער קיט דעם „ישראל", ער, מרדכי, איז בחור׳ווייז נאך ווייטער אוועק, ער האט דעם „גאט" אויך פערלוירען און געווארען אומגליקליך.

וואס פארע ווערט האט זיין תשובה טהון, אז די קניפען אין דער קיים האלטען זיך נישט מעהר, צעקריכען ווי שפינוועבס פאר זיינע אויגען? איז זיין טאכטער אין גאנצען הפקר, זיך בעפרייט פון אלעם און ער האט זי אויסגעמעקט, נישט געוואלט מעהר ווי־סען פון איהר.

ער איז נאך פרומער געווארען, אפטער געפאהרען צו'ם רבי'ן, זיך געקלאגט וואס ער איז ווייט פון א אידישען ישוב, האט זעל־טען אז עליה, האט דער רבי נישט געהייסען דאגה'ן, זיצען אין וואלד, ס'וועט מסתמא אונטערוואקסען א יונגער. ער האט געהיי־סען מאכען יעדען שבת א מנין, נישט זשאלעווען נאך א פוהרעל האלץ פאר א בית־המדרש, פאר א תלמוד תורה, דען ס'איז ניטא קיין הארציגערע זאך ביי גאט, ווי ברכה פון קליינע אידישע קינ־דער און ס'קען נישט זיין קיין שעהנערע וועלט, ווי אין יעדען אידי־שען הויז זאל זיין ווארעם און קליינע אידישע קינדער זאלען דאנקען זיין הייליגען נאמען.

פון וואלד איז איהם אנקעגען געקומען דער לעשניק אין א לעדערנעם רעקעל. מיט איהם איז געגאנגען א הויכער פויער מיט א פעקעל אונטער'ן ארעם. זיי האבען אראפגענומען די היטלען און זיך איינגעבויגען ביז אין דער העלפט.

— גוט מארגען, פאניע בעל־הבית!

— גוט מארגען! פון וואנען געהט איהר דאס?

— דאס געהן מיר, פאניע פון דער „אלשינע" — האט דער לעשניק זיך א קראץ געטהון אין קאפ און געוויזען אויף דעם צווייטען פויער — דאס איז מיין שוואגער, שטובאק איז זיין נא־מען, ער וואהנט אין פאוולאווקע.

— גוט־גוט. צו וואס זייט איהר געוועזען ביי דער „אלשינע"?

— דאס זיינען מיר געגאנגען בעקוקען די טוידטע.

— וואס פאר טוידטע?

— דער פאן ווייס גאר נישט? באַ! — צייגט ער מיט די פינגער אויף'ן שוואגער — ביי איהם הינטער דער אלשינע האט

מען אויסגעגראבען א בית־עולם. דעם פאן'ס א „סטאראזא־קאנני" בית־עולם.

— רעד, צו אלדע יאהר!

— כ'רעד דאך — האט דער לעשניק זיך געקראצט — דאס איז אזוי געווען — — —

— לאז מיך — האט דער צווייטער פויער וואס האט די גאנצע צייט געשוויגען זיך אריינגעמישט — איך וועל דערצעהלען. דאס איז אזא אינטערעס, פאניע! מיין טאטע, דער זעליגער, האט גע־האט הינטער דער אלשינע א מארג לאנד. דאס לאנד האט ער קיין מאל נישט געאקערט. ער האט מורא געהאט. מען האט געזאגט אז אלע נישט גוטע קומען זיך דארט צונויף. איצט איז אזא אינטערעס, פאניע — נאכ'ן טאטען'ס טוידט האט מיך מיין ווייב גענומען טרייבען אז איך זאל צואקערען דאס שטיק לאנד. וואס אמת, איז אמת — א פעט שטיק לאנד! טראכט איך מיר: וואס וועט זיין, וועט זיין, כ'וועל פרובירען. באלד, ס'איז אזוי געווען. לעצטע וואך הויב איך זיך אויף פארטאג און פאהר צו מיט א פאר אקסען צו דער „אלשינע". איך פאהר אפ מיט די אקסען עטליכע טריט — זיי שטעלען זיך אוועק, נישט פון ארט. אז איך כאפ די בייטש, מעסט אפ איבער די מארדעס, וואו כ'האב נור געטראפען — די בהמות ריהרען זיך נישט פון ארט, קניען אויף די פאדערשטע פיס, רעווען און דא איז שוין באלד מיטאג. טראכט איך — שוין יאהרען נישט געאקערט, די ערד איז הארט ווי שטיין, כ'וועל מארגען קומען מיט א פאר פערד.

און וואס מיינט דער פאן? די פערד האבען אפגעאקערט אזוי א פינף און צוואנציג טריט און — האבען זיך אויך אוועק־געשטעלט. כ'בין געווארען בייז ווי א משוגענער הונד, געשלאגען וואו כ'האב נור געטראפען. די ארימע פערד האבען זיך געררי־סען, געוואלט ארויסשפרונגען פון דער אייגענער פעל און צוריק־געפאלען, אזוי ווי אימיצער וואלט זיי צוריקגעשטופט. כ'קוק זיך ארום — ס'איז עפעס ניט גלאטיג. עפעס וואלגערען זיך ארום אזוי פיעל שלעסלעך. האב איך זיך איבערגע'צלמ'ט. נור נאר

נישט — כ'ברעך אפ א צווייג פון א בוים און מיט'ן גאנצען כח נעהם איך יאגען די פערד. די פערד טהוען א שלעפ — א ווייסער ביין שפרינגט ארויס פון דער ערד. די פערד ווארפען זיך אויף צוריק, קניען אויף די פאדערשטע פיס און נעהמען וויינען, ווי וועלף וואלטען זיך נאך זיי געיאגט. האב איך פון שרעק ארפגע־נומען דאס צלם'על פון האלז, זיך גענומען צלמ'ען און זיך גע־טראכט אז דאס פעהלט מיר נאך — מיט נישט־גוטע האבען צו טהון און איך בין אוועק אהיים מיט די פערד ווי א ווינט. און פון דעמאלט אן, פאניע, קען איך ניט שלאפען. אזוי ווי איך לעג זיך אוועק, קען איך זיך נישט אפיאגען פון זיי — —

— פון וועמען האט מרדכי א נייגעריגער געפרעגט.

— פון די „דוכעס", פאניע. דער אלטער פאוועל, ער האט געווים איבער הונדערט יאהר, זאגט אז ער האט געהערט פון זיין זיידען, אז דא איז אמאל געווען א אידישער בית־עולם. דאס גאנ־צע דארף הייסט מיר אוועקשענקען דאס שטיקעל פעלד אידען, דען מיט טוידטע הויבט מען זיך נישט אן. זינט וועלט איז וועלט, לי־גען טוידטע אין דער ערד! אט האב איך געבראכט א שטיקעל שטיין, דען פאן וועט עס איבערלייענען. עס איז געשריבען „פא סטאראזאקאננעמו".

דער פויער האט ארויסגענומען פון א זעקעל א שטיקעל פון א מצבה. מרדכי האט זיך איינגעקוקט און איבערגעלייענט:

— „פ. נ. אברהם — — — "

דאס איבעריגע איז געווען אפגעריבען. מרדכי האט בשעת מעשה געפיהלט ווי א קעלט געהט דורך אלע זיינע גליעדער.

— כ'וויל דער פאן זאל צונעהמען דאס שטיקעל ערד פון מיר — האט דער פויער זיך געבעטען.

— גוט, גוט — האט מרדכי איהם בארוהיגט — קום אריבער אין אבענד וועלען מיר שמועסען געשעפט, היינט איז שבת. און דו — האט ער זיך געווענדעט צום לעשניק — טראג אריבער צו מיר דעם שטיין!

מרדכי איז אפגעגאנגען עטליכע טריט און זיך אומגעקוקט.

די פויערים זיינען פערשוואונדען אין וואלד. ער איז געבליבען שטעהן ביי א בוים, אנגעריהרט די פייכטע קארע מיט דער האנד און א טראכט געטהון אז די זייט פון בוים קוקט נאך צפון.

מרדכי האט פערריסען דעם קאפ מיט דער לאנגער בארד, גע־קוקט אויף'ן וואלד און געגאנגען צום בית־עולם.

ביי דער „אלשינע" האט ער זיך אפגעשטעלט. ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ. זיך דערמאנט אן דעם ערשטען אידישען ישוב וואו דער גרייז ר' אברהם האט פעריאגט מיט א שם המפורש די רוחות פון וואלד. זיך דערמאנט אין זיין געהאנגענעם טאטען, וואס האט טריי געדיענט פוילען און א צעוועהטאגטער האט ער דערפיהלט אין זיך אזא ליכטיגקייט, ווי ער וואלט אנגעטאפט אין זיך די פעדים וואס פערבינדען איהם מיט'ן אלטען בית־עלמין און אלץ אין איהם האט געשריען:

— איך בין דער ל ע צ ט ע ר אין דער משפחה! — — — .

ענדע

ניו יארק.
1912—13

עס דרוקען זיך די ווערק פון די פאָל־נענדע בעריהמטע אויטאָרען:

א. וו. קופּרין׳ס ווערק —

1. דער מולך און אנדערע ערצעהלונגען, איבערזעצט פון מאַני לייב.
2. שולמית און אַנדערע אידישע ערצעהלונגען, איבער־זעצט פון א. אוערבאַך.
3. דער גרוב, אַ ראָמאַן, איבערזעצט פון מאַרק שוויד.

דזשעק לאָנדאָן׳ס ווערק —

1. דער ים־וואָלף, איבערזעצט פון ל. שאפּירא.
2. פּאַר אדמ׳ן, איבערזעצט פון הלל ראָגאָף.
3. מאַרטין עדען, איבערזעצט פון ראָזאַ לעבענסבוים.

האָנאָרע דע באַלזאַק׳ס ווערק —

1. „שאַגרין לעדער", איבערזעצט פון א. גלאַנץ.
2. „דער יוד", איבערזעצט פון א. פרומקין.
3. „מאָדעסט מיניאָן", איבערזעצט פון נ. פערלמאַן.
4. „דער אַלטער גאָריאָ", איבערזעצט פון ק. בערקאָוויטש.
5. „וואונדערבאַרע געשיכטען", " " "

ל. שאַפּירא —

די יודישע מלוכה — ערצעהלונגען.

אברהם רייזען —

הומאָרעסקען בוך.

די וועלט־רעטענישען —

פון פּראָפעסאָר ערנסט העקעל, פּאָפּולערע שטודיען איבער מאָניסטישער פילאָזאָפיע, איבערזעצט פון דר. א. ש. זאַקס.

די געשיכטע פון קונסט —

פון ס. רייגאַך, רייך אילוסטרירט, איבערזעצט פון סאָל. ראַסקין.

די איבעריגע ביכער פון די פּאָלשטענדיג געזאמעלטע ווערק פון די אויבענדערמאָנטע אויטאָרען, ווערען יעצט איבער־זעצט און וועלען שפּעטער אנאָנסירט ווערען.